א ש ר   צ ע ל י ב ס ק י

1) <u>א י ן   נ י ן   ג ע ב ל י ב ן   ל ע ב ן</u>

2) [illegible] פֿון אַלן טויט

3) אַלן מלאכים פֿון טויט

4) זעען וואָס לערנען אויף [illegible]

מ א נ ט ר ע א ל * 1964

# אינהאלט

זייטן


אריינפיר ....................................

1. פארן חורבן ....................................

2. נאצי-דייטשן ....................................

3. די "עקאנאמיע" ....................................

4. גבעבוואלד ....................................

5. דער טויטן-מארש ....................................

6. נאכן חורבן ....................................

צום הייליקן אנדענק פון מיינע ליבע און טייערע,וועלכע זיינען פארשניטן געווארן דורך די נאצישע רוצחים מיט אלערליי מיתות משונות:מיין פאטער ר' לייביש ז"ל,אן איש תם וישר,א גאנצן לעבן מעיין געווען אין תלמוד און געלערנט יידישע קינדערלעך תורה;מיין מוטער,צימאל,א גוטהארציקע און ריינע נשמה; מיין פרוי,יהודית און אונדזער יאריק טעכטערל,מלכה-טויבע,זיי אלע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם אין טרעבלינקע אום שמחת תורה,1942 יאר,צוזאמען מיט מיין פארצווייגטער משפחה פון א פאר הונדערט נפשות פון מיין געבורטס-שטעטל סקארזשיסק.

מיינע ברידער שמשון און ישראל מיט זיין פרוי ראצי,אומגעקומען אויף קידוש-השם אין אוישוויץ אין יאר 1943.מיין שוועסטע[r] מרים,דערשאסן געווארן אין סקארזשיסק,אויף ווערק "צ",אין יאר 1944.

## מ י י ן  ה י י ם

איך געדענק אונדזער הויז אויף ~~דר~~ דריטע מאי גאס אין סקארזשיסק.און אלט הילצערן הויז,וואס צעפאלט זיך שוין אויף שטיקלעך.מיר וווינען אין 2 צימער-לעך ד' על ד',א משפחה פון 6 מענטשן.קיין פאדלאגע איז נישטא,אז מען קומט אריין פון דרויסן איז נישטא קיין שום אונטערשיד – מען טרעט אויף דער זעל-בער ערד.אין איין חדרל שטייט א קעכל פון ציגל,וואס דארף דינען ~~צו~~ 2 צוועק ~~צו~~ ווארעמען דאס הויז און ~~אויף אויף~~ ~~צו~~ קאכן.אבער זעלטן ווען האט זיך די קעכל געהייצט,ס'איז נישט געווען אויף צו קויפן קיין קוילן און האלץ.איז די קעכל געשטאנען סתם א נישט באהייצטע און אויף איר די פאר לערע טעפלעך.ווינ-טער זיינען מיר אלע געפרוירן ~~געווארן~~ און ס'האט נישט געהאלפן וואס מיר זי-נען ~~אלע~~ געלעגן צוגעטוליעט איינער צום אנדערן,אלע צוזאמען האבן מיר געציטערט פון קעלט.

מיין מוטער דרייט זיך ארום אין שטוב א פאראומערטע און פארדאגהטע:די קינ-דער זיינען נעבעך הונגעריק און ס'איז נישטא מיט וואס צו ~~דערפאפן~~ זיי דעם ~~הונגבלוט~~.עס שניידט איר ביים הארצן צוזעענדיק די ארומקייט אין שטוב און קו-קנדיק אויף די אפגעריסענע,הונגעריקע קינדער.פון צייט צו צייט הויבט זי אויף די הענט ~~...~~ צו א תפילה און שעפטשעט עפעס אין דער שטיל.

מיין פאטער איז א גאנצן טאג נישטא אין שטוב,ער לערנט מיט די קינדער אין תלמוד-תורה.שפעט אין אוונט קומט ער צוגיין ~~אין שטוב אריין~~ א פאראומערטער און פארזארגטער,ווי ער וואלט זיך געפילט שולדיק פאר דעם וואס ער קאן מיט זיין ארבעטן פארדינסט נישט מפרנס זיין די משפחה.איבערגעבאקט דאס הארץ מיט דער ארימער וועטשערע,גיט ער א טיפן זיפץ און רופט מיך צו.~~אזוי~~ לערנט ער מיט מיר מיט זיין 7 יאריקן זון.קיין גרויסער מתמיד בין איך נישט און מיין פאטער האט דערפון נישט ווייניק עגמת נפש.ער רעדט צו מיר ווי צו א דערוואקסענעם:לערן זיך מיין זון,דאס וועט דיך אויפמאכן די אויגן,דו וועסט דערזען די ליכטיקייט פון דער וועלט,שפעטער וועסט באדויערן וואס דו האסט נישט געוואלט לערנען. אין הארצן גיב איך מיין גוטן טאטן גערעכט,און עס פארדריסט מיר וואס איך פאר-שאף אים ווייטיק,איך גיב זיך א וווארט אז מהיום והלאה וועל איך זיך נעמען בעסער צום לערנען,אבער באלד פארקוק איך זיך ערגעץ אין א ווינקל און הער שוין

נישט וואס דער טאטע לערנט מיט מיר.

מיין עלטערער ברודער שמשון זעענדיק די נויט אין שטוב באשליסט צו לערנען שוסטעריי. דעם פאך לערנט ער ביי ארבעטער קוזין, פנחס צעלינסקי. ער נעמט זיך מיט חשק צו דער ארבעט און נאך האבנדיק א גוטן קאפ, באהערשט ער זייער שנעל די פראפעסיע. די ערשטע 6 חדשים ארבעט ער אומזיסט, נאכן האלבן יאר קריגט ער אן באקומען א פאר זלאטעס א וואך. כאטש ער איז נאך זייער א יונג בחורל, איבגאנגן 15-16 יאר אלט, קלערט ער שוין זייער שטארק ווי אזוי צוצוקן מען צו א שטיקל תכלית. ער זעט, אז ארבעטנדיק ביי יענעם וועט ער קיין סך נישט פאר דינען און ער באשליסט צו עפענען אן אייגענעם ווארשטאט. ער שפארט א זלאטע צו א זלאטע און סוף יאר קויפט ער פארן אפגעשפארט געלט א ווארשטאט די נייטיקע כלים און הויבט אן ארבעטן פאר זיך. ביסלעכווייז באַ-קומט ער א נאמען פון א גוטן און ארנטלעכן מאן און די יידישע און פוי-לישע שכנים, ווי אויך פון די ארומיקע גאסן ברענגען אים א סך ארבעט.

מיין ברודער ישראל זעענדיק, אז שמשון האט א סך ארבעט און קאן זיך אליין נישט קיין עצה געבן זעצט זיך אויך ארויף צום שוסטער ווארשטאט צו לערנען די ארבעט און העלפן דעם ברודער.

די לאגע אין שטוב האט זיך שטארק פארבעסערט, דאס קעכל הייצט זיך איצט יעדן טאג און די טעלער שטייען רויט-צעגליטע אויפן פייער און פון זיי צעטראגט זיך איבערן גאנצן שטיבל דער פיינער ריח פון בארשט, געפרעגלטע ציבעלע, און אויך א שטיקל פלייש ביט פון זיך צוזאמען מיט אלע פיינע ריחות. מיין מוטער איז איצט נישט צום דערקענען, זי איז ווי יינגער געווארן. זי שטייט א צעשטראלטע ביים קעכל און פארקוקט זיך מיט התמדה ביי די טעלער. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דאס בילד ווי אזוי אונדזער גאנצע משפחה זיצט ביים טיש און די טייערע מאמע דער-לאנגט דאס עסן. פאר גרויס פרייד, וואס זי האט דערלעבט דערצו, אז אירע קינדער זיינען שוין מער נישט הונגעריק און אז זי דערלאנגט לויט איר באגריף צום טיש מכל טוב, ווערן אירע אויגן פייכט און זי ווישט באהאלטן אפ א טרער.

<u>מיין ברודער גייט אוועק אין מיליטער און דאס מזל קערט זיך צוריק אפ</u>

אין יאר 1990 רוקט זיך אויף אונדזער משפחה אן אן אומגליק: ברודער שמשון, דער שפּייזער, ווערט צוגענומען אין פוילישן מיליטער אפצודי-

דינען א טערמין פון 1 1/2 יאר, מיט דעם פארענדיקן זיך די 5 פעטע יאר.
מיין מוטער אפעלירט צו דער מיליטערישער מאכט, אז מען האט צוגענו-
מען דעם איינציקן שפייזער, אז אן אים איז די גאנצע משפחה אויסגעשטעלט אויף
בויס און הונגער. אין עטלעכע וואכן ארום קומט אן ענטפער, אז מיין ברודער מוז
אפדינען זיין טערמין אין מיליטער.

דער דלות און בויט באזעצן זיך צוביסלעך צוריק ביי אונדז אין שטוב.
ארבעט ווערט ווייניקער און ווייניקער, די קעבל שטייט ווידער א בישל-באהייצטע
און די טעפלעך – לער. מיין מוטער גייט ווידער ארום מיט פארבראכענע הענט און
מיט פולע אויגן צער און זארג.

די לאגע אין שטוב לאזט מיר נישט רוען, איך זוך ווי אזוי מיט עפעס צו העלפן.
פאר א 12 יאריק בחורל, ווי איך בין דעמאלט אלט געווען, איז עס נישט פון די
לייכטע זאכן צו באקומען ארבעט. זיך לערנען א פאך איז אויך נישט גרינג.
אין פראפעסיעס האט מען געדארפן איינצאלן דעם באלעבאס א גאנץ היבשע סומע
פארן אויסלערנען די ארבעט און דעם ערשטן יאר האט מען בדרך כלל געארבעט אום-
זיסט. אויף דעם האב איך זיך נישט געקאנט דערלויבן, איך האב געמוזט געפינען
ארבעט גלייך פארדינען א פאר זלאטעס צו העלפן אין שטוב. סוף כל סוף
גיט דאס מזל צו מיר א שמייכל און איך באקום ארבעט אין דער יידישער באנק,
קאסא קופיעצקא קרעדיטאווא, אלס שיק-יינגל. מיין פארדינסט איז 30 זלאטעס א
חודש, אן און פאר זיך גענומען זייער א קליינע סומע, אבער פאר מיר זייער א
גרויסע. אמת, אויסהאלטן דערמיט משפחה קען מען נישט, אבער כאטש אביסל
פארטריבן דעם דלות פון שטוב קאן מען יא. פון מיין פארדינסט קאן איך
אויך העלפן מיין ברודער שמשון, וועלכער דינט אין פיאטריקאוו טריבונאלסק
איך האב מיין ברודער זייער ליב, ער איז שטענדיק געווען גוט צו מיר און
צו דער גאנצער משפחה און איך בין זייער צופרידן, וואס איך קאן פון צייט צו
צייט אים צושיקן א פאר זלאטעס.

פון דער ארבעט בין איך צופרידן. איך האב א מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט
דער שטאט און מיט די איינוואוינער. גאנצע טעג יאג איך ארום איבערן שטאט
אין שליחותן פון דער באנק, וואס איך וואלט גערן געטאן אפילו אן געצאלט,
איך בין שוין אויך פטור פון לערנען, מיין טאטע לאזט מיר צורו: שוין א דערוואק-

סענער,א פארדינער!לאנג האט מיין גליק נישט אנגעהאלטן:נאך א יאר ארבעט האט זיך באנק ליקווידירט און איך בלייב ארבעטסלאז - א 13 יאריקער ארבעטסלאזע

## א גוטער פאליאק העלפט אונדז און מיר עפענען א שפייז-געוועלב

מיין מוטער,וועלכע פילט פאראנטווארטלעך פאר דער גאנצער משפחה,זוכט מיטלען ווי אזוי זיך צו ראטעווען פון אונדזער שווערער לאגע.קיין סך אויפטאן מיט לײדיקע הענט קאן זי נישט.זי באשליסט זיך. ווענדן צו אונדזער גוטן באקאנטן,הענריק סאסקאווסקי,אפשר וועט ער אונדז וועלן העלפן. סאסקאווסקי נעמט אויף מיין מוטער זייער פריינדלעך.מיין מוטער דערציילט אים וועגן אונדזער שווערער לאגע אין וועלכער מיר געפינען זיך און פון וועלכן זי זעט איין אויסוועג - צו עפענען א שפייז-געוועלב,אבער זי האט נישט דערצו די נויטיקע פינאנציעלע מיטלען,און וועגן דעם איז זי געקומען צו אים.די מענטשלעכע האנדלונג פון סאסקאווסקין איז איבער אונדזערע דערווארטונגען:ער נעמט ארויס א פאר הונדערט זלאטעס ,גיט עס איבער מיין מוטער און ווינטשט איר הצלחה אין געשעפט,וואס זי וועט עפענען.אפגעבן אים דעם חוב וועט זי קאנען צו ביסלעך ווען זי וועט האבן.מיין מוטער דאנקט הארציק און מיט טרערן אין די אויגן פאר זיין גוטסקייט און מענטשלעכקייט,וואס ער ווייזט צו איר ארויס.כאטש אונדזער פריילישער באקאנטער איז א גאנץ פארמעגלעכער איז אבער א פאר הונדערט זלאטעס א היבשע סומע און עס בארגן אימיצן אן שום איינגבורצן האט מען באמת געדארפט האבן א מענטשלעך פילנדיק הארץ.

מיין מוטער קומט צוגיין אהיים מיט איר אוצר און מיר הויבן גלייך אן פלאנירן ווי אזוי איינצוארדענען דאס געוועלב.מיר באשטימען ארויסצונעמען א פענצטער פון דער וואנט און דערנאך אויף דעם ארט מאכן א טיר,וואס זאל זיין דער ארייננגאנג אין געוועלבל און דורך צו מאכן שענק און פאליצעס אויף אויסצולייגן די סחורה.מיין פאטער גלייך אורעק א ברירו צו זייגעם א ברודער אין שידלאוו,וועלכער איז א טאליאר, ער זאל גלייך קומען און מיטנעמען מיט זיך זיינע מכשירים.אין א פאר טעג ארום איז מיין פעטער בע-קומען צופארן,און האט זיך צו דער ארבעט.אין 2 וואכן ארום איז אלץ פארטיק געווען,פון אונדזער ארעם שטיבל איז געווארן א געוועלב.

אונדזער גאנצע משפחה קלייבט זיך אויס צו שמואל בריקס אין הורט-געשעפט

איינצוקויפן די נויטיקע סחורה פאר גערועלבל.מיר קלויבן אויס די פאמע גאנגבארסטע שפייז־ארטיקלען און אנדערע קלייניקייטן,וועלכע געפינען זיך בדרך כלל אין דעם מיין קרעמלעך,פארלאדן עס אויף א פור און פירן דאס מיט מזל אין אונדזער גערועלב אריין.דא סארטירן מיר עס אויס,צעלייגן די סחורה אויף די פאליצעס און מיין מאמע,ז'י אשת חייל,ווערט א קרעמערקע. דער אנהויב איז א גאנץ שווערער,די מאמע שטייט און קוקט אויס קונים,וועלכע יאגן זיך דערווייל נישט צו אונדז אין גערועלבל.יעדע באלע־באסטע האט איר קרעמער ווו זי קויפט שוין מכמה יארן,ווו זי באקומט אמאל אויף בארג.און יידישע שפייז־געוועלבלעך זיינען דא גענוג,באלד מער ווי קונים,ווייל וואס אנדערש קאן טאן די יידישע באפעלקערונג?אין קיין מלוכה־אמט נעמט מען קיין יידן נישט צו,אין די פאבריקן,צענדליקער מקורים פון ארבעט און עקזיסטענץ זיינען פאר יידן פארשלאסן און נישט צוטריטלעך.די פוילישע רעגירונג און איר אדמיניסטראציע איבערן לאנד ווייזן ארויס א גרויסע פאראינטערעסירונג פאר דער יידישער באפעלקערונג,נאר נישט אין דער ריכטונג פון העלפן איר מיט עפעס,נאר פארקערט,ווו נאר און מיט נאר ס'איז מעגלעך צו פארערגערן איר אזוי אויך שווערע און טרויעריקע לאגע. ביי אזא איז דער איינציקער אויסוועג געווען צו זוכן א וועלכע ס'איז עק־זיסטענץ אין עפענען א גערועלבל,ווו די גאנצע סחורה האט אפטמאל באטראפן אזוי־פיל,וויפל א פוילישער באאמטער האט אפגענומען חודשלעכן געהאלט.

דערווייל מוזן מיר פון גערועלבל ארויסנעמען באטש וויפל ס'איז אויף צו לעבן.דאס געשעפט טראגט נישט אויף דעם און די פאליצעס ווערן אויף אזא ליידיקער.דאך הויבט זיך אן דען א פארבעסערונג אין דער לאגע.סוף כל סוף ציען מיר אריין אביסל קונדן,מיין מאמעס ארנטלעכקייט און גוטע באהאנדלונג העלפט א סך אין דעם,און מיר ציען שוין איצט חיונה בדוחק פון געשעפט.אבער דא רוקט זיך אן א צווייטע צרה: יאר הויבן מיר אן פון די פוילישע אמטן יעדן טאג צוגעשיקט מעלדונגען וועגן פארשידענע שטייערן,וועלכע מיר דאר־פן אלץ צאלן פון אונדזער ארעם גערועלבל.מיר האבן נישט צו צאלן, קומט דער סעקוועסטראטאר און נעמט צו כמעט די גאנצע סחורה פון אונדזער אזוי אויך ארעם גערועלבל.ס'איז געווען א רחמנות צו קוקן אויף מיין מוטער,ווי אזוי זי האט געבראכן מיט די הענט קוקנדיק אויף די

## יידן פון א גאנץ יאָר

רייכע יידן אין סקאַרזשיסק האָט מען בעקאַנט אנציילן אויף די פינגער,די
איבעריקע האָבן געהערט צו דער קאַטעגאָריע,וואָס האָבן שווער און ביטער געאַרבעט
און געהאָרעוועט צו פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט,צו באַזאָרגן די משפחה מיט דאָס
סאַמע נייטיקסטע.צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע האָבן געהערט די קליינהענדלער,
באַלמעלאָכעס,אַרבעטער און א היבשער טייל דעקלאַסירטע יידן,וואָס זיי אליין איז
געווען שווער צו זאָגן מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך און פון וואָס זיי לעבן.

די גרעסטע צאָל קליינהענדלער האָט זיך שווער געפּלאָגט צו פאַרדינען אויפן
לעבן.א סך פון זיי האָבן נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם אומזאָץ-קאַפּיטאַל און
זיינען שטענדיק געווען איינגעטונקט אין חובות.דער רעיעבט און קאַמאַרניק
זיינען געווען אָפטע געסט אין די יידישע געוועלבלעך,און נישט $$$$$$$
איין מאָל האָט מען בעקאַנט זען ווי דער קאַמאַרניק פירט אַרויס פון א יידיש
געוועלבל דאָס לעצטע ביסל סחורה און דער קרעמער בלייבט שטיין מיט פאַרבראָכענע
הענט ביי די פּוסטע פּאָליצעס.

פאַר א מאַרק-טאָג האָט מען די קרעמער און מאַרק-הענדלער געזען אַרומלויפן
איבערן שטאָט זוכן א גמילות חסד,צו האָבן פאַר וואָס איינצוקויפן א ביסל סחורה,
מיט וואָס צו קומען צום מאַרק.אַנדערע האָבן געזוכט א גמילות חסד אויף אָפּצו-
צאָלן א צווייטן גמילות חסד,וואָס ער האָט גענומען געבומען און דער בעל טובה
אליין דאַרף עס האָבן צום מאַרק.

שווער געדריקט אויף די יידישע קרעמער און הענדלער האָט דער שטייערן-אַמט,
וועלכער איז געווען איינגעאָנצן ריקזיכטסלאָז ביים $$$$$ אויסמעסטן און איינ-
מאָנען די שטייערן.דער xxxxxxxxx אורושעס-אַנטיסעמיטיזם,וואָס האָט זיך אָנ-
געהויבן אין דxxxxxxxxxxxxxxxx צענטראַלע אַמטן אין וואַרשע און האָט זיך
געצויגן ביז די נידעריקסטע אַמטן איבערן גאַנצן לאַנד,האָט דערביי געשפּילט א
גרויסע ראָל.

נישט לייכט איז אויך געווען דאָס לעבן פון די באַלמעלאָכעס און פאַבריקעס.
די צאָל באַלמעלאָכעס און ספּעציעל אין די "יידישע פאַכן" ווי שניידער און שוס-
טער,האָט ווייט איבערגעשטיגן די פּאַקטישע באַדערפעניש,וואָס האָט בפרט געווען
א גרויסע קאָנקורענץ און אַרבעטסלאָזיקייט.דערפאַר אין סעזאָן-צייט,פאַר די יידישע
און קריסטלעכע יומטובים,xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx איז פאַרן באַלמעלאָכע

דער טאג געווען צו קליין און מען האט אים ביז אין די שפעטע נאכט-שעהען געקאנט טרעפן אייגגעבויגן איבער דער ניי-מאשין, אדער מיטן שוסטערישן העמערל. אויך די פרוי און די קינדער האבן ארויסגעהאלפן אין דער פרנסה און צוזאמען האט מען קוים ארויסגעשלעפט אויף א טרוקן שטיקל ברויט מיט קארטאפל.

א סך פון די האנטווערקער, וועלכע האבן זיך אליין געמאטערט אויף דאס ביסל חיונה,xxxxxxxxxxxx האבן אין סעזאן-צייט באשעפטיקט איינצלנע ארבעטער און זיינען געווארן... עקספלואטארן. די ארבעטער, וואס זיינען געווען ארגאניזירט אין פראפעסיאנעלע פאריינען האבן אפט ארויסגעשטעלט צו זייערע "עקספלואטארן" פאדערונגען וועגן לוין-העכערונגען, פינקטלעך ארויסצאלן די שכירות און אנד. נישט איין מאל פלעגן ארויסברעכן שטרייקן ארום די דאזיקע פאדערונגען און די ארבעטער און אפט אויך זייערע באלעבאטים זיינען געבליבן אן א שטיקל ברויט.

ירגנש

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער יוגנט האט שוין צו 13-14 יאר פארענדיקט מיט דער שול. בלויז xxx יחידי סגולה האבן באכן פארענדיקן א פאלקס-שול בעחאט די מעגלעכקייט פארטצוזעצן זייער בילדונג אין גימנאזיע אדער אין א טעכנישער שול. א סך פון די יידישע קינדער האבן בכלל נישט געלערנט אין קיין שול און האבן זייער בילדונג ~~באקומען~~

ירייד-טעג אין סקארזשיסק

דינסטיק און פרייטיק זיינען געווען ירייד-טעג אין סקארזשיסק. אין די דאזיקע טעג פלעגן זיך אויפן מארק-פלאץ, אויף דער טארגאווע באם הינטער דער לעניקיר צונויפפארן די פויערים פון די ארומיקע דערפער, צו פארקויפן זייערע לאנדווירט-שאפטלעכע פראדוקטן און איינהאנדלען אין שטאט די נויטיקע אַ זאכן פאר דער שטוב-ווירטשאפט.

פון די דאזיקע ירידים האבן געלעבט א סך יידישע משפחות פון סקארזשיסק ווי אויך פון די ארומיקע שטעטלעך ווי שידלאוועצ און אנד., וועלכע פלעגןxxx אין די מארק-טעג קומען אהער xxxxxxxxx פארקויפן זייערע ביליקע ארויסארבעטונגען.

שוין באלד אין פרי פלעגן די יידישע קליינהענדלער, אדער ווי מען האט זיי גערופן סטראגאנאזשעס, אויסשטעלן זיך דא מיט פארשידענע ביליקע סחורות פון אייגענער

אויסארבעטונג אדער איינגעקויפטע אין די הורט-געשעפטן.דער האנדל איז פאר-
געקומען אונטערן פרייען הימל;די סחורה איז אויסגעלייגט געווארן אויף טישלעך
(סטראגאנעס ווי דאס האט געהייסן אויף פויליש און פון דאנען אויך דער נאמען
סטראגאנאזשעס),און פון ערשטן בליק האט מען שוין xxxxxxxxxxx געזען אלץ,וואס
מען קאן דא באקומען.און געווען איז דא פון אלץ אין דער וועלט:מענער,פרויען
און קינדער קליידער פון די ביליקסטע שטאפן און פאר די ביליקסטע פרייזן,
אונטער-וועש,שיך,שפייז-פראדוקטן,שפילצייג און די פארשידנסטע ארטיקלען פון
שטוביקן געברויך.

די פויערים און טויערטעס האבן דאס ערשטע געזען צו פארקויפן זייערxxxxxxxx
סחורהx:געגדז,היגער,פוטער,קעלבלעך,קעז,פארשידענע פרוכט און גארטנווארג פון
די אייגענע סעדער און גערטנער.נאכן ~~פארקויפן זייערע~~ סחורה האבן זיי זיך איצט
גענומען איינהאנדלען דאס וואס איז זיי נויטיק געווען.די ערשטע זאכן אויפן
צעטל פון די פויערישע איינקויפן זיינען געווען:זאלץ,נאפט,שוועבעלעך,מאכארקע,
ביי ~~טייל~~ פאxxxxx ~~פויערים~~ קארענע מעל צו באקן ברויט און חירשענע קאשע,
און ערשט דערנאך האט מען זיך אנגעהויבן ארומקוקן,אז פארן קינד דארף מען
קויפן א פאר שיכלעך,פאר דער ווייב א קאלירט טיכל,און פאר זיך אליין א נייעם
אנצוג זיך צו באווייזן זונטיק אין קלויסטער.

דער טומל אין מארק ווערט גרעסער פון מינוט צו מינוט,מען קויפט,פארקויפט,
מען דינגט זיך,מען פאטשט איינעם דעם אנדערן אין די הענט אלס צייכן פון צו-
שטימונג,פון קומען צו א הסכם.די פויערים גייען פון איין סטראגאן צום צווייטן,
זוכן ווו ס'איז ביליקער,ווו מ'קאן קויפן גרעסערע מציאות.

אזוי זיינען די ירידים אנגעגאנגען יארנלאנג און פיל יידישע משפחות האבן
געצויגן פון זיי חיונה,טייל ביים איבערקויפן די פראדוקטן ביי די פויערים
און טייל פון פארקויפן זייערע אויסארבעטונגען.

טיילמאל פלעגן אויפן מארק אויסברעכן קריגערייען און אפילו געשלעגן צווישן
יידן און פי פוילישע פויערים.ס'רוב פלעגט עס געשען,ווען די פויערים זיינען
שוין געווען א ביסל אונטערגעטרונקען.אבער די סכסוכים און געשלעגן פלעגן
גלייך איינגעשטילט ווערן.ס'פלעגן זיך ארייננמישן זייטיקע ~~פויערים און יידן~~
און באווויקן די צעהיצטע געמיטער,באלד דערנאך פלעגט מען זיך ווידער פאטשן אין
די הענט און ווייטער שליסן ~~גוט-ברודערשאפט~~.

אויך די פאליציי האט געהאלטן וואך אין די מארק-טעג און געהאלפן ליקווידירן אזעלכע געשלעגן.

אבדערש האט עס אנגעהויבן אויסזען אין די שפעטערדיקע יארן,ווען דער אנטיסעמיטיזם אין פוילן איז ארויסגעקראכן אויף דער ליכטיקער שיין און איז אויך געווארן אין דער מאדע אין די רעגירונגס-קרייזן.

די ענדעציע און נארא האבן אנגעהויבן פרעדיקן זייער,,סוואי דא סוועגא",אז פאליאקן דארפן קויפן ביי פאליאקן און נישט ביי יידן.זיי האבן אנגעהויבן פיקעטירן די יידישע געשעפטן און נישט אריינלאזן אהין קיין פוילישע קונים.

מיט א באזונדער שארפקייט האט זיך די אנטיסעמיטישע און כוליגאנישע פוילישע יוגנט א וואַרף געטאן דווקא אויף די ארעמע יידישע סטראגאנעס.זיי האבן אין די יריד-טעג געהעצט די פויערים,זיי גערופן נישט צו באיקאטירן די יידישע קרעמער,נאר צו פאגראמירן און רויבן זייער ארעמע סטראגאנעס.

אין די לעצטע יארן פארן קריג איז דאס האנדלען אויפן מארק געווען פאר-בונדן מיט סכנות.מען האט זיך שטענדיק געקאנט ריכטן אויף איבערפאלן מצד דער כוליגאנישער יוגנט אדער פון די אונטערגעהעצטע פויערים.די פאליציי האט איצט אין אזעלכע פאלן זיך אפגעדרייט און זיך געמאכט נישט זעענדיק.ערשט לאחר המעשה פלעגן זיי זיך באווייזן און פארשרייבן דעם ייד א פראטאקאל פאר שטערן די עפנטלעכע רו אדער פאר באליידיקן דאס פוילישע פאלק...

אויך פאר די יידישע מעקלער און קצבים,וואס פלעגן קומען אין דארף איינקויפן,איז די לאגע געווארן ערגער.אין די פריער-דיקע יארן האבן די יידן זיך זייער גוט צוזאמענגעלעבט מיט דער פויערישער מאסע און ס'האבן זיך איינגעשטעלט גוטע און אפילו פריינדלעכע באציונגען צווישן זיי.די פויערים האבן אין יידן געזען דעם נייטיקן פארמיטלער,וועלכער העלפט זיי ארויס ביים קויפן און פארקויפן,וועלכער טיילט זיי צו קרעדיט און טוט זיי א סך מאל טובות.

אונטערן איינפלוס פון דער פארשטארקטער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע האבן א טייל פויערים אנגעהויבן קוקן די יידן ווי,וואס לעבן אויף זייער חשבון און ארויסגעווידן צו זיי אפענע שנאה.די יידישע מעקלער און קצבים האבן אנגעהויבן אויסמיידן צו קומען;אין די דערפער,ווו דער אנטיסעמיטישער סם איז אריינגעדרונגען אין דער פוילישער מאסע.

## יוגנט

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער יוגנט האט שוין צו 13–14 יאר פארענדיקט מיט דער שול. בלויז יחידי סגולה האבן נאכן פארענדיקן א פאלקס־שול געהאט די מעגלעכקייט פארטצוזעצן זייער בילדונג אין גימנאזיע אדער אין א טעכנישער שול.

א סך פון די יידישע קינדער האבן בכלל נישט געוווסט, וואס דאס איז א שול, און האבן זייער בילדונג באקומען אאז ביי די שטעטלדיקע מלמדים און אין תלמוד־תורה.

ענדיקנדיק צו 13–14 יאר די העכסטע כתות אין די חדרים אדער די 7 קלאסיקע פאלקס־שול האט מען שוין געטראכט וועגן תכלית, ווי אזוי פארדינען א פאר זלאטעס און ארויסהעלפן די עלטערן. קיין לייכטע פראגע איז דאס נישט געווען. די טעכנישע שולן זיינען פאר דער יידישער יוגנט געווען געשלאסן, די גרויסע פאבריקן פארזיגלט אויף זיבן שלעסער, די אמט – יידנריין. דער אייבציקער אויסוועג וואס זיי האבן געהאט איז זיך צו לערנען די פאך פון זייערע טאטעס און מאמעס: שניידעריי און שוסטעריי. איז דער גרעסטער טייל פון זיי טאקע אוועק אויף דער לערן צו די יידישע באלמעלאכעס. אנגעהויבן האבן זיי ווי געוויינלעך פון ניאנטשען דעם באלעבאס קינדער טאן אלע שטויבקע ארבעטן, ביז מ'האט זיי צוגעלאזן צו דער נאדל און העמערל איז אדורך א פאר יאר. די ערשטע ג"3 פאר יאר אויף דער לערן האט מען געארבעט אומזיסט, פארקערט מען האט נאך באדארפן באצאלן דעם האנטווערקער פאר אויסלערנען די מלאכה. ווער רעדט נאך אויב מען האט דעם זון געוואלט אוועקגעבן זיך אויסצולערנען אן "איידעלן" פאך ווי א זייגערמאכער אדער פאטאגראפ, האט מען דערפאר געדארפט גוט באצאלן.

נאכן אדורכמאכן אלע בלגולים פון א לערן־יינגל האט דער באלעבאס אנגעהויבן צו צאלן 5–6 זלאטעס א וואך. אין א סך פאלן, ווען דער באלעבאס האט געדארפן אנהויבן צאלן זיין לערן־יינגל, האט ער אים אפגעזאגט פון דער ארבעט און אויף זיין ארט צוגענומען א צווייטן, אויף דער לער.

אויסגעלערנט זיך א ביסל די ארבעט, אונטערגעוואקסן, האט א גרויסע טייל יוגנט פארלאזן דאס שטעטל און זיך בעלאזן אין דער וועלט זוכן גליקן. א סך זיינען ארויסגעפארן קיין ראדאם, לאדזש, ווארשע, מיט דער צייט זיך דארטן איינגעארדנט און באזעצט. אויף יום־טוב, אדער נאכן סעזאן, ווען ס'איז קיין ארבעט נישט געווען, פלעגן זיי קומען אין שטעטל און דערציילן די נסים פון דער גרויסער שטאט, ווו

דאס לעבן איז א סך שענער און אינטערעסאנטער ווי אין שטעטל.

## געזעלשאפטלעכע און פילאנטראפישע אינסטיטוציעס

בישט בעקוקט אויף דעם,וואס דער גרעסטער טייל סקארזשיסקער יידן איז שטענדיק געווען פארנומען מיט דאגות פרנסה,מיט דער זארג פון אויסהאלטן די משפחה, איז דאך אבגעגאנגען א ברייט-פארצווייגט געזעלשאפטלעך לעבן.און אפשר איז עס טאקע xxxxxx אין א געוויסער מאס  געווען xxxx א רעזולטאט פון די שווערע מאטעריעלע באדינגונגען,וואס האט געצוואונגען צו ארגאניזירן פארשידענע געזעלשאפטן אויף ארויסצוהעלפן זיך קעגנזייטיק אין אן עת צרה.

דריי יידישע בענק זיינען געווען אין סקארזשיסק:פאלקס-באנק,סוחרישע קרעדיט-קאסע און אלגעמיינער קרעדיט פאריין.די בענק האבן זיך געגרינדעט אין די שפעטע צוואנציקער יארן און זיי האבן ס'רוב באדינט ~~[illegible]~~ די סוחרים און האנטווערקער.

די פאלקס-באנק האט זיך געפונען אין משה ביטערס הויז אויף דריטע מאי גאס. ~~די~~ באנק איז געגרינדעט געווארן אין 1927 און האט קיין אריכת ימים נישט געהאט. צוליב פינאנסיעלע שוועריקייטן האט זי אין א פאר יאר ארום זיך ליקווידירט.

די סוחרישע קרעדיט קאסע איז געווען אין שאול פעפערס הויז אויף דער פאבריק-גאס.דער אייגנטימער און דירעקטאר פון דער באנק איז געווען לייבל פאסטערנאק. ~~די~~ באנק האט זיך ארגאניזירט אין יאר 1928 און האט געטיילט דעם זעלבן גורל וואס די פאלקס-באנק – א פאר יאר נאך איר גרינדונג האט זי זיך געשלאסן.

די באנק פון אלגעמיינעם קרעדיט פאריין איז געווען אין זעליק ווייגריבס הויז אויף פילסודסקי-גאס.דער דירעקטאר פון באנק איז געווען דוד נאגיל ,און זעליק ווייגריב,וועלכער האט געהאט די גרעסטע צאל אקציעס,איז געווען איר פרעזעס.אויך די באנק האט לאנג נישט עקזיסטירט.

א מער פאפולערע באנק-אינסטיטוציע אין שטאט איז געווען די גמילות חסדים קאסע,וועלכע פלעגט ארויסגעבן נישט קיין גרויסע קורצטערמיניקע הלוואות צו די קלענערע קרעמער און האנטווערקער.

א גאנצע ריי פילאנטראפישע אינסטיטוציעס זיינען געווען טעטיק אין שטאט צו העלפן דער באפעלקערונג אין פארשידענע ברייט-פאלן.צו זיי האבן געהערט די לינת הצדק,טאז,ביקור חולים און אנד.זיי זיינען טיילווייז געווען פינאנסירט דורך דער קהילה,דורך פרייוויליקע באשטייערונגען און נדבות און פון געלט וואס

איז אנגעקומען מעבר לים.אין די ערשטע נאך מלחמה יארן זיינען אויך אנגעקומען פון די אמעריקאנער לענדער שפייז און באקליידונג צו פארטיילן צווישן די ארעמע משפחות.

צו די דאזיקע אינסטיטוציעס קאן אויך פארעכנט ווערן די תלמוד תורה,ווו די ארעמע קינדער האבן זיך געלערנט אומזיסט.די תלמוד תורה האט זיך אין די ערשטע יארן נאכן קריג געפונען אין אלטן הילצערנעם בית-המדרש אויף דער ברזשניטשער גאס.אין די דרייסיקער יארן צעפאלט זיך דער דאזיקער בנין פון אלטקייט און די תלמוד תורה ווערט אריבער-געטראגן אין נייעם גרויסן בית-המדרש,וואס איז דעמלט אויסגעבויט געווארן.

די תלמוד תורה,וואס האט פאקטיש געדארפן זיין אויף דער אויסהאלטונג פון דער קהילה,האט קיינמאל דערצו נישט זוכה געווען.אויסגעהאלטן די אינסטיטוציע האט איין מענטש – דוד כאך – וואס האט אליין קוים מפרנס געווען זיין משפחה. יעדע וואך פלעגט ער ארומקוועטשן זיינע אייגענע דאגות פרנסה און ארומגיין איבערן שטאט עטלעכע זלאטעס אויף צו באצאלן די מלמדים פון תלמוד תורה.זיין פארדינסט איז עס געווען וואס די ארעמע יידישע קינדערלעך האבן זיך נישט ארומגעוואלגערט אין גאס און האבן זיך אויסגעלערנט א ביסל עברי.

<u>געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען</u>

א גאנצן טאג זיינען די סקארזשיסקער יידן פארזונקען אין עול פון פרנסה. סוחרים,הענדלער,באלמעלאכעס,ארבעטער,באלעגאלעס,דארפס-גייער,אלץ האורעט,שמאיעט, זוכט אויף וואס פאר א ט׳איז אופן צו פארדינען אויף מפרנס זיין די משפחה.

אנדערש זעט עס אויס אין אוונט,נאכן שליסן דאס געוועלבל,נאכן טאג שווערע ארבעט און פראצע.ווארפט מען אראפ פון זיך די בגדי חול,דעם יאך פון פרנסה און מען טראגט זיך אריבער אין גאר אן אנדער וועלט – אין א וועלט פון הויכע אידעאלן און שטרעמונגען,ווו מען זעט נישט בלויז די אייגענע ווייב און קינד,נאר מען קלערט שוין וועגן טובה הכלל,וועגן דער באפרייונג פון יידישן פאלק,וועגן דער אויסלייזונג פון דער גאנצער מענטשהייט.

א גרויסער טייל פון די סקארזשיסקער יידן זיינען היסע ציוניסטן און געהערן צו די פארשידענע ציוניסטישע ארגאניזאציעס,וואס זיינען דא אין שטאט.און וועלכע ציוניסטישע שאטירונגען זיינען דא נישטא?אלגעמיינע ציוניסטן,רעוויזיאניסטן,

רעכטע און לינקע פועלי ציון,החלוץ,בורדוניה,השומר הצעיר א.א. אלע האבן זיי דא ארגאניזאציעס,לאקאלן און פירן אן אקטיווע טעטיקייט.

אין די יידישע היייזער זיינען געהאנגען די פושקעס פון קרן קימת און קרן היסוד און יעדער איינער האט לויט זיינע מעגלעכקייטן געהאלפן דערמיט אויסצו-לייזן יידישן באדן,צו בויען א יידישע מלוכה.

די אלע ציוניסטישע ריכטונגען, וואס האבן געהאט איין ענדציל צו זען א זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה אין ארץ ישראל,האבן געפירט צווישן זיך א קאמף צו געווינען די סימפאטיע פון דער באפעלקערונג און וואס מער אנהענגער און מיטגלידער פון זייערע ארגאניזאציעס. די אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס האבן אנגעפירט מיט א ברייט-פארצווייגטער קולטור-טעטיקייט, איינגעארדנט פארלעזונגען,קעסטל-אוונטן,ליטערארישע אוונטן,אוא.וו. אפט פלעגן די באזונדערע ארטיקן אראפברענגען באקאנטע רעדנער און פירער פון ווארשע,וועלכע פלעגן געוויינלעך צוציען א גרויסן עולם,וואס פלעגט די [illegible] אנהערן.

באזונדערס אקטיוו איז געווען די ציוניסטישע יוגנט,וועלכע האט זיך גרו-פירט אין די פארשידענע יוגנט-ארגאניזאציעס.די רייכע יוגנט האט ס'רוב בעהערט צום בריה-טרומפלדור.די ארגאניזאציע האט אימפאנירט מיט איר אויסער-לעכן בלאנץ: די מונדירן,מיליטערישע איבונגען און פאראדן. אויך די אינערלעכע ארבעט פון דער ארגאניזאציע האט זיך פיל געשטיצט אויף ספארט און פארווייילונג.

ארום השומר הצעיר,החלוץ,בורדוניה האט זיך גרופירט די אזויגערופענע באלעבאטישע יוגנט און אויך פון ארבעטער-משפחות.די דאזיקע ארגאניזאציעס האבן זייער פיל געגעבן דער יוגנט,געהאלפן איר זיך באריינערן מיט אלגעמיינעם און יידישן וויסן,אויסגעברייטערט אירע האריזאנטן און געעפנט פאר איר א וועג און צוטריט צו דער ברייטער וועלט.

א סך פון דער ציוניסטיש-חלוצישער יוגנט איז אריינגעטראטן אין הכשרות, ווו זיי האבן באקומען א צוגרייטונג עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.אויך אין סקארזשיסק איז געווען א ציוניסטישע יוגנט-הכשרה,דורך פיל יוגנטלעכע,וועלכע האבן באקומען פייער צוגרייטונג,דערנאך געווען געטרייע קעמפער און בויער פון דער יידישער מדינה.

אויסער די ציוניסטישע גרופירונגען איז אין שטאט געווען טעטיק די קאמוניס-
טישע פארטיי און איר יוגנט-ארגאניזאציע, דער בונד, צוקונפט א.א. די קאמוניסטישע פארטיי איז געווען אומלעגאל און פאר געהערן צו איר האט געדראט מיט שווערע יארן תפיסה. ס'רוב האבן זיך די קאמוניסטן גרופירט ארום די פראפעסיאנעלע פאריי-נען, ווו זיי האבן געפירט זייער טעטיקייט. נישט איינער פון זיי ~~האט~~ יארן לאנג ~~געשטאנען~~ פאר זייערע אידעאלן אין די פוילישע תפיסות און אין קאנצענטראציע-לאגער אין קארטוז בערעזע.

בעת וואלן צום ~~xxx~~ פוילישן סיים, צום שטאט-ראט, איז די פאליטישע אטמאספער אין שטאט געווארן אנגעגליטע. אלע פארטייען פלעגן רופן מאסן-מיטינגען אין די טעאטער-זאלן און אונטערן פרייען הימל און ~~רופן~~ צו שטימען פאר זייערע קאנ-דידאטן. דער צווישן-פארטייאישער קאמף האט זיך פארשארפט, און איינער דעם אנדערן האט זיך נישט געשאנעוועט. יעדער איינער האט צוגעזאגט די וויילער הרים ובגבעות ~~די וויילער~~ אויב זיי וועלן שטימען פאר זייערע קאנדידאטן. די דאזיקע ~~xxx~~ ~~xxxxxxxxxxxx~~ ~~פארשפרעכונגען~~ צוזאגן האבן שפילר בעהאט א נאמען, מען האט זיי גערופן "וואל-ווורשטלעך". נאך די וואלן האבן זיך די געמיטער צוריק באררויקט און די וואס האבן זיך געכטן אויף די מיטינגען און פארזאמלונגען פארגעווארפן דאס ערגסטע זיינען געווארן צוריק גוטע ברידער ביז די... נאכסטע וואלן.

<u>א טאג אין סקארזשיסק</u>

~~xx30xx~~ האלב זעקס אזייגער אינדערפרי פייפט די סירענע פון דער "וויטוואורניע". אויף די שטילע, פארשלאפענע גאסן פון ~~סקארזשיסק~~ באווייזן זיך די ערשטע איינוווי-נער.

אין דער "קאלאניע אודשעבדניטשע" און "קאלאניע ראבאטניטשע" ווערט א ~~בעדייטנדע~~ באוועגונג. טויזנטער ארבעטער, באאמטע און פראפעסיאנאלן יאגן אין די צעכן פון דער וויטוואורניע, די ערשטע שיכט הויבט זיך אן און פופצן מינוט נאך זעקס דארף מען שוין זיין ביי דער ארבעט.

האלב זיבן אינדערפרי ~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx~~ טראגט זיך ווידער איבערן שטאט א סירענע-געהילך. דאס מאל קומט עס פון דער רעמיזע. סקארזשיסק איז א צענטראלער באן-קנופ און האט גרויסע באן-ווארשטאטן, ווו עס

זיינען באשעפטיקט ארום טויזנט ארבעטער,אנגעשטעלטע און טעכנישער פערסאנאל,

ביסלעכווייז ווערן די גאסן פון שטאט באלעבט.קרעמער און באלמעלאכעס יאגן זיך מיט די טליתים ארנטער די חענט אין די בתי מדרשים צום ערשטן דאווענען. די מילך-יידענעס טראגן פאנאנדער מילך אין די הייזער,אנדערע - פריש געבעקס, בארוואס פון אויוון ארויסגענומען.

עס איילן די ארבעטער פון וויטוויטצקיס גיסעריי און עמאל פאבריק,פון די טארטאקן,פון דער פארבן-פאבריק.די יידישע שניידער און שוסטער הויבן שוין אויך אן די ארבעט ביי זייערע באלעבאטים.פון די ענגע שטיבלעך דערטראגט זיך דער גערויש פון די ניי-מאשינען און דאס קלאפן פון די שוסטערישע האמערס.

ביי די ניי-מאשינען זיצן שוין די נייטארינס.די זינגער-מאשינען האבן זיי גענומען אויף אויסצאלן ביי משה ווינאגראד,און יעדן מאנאט דארפן זיי אים אריינטראגן א פאר זלאטעס.די פרייזן פאר נייען וועש זיינען זייער נידעריקע, דארף מען דאס אויסגלייכן מיט לאנגע שעהען ארבעט,זיצן זיי טאקע די נייטארינס פון פריען באגינען ביז די שפעטע אוונט-שעהען ביי די מאשינען.ניטא אין איין שטוב איז די דאזיקע נייטארין-מיידל די שפייזערין פון דער משפחה.דער טאטע איז ארבעטסלאז,קראנק,דארף זי טראגן אויף זיך דעם יאך פון אויסהאלטן די עלטערן און יינגערע קינדער.דארט ווו דער פאטער ארבעט אליין אויס דאס שטיקל ברויט קלויבט די נייטארין א זלאטע צו א זלאטע אויף א נדן.אן א נדן קאן זי פארזעסן ווערן ביז אין גרויען צאפ אריין.

ר'משה ערליך און יחזקאל ווייצמאן,די צוויי שוחטים אין שטאט,האבן שוין אפגעדאווענט און גייען איצט אין שעכט-הויז אויף דער זשעדזשניטשע גאס,ווו די קצבים ווארטן אויף זיי מיט בהמות און קעלבלעך.

די שפייז-געוועלבלעך עפענען זיך איינע נאך דער אנדערער און פאר-טאפעטע יידענעס שטייען און יאגן ארנטער:יענטע,געטס מיר שנעלער,דער מאן דארף גיין צו דער ארבעט!

אין גאס באווייזן זיך די חדר-יינגלעך און די תלמידים פון דער "פאוושעכנע"-שול און גימנאזיע.די יינגסטע קינדער יאגן שנעל איבער די גאסן צו די דרדקי מלמדים שמעלקעלע און לוי.די עלטערע יינגלעך גייען סטאטעטשנער,זיי לערנען דאך שוין גמרא ביי לייזער מלמד אויף דער פאבריטשנע גאס!די ארעמע קינדער אין תלמוד-תורה,וואס געפינט זיך איצט אין נייעם בית-המדרש.

ביים מלמד פאלאסצקי, א ליטוואק, וואס איין גאט ווייסט ווי ער איז פארוואגלט געווארן קיין סקארזשיסק, לערנען דערוואקסענע בחורים גמרא, תוספות משניות, און טייל פון זיי ווערן זיכער אויסוואקסן כלי-קודש: שוחטים, דיינים און ווער ווייסט, אפשר אויך רבנים.

דער ליטוואק האט א שטיבל אין מענדל פעלדמאנס הויז, וווּ יעדן שבת דאוונט מען. ער איז באקאנט מיט זיין שארפן קאפ און לומדות און ביי א שווערע שאלה האט דער רב ר' מרדכי, מענדל פעלדמאנס איידעם, גערופן דעם ליטוואק זיך מיט אים שואל עצה זיין.

אויף דער פילסודסקי-גאס, קעגנאיבער דעם מאגיסטראט, געפינט זיך די ניייע עלעגאנטע שטאקיקע געביידע פון דער פוילישער פאלקס-שול. הונדערטער יידישע און פוילישע קינדער זיצן זיך איצט מיט טומל און גערויש אריין אין די גערוימע קלאס-צימערן. דאס איז איינע פון די שענסטע געביידעס אין שטאט. די אנדערע שולן געפינען זיך אין אלטע הילצערנע הייזלעך און קאנען זיך נישט פארגלייכן מיטן נייעם בנין אויף דער פילסודסקי-גאס.

אויף דער סטאשיצא-גאס, אין הילצערנע הייזער, מיט א גרויסן ספארט-פלאץ ארום, געפינט זיך די אכט-קלאסיקע פוילישע מלוכה-גימנאזיע. דא גייען בלויז די רייכע פוילישע און יידישע קינדער, פאר די וווייניקער פארמעגלעכע איז דער אריינטריט אהער בלויז א חלום.

אויף די צענטראלע און האנדלס-גאסן דריטע מאי, פילסודסקי, סטאשיצא ווערן געעפנט די געשעפטן. מען נעמט אראפ די אייזערנע שטאנגעס פון די לאדנס, וועלכע ווערן פארמאכט אויף ביינאכט, און פאר די אויבן אנטפלעקן זיך כל המינים גוטע זאכן פון עסנווארג, דעליקאטעסן און קליידונג. עס זיינען אויך דא רייכע געשעפטן פון בידזשוטעריע. אט עפנט זיין געשעפט יחיאל באלדנלום און עס גיבן א שימעריר גאלדענע זייגערלעך, רינגעלעך און אנדערע טייערע שמוק-זאכן. אין די גרויסע געשעפטן ארבעטן אנגעשטעלטע און די באלעבאטים זיצן הינטער די קאנטארקעס און חשבונען.

די קליינע קרעמער לאזן איבער זייערע ווייבער אין די געשעפטן און אליין לויפן זיי ארום זוכן א גמילות חסד צו צאלן א וועקסעלע ער זאל נישט גיין צום פראטעסט.

אין דער געשעפטס-געגנט באוויייזן זיך באלד די יידישע טרעגער און באלעגאלעס,

װעלכע קוקן אויס א פארדינסט.באלד רופט איינער פון די סוחרים צו א טרעגער און/ א באלאדענער מיט דער שווערער משא שפרייזט ער מיט געבויגענע קני אין זיין שליחות,צופרידן וואס ער האט שוין געמאכט א "פאטשאנטעק" - שוין פון פרימארגן איז אים צוגעשיקט געווארן א פארדינסט פון פופציק גראשן.

אין די יריד-טעג,דינסטיק און פרייטיק,איז די גאנצע שטאט באלד פון באגינען אויף די פיס.אויך די,וואס האבן נישט קיין שום שייכות מיטן מארק,קויפן נישט און פארקויפן נישט,שטייען אויך אויף פריער.אפילו די קינדער אין די חדרים קומען אין די טעג פריער,די מאמעס טרייבן זיי ארויס זיי זאלן זיך נישט פלאנ-טערן אונטער די פיס.

פון אלע זייטן,פון אלע וועגן,פארן און גייען צופוס פויערים און פויערטעס, אין זייערע קאלירטע טיכלעך און הויך-פארשנורעוועטע שיך.די תבואה-סוחרים, מעקלערס,קצבים,באלעבאטעס באפאלן זיי,טאפן אין די וועגענער,וואס זיי פירן צו פארקויפן.די פויערים איילן זיך נישט,זיי ווילן פריער זיך דערוויסן,וואס מען צאלט היינט ,אר א מעסטל קארן,פאר א קעלבל,ווי טייער ס'איז פוטער,סמעטענע? באלד פאטשט מען זיך אין די הענט,די קצבים שלעפן ארויס די קעלבלעך פון די וועגענער,פארדרייען זיי די עקן און טרייבן צו זיך אין שטאל.די פויערים איילן דאס געלט און לייגן אפ באס ערשטע אויף זיך אריינכאפן אין מאנאפאלקע,אין שענק,זיך דערקוויקן דאס הארץ מיט א "סעטקע",פארבייסן מיט א הערינג.

אין די נישט-יריד טעג ציט זיך די צייט לענגער.די קרעמער שטייען שעהן לאנג פאר די געוועלבער און קוקן אויס א קונה.די טרעגער,ארומגעגארטלט מיט די שטריק, קוקן זיך ארום אויף אלע זייטן צי קומט נישט ווער זיי רופן.

שפילמאל ווערט די בייטאגיקע שטילקייט און פארחלומטקייט איבערגעריסן דורך א לויה,וואס ציט דורך די גאסן צום בית עולם הינטער דער שטאט.נאך דעם שווארצן ארון מיטן מת גייט נאך די פאמיליע און א ביסל מלוים.די פריש-געווארענע אלמנה וויינט,שרייט,ברעכט מיט די הענט און האלט אין איין חלשן.

ביינבעריקע ווייבער,קרעמער,קוקן ארויס,פרעגן ווער ס'איז דער מת און שאקלען צו מיט באדויערן:געבליבן איבערגעלאזן אן אלמנה און יונגע יתומים!אמת,קיין גרויסער פארדינער איז ער נישט געווען אבער דאך א מאנסביל,און ווער וועט זיך איצט ארומ-קוקן אויף דער אלמנה און יתומים?!

די פאליאקן קוקן אויף נאך מיט בייגעריקייט די יידישע לויה.א ביסל רירט זיי די געשרייען און געוויינען,און א ביסל איז עס זיי פרעמד:אויף זייערע א לויה איז עס אנדערש – מען פארהאלט זיך רויקער,איינגעהאלטענער.

און אט איז אנגעקומען די באן פון ווארשע און ~~[illegible]~~ געבראכט די יידישע מארגן-צייטונגען.נעבל ראזענבערג,א רעליגיעזער ייד,שטייט ~~[illegible]~~ און ווארט אפ די צייטונגען דעם "מאמענט","היינט","פאלקס-צייטונג",ער פארנעמט זיך מיט קאלפארטירן זיי אין שטאט.

פרעצן מינוט נאך דריי אזייגער בייטאג טראגט זיך וויבער איבערן שטאט דער סירענע-געהילך פון דער וויטווורניע.די ערשטע שיכט האט פארענדיקט די ארבעט און מען רופט די צווייטע שיכט איר צו פארטרעטן.

פיר אזייגער נאכמיטאג פייפט די סירענע פון די באן-רעמיזעס.טויזנטער ארבעטער שיסן זיך ארויס פון די פאבריקן און איילן אהיים,צופוס,אויף ראווערן.אין שטאט ווערט צוריק טומלדיק,לעבעדיק.

פוילישע ארבעטער און באאמטע קומען אין די יידישע געשעפטן איינקויפן.זיי קענען זיך מיט די קרעמער שוין פון יארן,באגריסן זיי זיך פריינדלעך,פרעגן אויס איינער דעם צווייטן,וואס מען הערט ביי זיי,און דערנאך טרעט מען צו צום אויסקלויבן און איינקויפן.מען דינגט זיך א ביסל וועגן פרייז,וועגן די ראטעס אויף אויסצאלן, לסוף קומט מען אדורך און ביידע צדדים זיינען צופרידן.

א סך פוילישע קונים,וואס האבן אלע יארן איינגעקויפט אין יידישע געשעפטן מיידן זיי איצט אויס.זינט די אנטיסעמיטישע סטודענטלעך און די עלטערע ענדעקעס האבן אנגעהויבן צו טומלען,אז יידן זיינען א פרעמדער עלעמענט אין פוילן און קויפן דארף מען ביי "איינענע" – טרעטן זיי נישט אריבער די שוועל פון א יידישא געשעפט.

אנדערע פאליאקן קוקן אויף די פלאקאטן פון וועלכע עס שרייט אראפ די לאזונג: – סוואי דא סוועגא-און מאכן זיך גארנישט דערפון.זיי האנדלען ~~[illegible]~~ מיט יידן פון ~~לאנג~~,און זיי זעען נישט,אז דער ייד זאל זיי אפנארן,זאל נעמען ביי זיי טייערער ווי דער פוילישער קרעמער.אדרבא,ביים יידישן קרעמער קויפן זיי בעסער און ביליקער. איז זאלן זיי נישט פארדרייען קיין קאפ די צעהיצטע סטודענטלעך,זיי טוען קיינעם קיין טובה נישט מיט דעם וואס זיי העצן קעגן די יידן!

די אנטיסעמיטישע כוליגאנעס ~~באגבגעבען זיך נישט~~ שטענדיק מיט בלויזע רייד. טיילמאל באפאלן זיי ~~[illegible]~~ און שלאגן זיי.זייער "העלדישקייט"ווייזן זיי ס'רוב ארויס קעגן עלטערע יידן.

ארונט.די געוועלבער ווערן געשלאסן און פארהאקט מיט די לאדנס.די יידי-
שע געזעלן האבן אפגעארבעט זייער שווערן טאג און קערן זיך איצט מידע אום
אהיים צו דער ארעמער וועטשערע.פרומע יידן גייען צוריק פון מעריב-דאווענען און
רעדן ארום די שטאט-פאליטיק.

די יוגנט שיט זיך באלד ארויס פון די הייזער און לאזט זיך אוועק אויף די
הויפט-גאסן:פילסודסקי,דריטע מאי.דא טרעפן זיך ייגגלעך מיידלעך,מען לאזט זיך
אוועק לענגאויס די גאסן און מען ראמאנסירט.

שבת אין אוונט זייען די גאסן געפאקט מיט יידישער יוגנט און אויך עלטערע
וועלכע כאפן א שפאציר,מאכן אן חקפה ארום און.זונטיק זעט מען אויף די
זעלבע גאסן אויסגעפוצטע פוילישע בחורים און מיידלעך,וועלכע קנאקן באניקערן.

די רייכע יידישע בחורים לאזן זיך אוועק אין רעסטאראן פון חיים שיע דימאנט,
אין שאול פעפערס הויז אויף דריטע מאי גאס.דא,ביי דימאנטן אין רעסטאראן,באקומט
מען מכל טוב:געבראטענע גענזנס,לעבערלעך,די בעסטע פיש,אייז-קרעם און נאך אנדערע
גוטע זאכן,וואס נאר די רייכע יינגלעך קאנען זיך אויף דעם דערלויבן.די ארעמע
געזעלן "ארבאדשעווען" זייערע מיידלעך מיט סאדע-וואסער און א "פלוטאס"שאקאלאד
פאר 10 גראשן,וועלכע מען נאשט צוזאמען מיט גרוים הנאה.

אין די פארטייאקאלן איז לעבעדיק און פרייליך.מען טאנצט "הוראַט",
מען זינגט יידישע און העברעישע לידער,מען דיסקוטירט וועגן דער היסטארישער רעכט
פון די יידן אויף ארץ ישראל.

די ציוניסטישע פירער יחיאל קאזלאווסקי,אדוואקאט מרדכי גאלדשטיין,יחיאל
זלאטי און אנדערע,טרעטן אפט ארויס פאר דער יוגנט מיט רעפעראטן וועגן דער באַלפּא-
באלער פראגע,וועגן אנדערע פראבלעמען,וועלכע די יוגנט און עלטערע פארטיי-מיט-
גלידער ווילן בעסער באנעמען און פארשטיין.

אויך אין לאקאל פון די פראפעסיאנעלע פאריינען,אויף דריטע מאי גאס,איז איצט
לעבעדיק.דארט זאמלען זיך עלטערע און יינגערע ארבעטער און רעדן ארום
זייערע פראבלעמען.און פראבלעמען זייען דא פיל:די מייסטערס ווילן נישט
געבן די העכערונג,וואס דער פאריין האט ארויסגעשטעלט,נישט אומעטום ווערט אפגעהיט
דער אכט שעהעדיקער ארבעטס טאג.מען רעדט אויך ארום די קולטור-טעטיקייטן,וואס דער
פאריין פירט צווישן זייגע מיטגלידער. אין אן אנדער צימער קומט פאר א
פראבע פון דראמקרייז ביי די פראפעסיאנעלע פאריינען,וועלכער גרייט זיך צו אן

איז אים נישט בעלונגען מיט גוטן און אויך אונטער בראונגען דאס ארויסצובאקומען
אין אזא פאל האט זיך דאס בעענדיקט מיט אן אמתן פאגראם איבער דער יידישער בא-
פעלקערונג,די דייטשישע הארדעס זיינען ארומגעגאנגען איבער די יידישע הייזער און
האבן גערויבט און געשלאגן אלע,וועלכע זיינען אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט.

__יידישער ארבעטס-אמט__

יעדן טאג פון דער יודענראט צושטעלן עטלעכע הונדערט יידן צו פארשידענע ארבעטן
ביי די דייטשן.צו דעם ציל ווערט ביים יודענראט ארגאניזירט א ספעציעלער ארבעטס-
אמט,וועלכער פארנעמט זיך דערמיט. דער אנפירער פון אמט איז א געוויסער
אלבירט,אן אנשטענדיקער און גוטהארציקער מענטש.לויט די אנגענומענע רעגו-
לאציעס איז יעדער ייד געווען פארפליכטעט 2 טעג אין וואך צו ארבעטן ביי די
דייטשן,און לויט די רשימות פון דער יידישער באפעלקערונג,האט דער ארבעטס-
אמט ארויסגעשיקט בעלדונגען ווען יעדער זיך שטעלן צו דער ארבעט.דער זאמל-
פלאץ איז געווען אויף דער פאבריטשנע גאס ביים בית המדרש.יעדן אין דער פרי
7 אזייגער האבן זיך דא געשטעלט הונדערטער יידן און פון דאנען
אפמארשירט אויף די ערטער ווו זיי זיינען געווען באשטימט.די רייכערע יידן גיבן
זיך דערוויייל אן עצה און קויפן זיך אויס פון דער ארבעט. זיי דינגען פאר א
געוויסער באלוינונג אנדערע מענטשן און מיטן הסכם פון ארבעטס=אמט פארטרעטן זיי
יענע ביי דער ארבעט.

אויפן פלאץ קומען יעדן טאג פאר הארצרייסנדע סצענעס.די מענער און פרויען,
וועלכע ווערן באשטימט דעם טאג צו גיין ארבעטן אין דער געסטאפא אדער עס-עס שטיי
ען און וויינען.דאס זיינען די ערגסטע"פלאצוווקעס" ווו מען איזדיעקעוועט זיך און
מען שלאגט ארומברחמנותדיק.זיי בעטן זיך ביי אלבירטן זיי צו שיקן אין אנדערע ער-
טער,ווו די באהאנדלונג איז א מער מענטשלעכע.אבער אויך אהער מוז מען דאך שיקן
א באשטימטע צאל מענטשן וועלכע זיי פארלאנגען,זיך אויסקויפן דערפון קאן מען
נישט.

א געוויסן טאג דערגיים דערצו,אז אלבערט קאן זיך בשום אופן נישט קיין עצה
ביים פארטיילן די מענטשן צו די פארשידענע ארבעטן.ער רופט ארויס די יידישע
פאליציי צו הילף.זיי העלפן איינשטעלן ארדענונג אויפן פלאץ און צו פארטיילן די
ארבעטער אין די נויטיקע גרופעס.דאס נעמט א לענגערע צייט, אויך די פאליציי

קאן זיך נישט אזוי לייכט אן עצה געבן מיט די פארצווייפלטע מענטשן. נאך שבת פון דער פאליצײ דארף מען זאגן, אז זייער אויפפירונג איז געווען א קארעקטע, זיי האבן זיך נישט באנוצט מיט כוח און טעראר, און דערנאך אליין געכאפט קלעפ דערפאר. איינגעטיילט אין גרופן האקומען מיר דעם האלבן קילאגראם שווארצן ברויט, וועלכן יעדער ארבעטער באקומט אין דער פרי, און מיר לאזן זיך אין דער באגלייטונג פון דער יידישער פאליציי צו ארגדזערע ארבעטס-פלעצער. מיר מארשירן אויס זייער שנעל, אבער במילא קומען מיר צו דער ארבעט מיט א שעהדיקער פארשפעטיקונג, אבשטאט 8 - 9 אזייגער. די דייטשיע אויפזעער באגעגענען אונדז מיט זידלערייען און דראונגען, טייל לאזן אין גאנג די גומענע שטעקנס וועלכע פאלן אויף די קעפ פון די ארבעטער און יידישער פאליציי.

איך ארבעט א גאנצע וואך ביי די גאזים. 2 טעג אין דער וואך זיינען אבליגאטאריש און די איבעריקע טעג פארטרעט איך די רייכע יידן, וועלכע צאלן מיר דערפאר. ס'קומט מיר אויס צו ארבעטן אין פארשיידענע ערטער; אין דער געסטאפא, עס-עס, אין ראטהויז, אויף דער באן; אין דער "קאלאניע ארדזשענדניטשע", ווינטערויצקיס פאבריק א.א. די ארבעטס-באדינגונגען זיינען ארגעטס מערדערלעכע. די דייטשישע אויפזעער לאזן נישט אראפ די גומענע שטעקנס פון האנט און דאס איז געווארן ביי זיי א ספארט, א פארוויילונג צו לאזן זיי איבער יידישע קעפ. ארבעט ווערט אונדז צוגעטיילט איבער די כוחות און דאס מוז אויסגעפירט ווערן אין א מערדערלעכן טעמפא, מען קאן ממש דעם אטעם נישט אפכאפן. צו וואס צילן די דייטשן דערמיט? ס'איז מיר שווער צו פארשטיין. אויב זיי קוקן אויף אונדז ווי אויף ארבעטס-שקלאפן דארפן זיי דאך אויך האבן מער איינזען מיט ארבעט, ווייל אנדערש וועלן מיר דאך אויסקומען, איז אפשר דאס זייער ציל (!?) שווער צו פארשטיין אט די יונגע און עלטערע דייטשן, וועלכע שטייען איבער אונדז מיט די גומענע שטעקנס און מיט געצילטע רעוואלווערן. פון וואנען נעמט זיך צו זיי אזויפיל רשעות, אזויפיל סאדיזם, אזויפיל ווילן צו פייניקן? פון וואנען נעמט זיך דאס וואס אלע דייטשן זיינען ווי פון איין שטיק אויסגעגאסן, וואס ס'איז ביי זיי פארשווונדן זייערע אינדיווידועלע שטריכן און כאראקטערן, וואס אלע ווייזן זיי ארויס די זעלבע מאס רשעות און חיהשקייט?

## אלע גלייך

די באצים הויבן אן באמערקן, אז יעדן טאג קומען צו דער ארבעט די זעלבע מענטשן. ס'ווערט פאר זיי קלאר, אז א גרעסערער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג

קריפט זיך ארים פון דער ארבעט.א בערויסן טאג ווען מיר קומען צו דער ארבעט ווערן מיר אויפגענומען מיט א מבול פון זידלערייען און קלעפ.די דייטשן שרייען פארוואס ס'קומען נישט צו דער ארבעט די רייכע יידן מיט די גרויסע בייכער.ביי זיי זיינען אלע גלייך און די פארפלוכטע יידן וועלן באצאלן מיטן לעבן אויב זיי וועלן זיך ווייטער ארויסדרייען פון דער ארבעט.דעם טאג האבן די דייטשן באזונדערס געווילדעוועט און זיך באך מער אויסגעצייכנט מיט זייערע אכזריות.

די שעהען האבן זיך געצויגן לענגער ווי יעדן טאג.קוים זיך דערוואַרט אויפן מיטאג איבעררייס, צו קאנען זיך אפרוקן אין א זייט און נישט זיין אונטער די בליקן פון די דייטשן.אונדזער מיטאג באשטייט פון דער "פייקע" ברויט,וואס מיר באקומען אין דער פרי פון ארבעטס־אמט,און פון א קעסל ווערט אויסגעטיילט א טעפל היים וואסער,וואס ווערט אנגערופן קאווע.די פון אונדז,וואס האבן באך מיט זיך א שטיקל ציבעלע,האבן שוין גאר א רייכן מיטאג.אמת,די וואס גייען יעדן טאג ארבעטן צו די דייטשן האבן פרי־ער אויך געהערט צו דער ארעמקייט און האבן נישט געלעבט אין קיין גרויסן לוקסוס. אבער דער מהלך פון פריער ביז איצט איז א גאר היבשער.די ברויט און דער הונ־גער איז איצט א סך שארפער ווי פריער און דריבגט וואס אמאל מער אריין אין די יידישע הייזער.אט זיצט צווישן אונדז מאיר באלדמינץ.ביז נישט לאנג צוריק האט ער און זיין משפחה נישט געוווסט פון קיין נויט.ער האט פארמאגט אן אייגן הויז און א באקליידונג־געשעפט,וור ס'זיינען געווען באשעפטיקט עטלעכע מענטשן. איצט געהערט ער צו די,וועלכע פארדינגען זיך צו גיין ארבעטן צו די דייטשן, און דארף יעדן טאג בענטשן גומל,ווען ער קערט זיך אום א געזונטער אהיים.

אפגעארבעט דעם טאג באקומען מיר א באפעל פון די דייטשן מארגן נישט צו קומען און מיט א סאדיסטיש שמייכל גיבן זיי צו,אז אויף ארבעט דער ארט וועלן דא מארגן שטיין די רייכע יידן,מיט די גרויסע בייכער.

דעם זעלבן אוונט האט די געסטאפא און עס־עס אפגעשטאט א וויזיט ביי דער יידישער פאליציי אויף דער סטאשיצא גאס.מיט רציחה האבן זיי זיך געווארפן אויף דעם פאליציי־שעף,מאיר בריקס און אויך אויפן קאמענדאנט הערשל וויינאגראד,פארוואס זיי שיקן נישט צו דער ארבעט די רייכע יידן. נאכן אויסלאדן זייערע זלזול און טאדזם האבן זיי פארארדנט,אז מארגן פרי מוזן זיך שטעלן צו דער ארבעט,די וואס האבן זיך ביז איצט אויסגעקויפט,אין קעגנפאל וועלן זיי מארגן אליין עס

אדורכפירן,אבער יענע וועלן שוין צאלן דערפאר א זייער טייערן פרייז.

פון דער פאליציי האט די צעירשעטע באנדע פארקירעוועט צום יודענראט,ווו זיי האבן אויך בישט בעשפארט קיין זלזולים און קלעפ.מאליבבערן דעם עלטסטן פון יודענראט מאכן זיי פאראנטווארטלעך,אז מארגן וועלן צוגעשטעלט צו דער ארבעט אלע די,וואס האבן ביז איצט זיך נישט בעשטעלט צו דער ארבעט און אלס צולאב איז אויך ארויפגעלייגט געווארן א קאנטריבוציע אין געלט און גאלד.

צו מארגנס אין דער פרי האט מען געזען א קליינע צאל רייכע יידן גיין צו דער ארבעט.די דייטשן זיינען נישט צופרידן:צו ווייניק רייכע יידן.זיי לאזן זיך אוועק אין דער יידישער געגנט און נעמען אליין צו דער ארבעט ארויסשלעפן די רייכע און רעליגיעזע יידן.צ ביי די רעליגיעזע יידן נעמען זיי באלד שערן בארד און פיאות.זיי טוען עס מיט א געוואלדיקן מאדיזם און אונטער דעם אלגעמיינעם געלעכטער און חוזק פון די פארזאמלטע דייטשן.צוזאמען מיט דער בארד שיידן זיי שטיקער פלייש און ס'איז א ווייטאק צו קוקן אויף דער חרפה און שמערצן פון די פרומע יידן.ביי דער ארבעט נעמט מען זיך ווידער צו זיי.מען ביט זיי צו טראגן שווערע קאסטנס מיט אמוניציע,וואס איז נישט פאר מענטשלעכע כוחות. דערביי האבן די דייטשן איינגעארבעט א שפיל;אויף יעדן קאסטן איז אנגעשריבן פארזיכטיק,לעבנס-געפארודי הענט ציטערן ביי אלעמען,טאמער חלילה פאלט אזא קאסטן ארויס פון די שוואכע און נישט געניטע הענט און דעמלט זיינען אלע פארלוירענע. די באציס שטייען ארויסגעשטעלט אויך מיט די גומענע שטעקנס אין די הענט און ווילן זיך ווי זיי וואלטן בעוועזן אין א טעאטער אויף א פארשטעלונג.די ווערן בסדר באגלייט מיט חוזק:פוילע יודען,קריגס-פארברעכער,קריגס-צייט גיבט נישט קיין גאט און מען וועט שיידן אייערע גראבע בייכער!

קוים ארויסגעהאלטן דעם טאג האבן זיי אויף מארגן,לויטן באפעל פון די דייטשן,זיך ווידער געמוזט שטעלן צו דער ארבעט.

מיין שטילע חתונה

אין שכנותדיקן שטעטל וויערזשבניק,20 קילאמעטער פון סקארזשיסק,האב איך א כלה מיט וועלכער איך קאן זיך שוין א לענגערע צייט.אין יאר 1940 באשליסן מיר חתונה צו האבן און באשטימען א טערמין ווען צו שטעלן די חופה.די חתונה איז באשטימט אין וויערזשבניק מיר דינגען א פור און צוזאמען מיט די עלטערן פארן מיר אהין.אויפן וועג לעבן מיר איבער נישט ווייניק שרעק.דייטשן פארהאלטן ארבנדז

און ווילן וויסן ווהין מיר פארן.מיר זאגן,אז מיר פארן זיך זען מיט משפחה.
די דייטשן שיסן אוים מיט גרימצארן:פארפלוכטע יודען,איר בארט אונדז,איר פארש האנדלען!דערביי באגלייטן זיי זייערע ווערטער מיט אכזריותדיקע קלעפ.מיר האבן נאך גוט אפגעשניטן,וואס נאכן איינטיילן אונדז א היבשע פארציע קלעפ,האבן זיי דערלויבט צו פארן ווייטער און נישט געהייסן פארקירעוועו צוריק.אנגעקומען קיין וויערזשבניק,זיינען מיר פארפארן צו אונדזערע מחותנים און אלע האבן זיך געפרייט וואס מיר זיינען ארוים לעבעדיק פון די נאצישע העמט.

אין אוונט האבן זיך פארזאמלט די משפחות פון ביידע צדדים און מיין טאטע,וואס האט געהאט היתר הוראה,האט אונדז געגעבן חופה וקידושין.די שמחה איז געווען בע-מישט מיט טרויער און שרעק.מען האט די גאנצע צייט זיך ארומגעקוקט צי ס'קומען נישט אן קיין דייטשן,וואס וואלט פאר $$$$ אלעמען געקאנט זיין זייער טראגיש.
אלע ווינטשן אונדז מזל טוב,כאפן אין דער שנעל א פארביים און צעלויפן זיך שנעל אין זייערע היימען.ווי אנדערש וואלט די זעלבע חתונה אויסגעזען מיט עטלעכע חד-שים צוריק!כאטש מיר האבן נישט געהערט צו די פארמעגלעכע משפחות און אאא ~~ראלטן~~ זיך נישט געקאנט דערלויבן צו פראוועו איר אין א ברייטן פארנעם,וואלט אאא די אבער געווען אין יידיש-טראדיציאנעלן גייסט.משפחה,פריינד,באקאנטע,דער גאנצער ארום וואלט געווען וועגן דער חתונה.מאר מיינע עלטערן וואלט עס געווען די גרעסטע פרייד צו פירן זייער ~~עדשט~~ קינד אונטער דער חופה.איצט איז דאס אלץ גע-מאכט געווארן אין דער שטיל,בגניבה,עס זאל נישט דערגיין צו די דייטשן ,אז יידן פראוועו נאך איצט חתונות.

צוזאמגנס אין דער פרי פאורן מיינע עלטערן אוועק אהיים,איך בלייב אויף א פאר טעג ביי מיין פרוי צו פראוועו אזוי צו זאגן אונדזער האניק-חודש,וועלכער איז זייער ווייט פון זיס.אין דער פרי,ווען איך וויל אויפשטיין,ראט מיר די פרוי איך זאל בלייבן אין בעט און די רועט פארכעטן אויף מיר דאס בעטגעוואנט מען זאל באר-נישט דערקאנען.~~אבן~~ באלד טאקע קומען אן דייטשן זוכן צי ס'זיינען טרב זיינען נישטא קיין מענער,וועלכע זיי ~~דרבן~~ צו דער ארבעט.

אין א פאר טעג ארום פאר איך צוריק קיין סקארזשיסק צו דער ארבעט.פון דער דייטשישער ארבעטערגעמונג,ווו איך בין באשעפטיקט,האב איך אן אפיציעלע באשעטיקונג אז איך מעג יעדן טאג פארן פון וויערזשבניק קיין סקארזשיסק צו דער ארבעט.דאך קאסט עס מיר געגוג שרעק.~~אויף דער באן~~ זיינען צוגעקומען צו מיר א פאר דייטשישע

קאנטראליארן פרעגן צי איך האב א באשיינינקונג צו פארן מיט דער כאן.איך ווייז זיי מיין פאפיר,און כאטש זיי בריעו שרייבן אויעק פון מיר ווילט זיך נאך אלץ נישט גלויבן אז דאס איז מיר אפגעגאנגען אויף טרוקן.בעוודיינלעך האבן יידן נישט קיין רעכט צו פארן מיט דער כאן,און דייער אפט רעכענען זיך נישט די דייטשן מיט די פאפירלעך,וועלכע מען ווייזט זיי און זיי זיי נען ברוט מכבד.זיי האלטן,אז א ייד וואס האט יא דאס רעכט צו פארן מיט דער כאן א דארף דאס אויך נישט טאן.איצט וועל איך דאס נישט קאנען אויסמיידן און וועל פרזן יעדן טאג פארן הין און צוריק פון סקארזשיסק קיין וויערזשבניק צו מיין פרוי.

יעדן טאג נאך דער ארבעט ביי איך אריין צו מיינע עלטערן געוווינ ווערן,וואס זיי מאכן און דערנאך פאר איך צו מיין פרוי.א יאר נאך ארבדזער חתונה איז ביי ארנדז געבוירן געווארן א מיידעלע,שיין ווי גאלד,ארבדזער פרייד איז געווען אין לשער.איך בין געגאנגען אין שול דאווענען און א נאמען געגעבן ארבדזער זיס קינד מלכה-טויבע,נאך מייבער און מיין פרוים באבעס.עטלעכע טעג ...האט מיין פרוים באבע,א זקנה פון 75 יאר און נישט ביים בעסטן געזונט,גערופן מיין פרוי און איר בעזאגט בזה הלשון:יהודית,מיינע טעג זיינען געציילטע,בעט איך דיר,אויב דו וועסט געבוירן א מיידעלע גיב איר א נאמען נאך מיר.מיין פרוי האט איר עס צו-ארבדזער
בעזאגט.דעם זעלבן טאג וואס סאכטער איז געבוירן געווארן איז
די זקנה
געשטארבן,און מיין פרוי האט געהאלטן ווארט.

## <u>געלט-קאסטעס און געטא</u>

אויף ארבדזערע קעפ שיטן זיך גזירות נאך גזירות.די דייטשן גיבן ארויס א פאראררדענונג אז אלע יידן מוזן טראגן געלע לאטעס מיט מגן דודס.א שטיקל צייט שפע-טער קומט א פרישע פאראררדענונג:פאר די יידן ווערט געשאפן א געטא און דארטן דוע-לן זיי מוזן וווינען.צווישן דער יידישער באפעלקערונג רופן די נייע גזירות ארוי א בהלה.א סך יידן וווינען אויף די גאסן,וועלכע פאלן נישט אריין אין יידישן תחום און פאר זיי שאפן זיך גרויסע שוועריקייטן מיטן אריבערציען זיך.די ענג-שאפט אין די עטלעכע גאסן,וועלכע זיינען אויסגעטיילט געווארן פאר די יידן איז א געוואלדיקע און באקומען א שטיקל מקום מנוחה איז נישט פון די לייכטע זאכן.

די רייכערע גיבן זיך גיכער אן עצה מאלבדיק מיט שווערע געלטער,פאר די ארימע איז דאס ממש א קאטאסטראפע און זיי האבן זיך נישט ווו אהינצוטאן.די פאליאקן,וועלכע וווינען אויף די גאסן,וואס ווערן באשטימט פארן יידן-געטא,דארפן זיך פון דארטן

ארויסציען.פאר זיי איז דאס נישט קיין טראגעדיע.פארקערט,א סך ~~פון די~~ מאכן
~~נאך~~ דערביי גוטע געשעפטן,זיי טרעטן אפ אדער טוישן ~~זיך מיט~~ די וווינונגען מיט
די יידן,וועלכע וווינען אויסער דעם תחום און נעמען דערפאר גוט באצאלט.

מיינע עלטערן וווינען איצט אויף דער דריטער מאי גאס,אין שאול פעפערס
הויז.די וווינונג באשטייט פון ~~איין~~ קליין צימערל. די מעבל - איין בעט
אן אייזערן אייזערנע און מיין ברודערס שוסטער=ווארשטאט.מיינע ברידער און
שוועסטער שלאפן אויף דער ערד,אויף דער צעמענטענער פאדלאגע.א גאנצע נאכט ליי-
גן זיי און טרייסלען זיך פון קעלט.אנשטאט אין די נעכט זיך אביסל אויסרוען
און פארגעסן פון דער שווערער ~~ארבעט און צרות~~,שטייט מען אויף נאך מער צעבראכן
און פארמאטערט ~~און די באפאסט זיך~~ ווידער יאגן צו דער ארבעט.

מיין ברודער שמשון ארבעט אויף דער באן ביים אויסלאדן קוילן.די ארבעט איז
זייער א שווערע און דער דייטשישער אויפזעער באמיט זיך נאך מער צו פארביטערן
זיי דאס לעבן.אן א פארוואס שלאגט ער מכות רצח און ווען דאס דערט אים אויס צו
ווייניק נעמט ער ארויס דעם רעוואלווער און אזוי זיך שפילנדיק מיט אים פאלט
אימיצער פון די יידישע ארבעטער ~~ארבעט~~ מיט אן אדורכגעשאסענעם קאפ.

א צווער און ווייטאק איז צו קוקן אויף אונדזער ארעמען טאטן, דעם תלמוד=תורה מלמד.מיט זיין אויסגעגראכענעם געזונט און שוואך הארץ דארף
ער איצט שלעפן שווערע שטיינער אונטער דעם כסדרדיקן געיעג און קלעפ פון די
דייטשישע סאלדאטן.ביי דער ארבעט האט מען אים,ביי דעם אלגעמיינעם געלעכטער און
חוזק פון די פארזאמלטע דייטשן,אפגעשוירן די בארד און פיאות.עס איז אונדז דער-
נאך געווען שווער צו קוקן דעם פאטער אין די אויגן,פונקט ווי מיר
וואלטן געווען שולדיק אין דער לאגע פון רשעות און אכזריות,וואס פארפלייצט די
וועלט.

מיין שוועסטער ארבעט אין דער אמוניציע פאבריק אויף ווערק צע.דאס איז איי-
נע פון די שווערסטע און שעדלעכסטע אפטיילונגען אין דער פאבריק.זי ארבעט ביי
טראטיל,כעמישע מאטעריאלן,וועלכע צעפרעסן לעבעדיקערהייט דעם מענטש.די ~~מענטשן~~,
וועלכע ארבעטן ביי טראטיל קאן מען זייער לייכט דערקענען לויט זייער אויסער-
לעכן אויסזען - זיי ~~ווערן~~ (געל.אויך דער אויס-
זען פון מיין שוועסטער איז איינגאנצן א געענדערטער;דער פנים,די הענט,איר קליי-
דונג זיינען ~~איינגאנצן~~ געל.אונטער דער ווירקונג פון די כעמישע מאטעריאלן ווער

דער ארבאנידם צו דערפילן זיינע נארמאלע פונקציעס.ביי מיין שוועסטער האט דער מאגן אפגעזאגט צו ארבעטן און ער וויל נישט אויפנעמען קיין שפייז – ער גיט אלץ אפ צוריק.פאר די עטלעכע חדשים,וואס מיין שוועסטער ארבעט אויף ווערק צע איז די אדרי ארויסגעדארט און פארעלטערט געווארן,אז ס'איז שווער איר צו דערקאנען.

איך ארבעט אויף דער טשאשיצא גאס אין דער פירמע קלעווידס.פאר דער מלחמה איז דאס געווען א קליינע ארנטערנעמונג.מיטן אריינקומען פון די דייטשן האבן זיך די אייגנטימער פארקלערט אלס פאלקס-דויטשן און האבן גלייך אנגעהויבן צו פראפיטירן דערפון.איצט איז עס שוין א גרויסע בוי-ארנטערנעמונג,וועלכע באשעפטיקט הונדערטער מענטשן.אפיציעל איז די פירמע אונטער דער קאנטראל פון די דייטשן און פירט אויס זייערע באשטעלונגען.דאס גיט די אייגנטימער דאס רעכט צו געניסן פון יידישע שקלאפן-ארבעטער, דאס איז שוין געגנוג אויף צו מאכן גראבע געלטער און וואקסן פון טאג צו טאג.פאר דער שווערער קאטארגע-ארבעט באקומען די יידן א נישטיקן לוין;פאר א א וואך ארבעט קאן מען קוים קויפן אויפן שווארצן מארק א פאר ברויטלעך.איז נישט קיין וואונדער,וואס א סך פאליאקן,וועלכע האבן בידן קריג געגאלטן פאר הייסע פוילישע פאטריאטן האבן איצט מיטאמאל ארויסגעפונען אז זיי זיינען פאלקס-דויטשן און מיט נאך גרעסערן פאטריאטיזם געשריגן "הייל היטלער!".

מען לויפט אויף דער רוסישער זייט

ס'איז שוין איצט פאר אלעמען קלאר,אז אונטער די דייטשן האבן די יידן נישט וואס צו דערווארטן.אין דער צייט איז נאך דא א מעגלעכקייט אריבערצוגיין אויף דער רוסישער זייט און משפחות נעמען דאס רעאליזירן.ביי אלע צרות און פיינען איז שווער זיך צו אנטשליסן דערויף.דא איז מען געבוירן געווארן,דא האט מען געלעבט.מען איז דא פארווארצלט און מיט טויזנטער פעדים געבונדן מיט דער היים,שטאט,מענטשן.איצט דארף מען דאס אלץ איבערהאקן און זיך לאזן גע נגד,נישט וויסנדיק וואס דיר דערווארט.אבער די ביטערע לאגע צווינגט דערצו. אין דער שטיל ליקווידירט מען דאס ביסל ארעמע באלעבאטישקייט,דאס מאמע בויטיקסטע נעמט מען מיט זיך און מען לאזט זיך אין וועג,שמוגלען די גרענעץ. לעמבערג איז דער סאוויעטישער מקום-מקלט  פאר די אלע וואס לויפן פון אונ-

דער געבנט פון דייטשישן ביהנום.די שטאט איז ממש באלאגערט פון טויזנטער און טויזנטער יידן,וועלכע זיינען געקומען זיך אהער ראטעווען פון דער דייטש-שער דבים.די עמאליקע פוילש-גאליציאנער פראווינץ־שטאט איז נישט צו דערקאנען. עס ראיעט דא אין א מוראשניק פון טויזנטער מענטשן,וועלכע לויפן הין און צוריק איבער די גאסן,יאגן און זוכן וויו דעם קאפ אוועקצולייגן,וויו צו געפינען אביסל שפייז.דאס איז נישט פון די לייכטע זאכן.אלע שולן,בתי-מדרשים און אנדערע עפנט-לעכע אינסטיטוציעס זיינען שוין פול אנגעפאקט מיט די אנגעקומענע יידן,מיט די ביעזשענצעס,וויו זיי ווערן דא אנגערופן.צו באקומען ערגעץ א ווינקל,א דאך איבע-רן קאפ איז כמעט אן אוממעגלעכע זאך.אויך מיט פראדוקטן איז געוואלדיק שווער. די גרעסטע טייל געשעפטן זיינען פארמאכט אדער אויסגעליידיקט.אויפן שווארצן מארק,וווּ מען באקומט יא צו קויפן לעבנסמיטל,זיינען די פרייזן אזעלכע פאנטאס-טישע,אז דאס איז צוטריטלעך בלויז פאר די וועלכע האבן שוין געלטער.טויזנטער מענטשן באלאגערן די פאלקס-קיך און שטייען אם שעהען לאנג אין דער ריי ביז זיי באקומען אביסל זופ און מיט דעם דארפן זיי לעבן א גאנצן מעת-לעת.

די סאוויעטישע מאכט,די יידישע געזעלשאפטלעכקייט באמיען זיך צו ארגאניזירן הילף,צו לינדערן די אלע שוועריקייטן,אבער ביי דעם געוואלדיקן אנגעלויף און געדראנג איז אלץ וואס ווערט געטאן ווי א טראפן אין ים. צו די אלע שוועריקייטן קומט צו נאך א צרה:די סאוויעטישע מאכט הויבט אן אפרייניקן די גרענעץ־געביטן פון די ביי-אנגעלאפענע און מען פירט זיי ארויס טיף אין לאנד. נישט זעענדיק קיין באלדיקע מעגלעכקייטן זיך איינצוארדענען,ללידנדיק הונגער,אן א דאך איבערן קאפ,פארגעסט מען וואס עס דערווארט זיי ביים דייטש און א סך לאזן זיך צוריק אין זייערע היים-ערטער.אויך קיין סקארזשיסק קערט זיך א טייל אום צוריק.זיי דערציילן וועגן שווערן לעבן פון די ביעזשענצעס אויף דער רוסישער זייט און א טך וועלכע האבן זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק וועגן לויפן אהין,האלטן זיך אפא פון דאזיקן שריט.

<u>מיין ברודער דערציילט</u>

_ _האדע פארן אויסברוך פון קריג איז מיין ברודער ישראל געווארן מאביליזירט אין דער פוילישער ארמיי.ס'זיינען אדורך לאנגע חדשים און מיר האבן פון אים גארנישט געהערט.די גאנצע פאמיליע איז געווען זייער באזארגט וועגן זיין גורל און אונדזער גוטע,געטרייע מוטער - מער פון אלעמען.גאנצע נעכט פלעגט זי

~~אזן~~ ווייבען און בעטן גאט,אז ער זאל זיך אומקערן א געזונטער אהיים.אויך זיין פרוי,דאצי וואסערשטיין,ווייבט אויס די אויגן באך אים און לויפט זיך פרעגן ביי יעדן צוריקגעקומענעם קריגסגעפאנגענעם,צי ער ווייסט נישט עפעס וועגן איר מאן.

א געוויסע נאכט ווען מיר זיינען שוין ~~אלע~~ געשלאפן האט אונדז אויפגעוועקט א קלאפן אין טיר.מיר בלייבן אלע טויט־דערשראקן,ווייל ווער קאן דאס ביינאכט קלאפן אויב נישט די דייטשן?!מיין פאטער גייט אראפ פון בעט און עפנט די טיר און צו אונדזער גרויסער אאך איבערראשונג און פרייד באווייזט זיך מיין ליבער און טייערער ברודער,אנגעטאן אין א פוילישן מיליטערישן מונדיר.אריינקומענדיק אין שטוב האט ער זיך פאנאנדערגעוויינט און זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען צי אלע פון אונדז זיינען ביים לעבן.ער איז צוגעגאנגען צו דער מוטער,איר ארומגנומען, און געוויינט און געקושט.אויך מיר קאנען נישט איינהאלטן אז די טרערן אן וויינען פון פרייד.מיר שטייען אויף פון די געלעגערס,רינגלען ארום אונדזער ברודער און ווילן זיך אליין נישט גלויבן,אז ער געפינט זיך צווישן אונדז.די מוטער שטעלט צו דעם טשיינדיק און איז מכבד איר צוריקגעקומענעם זון מיט הייסע טיי.וועגן זיך צוריק לייגן שלאפן קלערן מיר נישט,מיר זיצן און הערן וואס אונדזער ברודער דערציילט פון זיינע איבערלעבונגען זינט מען האט אים מאבילידירט אין דער ארמיי:

ברודער,אנגעטאן אין א פוילישן מיליטערישן מונדיר.ארייכקומענדיק אין הויז ה.
ער זיך פאנאנדערגעוויינט און זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען,צי אלע פון
דער פאמיליע זיינען ביים לעבן?ער איז צוגעגאנגען צו דער מוטער האט איר ארומגע
נומען,געוויינט און געקושט.מיר שטייען אלע אויך פון די געלעגערס ריגגלען ארום
ארנדזער ברודער און ווילן זיך אליין נישט גלויבן,אז ער געפינט זיך צווישן
אונדז.די מוטער גייט אויך אראפ פון געלעגער,שטעלט צו אויפצוקאכן דעם טשייניק
און איז מכבד דעם צוריקגעקומענעם זון מיט הייסע טיי.וועגן שלאפן גיין קלערן
מיר נישט ,מיר זיצן און הערן וואס אונדזער ברודער דערציילט פון זיינע איבער-
לעבונגען זינט מען האט אים מאבילידירט אין דער ארמיי;

פון טקארזשיסק האט אים די מיליטערישע מאכט אפגעטראנספארטירט קיין קעלץ,
דארט באקומט ער מיליטערישע קליידונג און זעלבע פולע זעלנערישע אויסשטאטונג.
איבערגענכטיקט די נאכט אין די קאשארן ווערן זיי אין דער פרי אפגעשיקט קיין
לאדזש.דארטן ווערן זיי גלייך אויפגענומען דורך די דייטשישע לופט-פליער,וועלכע
באמערקן זיי פון דער לופטן און זיינען זיי גלייך מכבד מיט א מבול פון בליי
און פייער.פון לאדזש מארשירן זיי אויף קיין לאסק,וווּ זיי פארפעסטיקן זיך און
ווו עס איז באשטימט צו שטעלן א ווידערשטאנד דער דייטשישער ארמיי.א גאנצן
טאג איז געווען שטיל,אבער שפעט ביינאכט האבן זיי זיך מיטאמאל געפונען אונטער
א קרייץ-פייער פון די דייטשן.זייער לאגער ווערט פארוואנדלט אין א שעכט-הויז
ווו עס וואלגערן זיך הונדערטער געהרגעטע און פארווונדעטע.פון אלע זייטן הערט
מען קרעכצן און בעטן זיך:ראטעוועט!נעבן מיר רופט אימיצער אויך וועגן הילף.
איך פויזע צו אים צו אויפן בויךאון פרעג ווער ער איז,ווייל אין דער פינצטערנעש
האט מען גארנישט געקאנט זען.דער פארווונדעטער ענטפערט מיר,אז ער איז משה
גרשמאן פון סקארזשיסק.ביים הערן דעם נאמען ווער איך אין גאנצן א פארציטערטער,
דאס איז דאך מיין בעסטער פריינד,מיינער א נאנטער,הארציקער חבר.איך זאג אים,אז
איך בין ישראל צעלינסקי.זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען:ישראל איך שטארב,
זיי מיר מקבר און גיב איבער מיין פאמיליע וועגן מיין טויט.מיט די דאזיקע
ווערטער האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה ביים פארטיידיקן די פוילישע ערד פון
די נאצישע וואנדאלן.איך האב אים געטאן זיין רעכט,געזאגט קדיש און ביטער
באוויינט מיין טייערן גוטן פריינד,וואס איז אזוי יונג און אזוי טראגיש פארשני
טן געווארן.

דאס פייער האלט אן א גאנצע נאכט,אונדזער ארמיי איז דעזאריענטירט און
שטעלט כמעט נישט קיין ווידערשטאנד.אין דער פרי האט זיך די שיסערייי אביסל
איינגעשטילט.מיר באקומען א באפעל זיך צוריקציען פון דאנען און זיך
לאזן אויפן וועג פון מאדלין,די פעסטונג וועלכע דארף באשיצן ווארשע.מיר מארשי-
רן אין געאייל,אן אפרו,טעג און נעכט.קיין עסן באקומען מיר אויך נישט.די פעלד-
קיכן ארבעטן נישט,די אפראוויזאציע איז צעקלאפט,דער גאנצער מיליטערישער אפא-
ראט איז צעפארן און צעשרויפט.מיר דערנענטערן זיך קיין מאדלין,ווו מיר פאלן
ווידער אריין אונטער א האגל פון דייטשישע קוילן.אין פעסטונג גופא איז שוין
אויך אלץ צעשרויפט;ס'איז נישטא קיין עלעקטרישע ליכט,קיין וואסער,די ארמיי הונ
גערט.דאך שטעלן מיר א פארביסענעם ווידערשטאנד די דייטשישע חיילות,וועלכע בא-
שיסן אונדז אומאויפהערלעך פון דער ערד און פון דער לופטן.א פאר וואכן געלינגט
אונדז ~~אפצוהאלטן~~ דעם דייטשישן אנגריף און אים האלטן ביי די טויערן פון מאדלין
אבער סוף כל סוף מוזן מיר אפטרעטן און מיר ציען זיך צוריק קיין ווארשע.
~~פוילישע הויפט-שטאט~~ ווארשע איז נישט צו דערקענען;אין משך פון א פאר וואכן
האבן די דייטשישע וואנדאלן פארוואנדלט דער שיינער פוילישער הויפט-שטאט אין
א חורבה.~~די שטאט~~ ווערט כסדר באמבארדירט פון דער לופטן און זי שטייט איינגע-
הילט אי~~נגאנצן~~ אין פלאמען.דאך שטעלט זי א פארביטערטן און העלדישן ווידערשטאנד
און וויל זיך נישט אונטערגעבן.די פארטיידיקונג פון ~~שטאט~~ האט איבערגענומען די
ציווילע באפעלקערונג מיטן פרעזידענט ~~פון ווארשע~~,סטאזשינסקי,בראש.די שטאט
ליגט אין חורבות,ס'איז נישטא קיין עלעקטריע,קיין וואסער,קיין שום לעבנס-מיטלע
~~ארום ארום~~ און אין דער לופטן ארומגעריגלט ~~פון~~ דייטשישן מיליטער,און
דאך גיט זיך די שטאט נישט אונטער.וואכנלאנג שטייען די דייטשישע חיילות ביי די
טויערן פון ווארשע און קאנען נישט אריינקומען. ~~אין שטאט.~~

דער נישט גלייכער קאמף פון דער ווארשעווער ציווילער באפעלקערונג
מיט די דייטשישע באוואפנטע חיילות האט לאנג נישט געקאנט אנהאלטן.די אויסגע-
הונגערטע,אויסגעמאטערטע,האלב-חרובע ווארשע האט זיך געמוזט אונטערגעבן.דאס
דייטשישע מיליטער מארשירט אריין אין דער פוילישער הויפט-שטאט,אין דער לעצטער
פעסטונג פון פוילישן ווידערשטאנד.

די מיליטערישע גרופן,וועלכע האבן זיך געפונען אין ווארשע און וועלכע האבן
אנטיילגענומען אין איר פארטיידיקונג ווערן דורך די דייטשן פארהאלטן אלס קריגס

געפאנגענע. מיט א גרופע פוילישע זעלנער ווערן איבערגעפירט אין א גרויסן באראק אויף די פעריפעריעס פון שטאט. דא האבן מיר איצט דערפילט, וואס עס הייסט זיין אין דייטשישער געפאנגענשאפט. קיין עסן האבן מיר כמעט ווי נישט באקומען; דער הונגער האט אונדז געמאטערט ביי טאג און נישט געלאזן צומאכן אן אויג ביי נאכט אויף שריט און טריט זיינען מיר געווען אויסגעשטעלט אויף באליידיקונגען און מען האט זיך באצויגן צו אונדז ווי צו ווילדע חיות. א פאר וואכן נאכן פארהאלטן אונדז ווערן מיר באפרייט און באקומען פון דער מיליטערישער מאכט שריפטלעכע דער־לויבענישן צו פארן אהיים.

אפגייענדיק עטלעכע גאסן פון באראק, וווּ מיר זיינען געווען איבערגעפירט, ווער איך פארהאלטן פון אן עס־עס מאן. איך ווייז אים מיין דערלויבעניש, וועלכע איך האב מיט א פאר מינוט צוריק באקומען, אז איך בין באפרייט פון דייטשישער קריגסגעפאנגענשאפט און האב א רעכט צו פארן א היים. ער גיט א ריסשע אויף מיר זשרייגן, פוילישער שוויין, און הייסט מיר גיין מיט אים. ער פירט מיר אריין אין א דערנעבנ־דיקער געביידע, וועלכע איז זעט אויס פארוואנדלט געווארן אין א צייטווייליקער תפיסה, אויפן דריטן שטאק, ווארפט מיר אריין אין א טונקעלער קאמער. דארט טרעף איך עטלעכע פוילישע זעלנער, וועלכע זיינען פונקט ווי איך באפרייט געווארן און זיינען באלד ווידער אריינגעפאלן אין די הענט פון עס־עס. מיר באטראכטן צוזאמען אונדזער און זוכן מיטלען ווי אזוי זיך דרייען פון אונדזער איינציקער וועג איז צו אנטלויפן, און מי באשליסן זיך אויף דעם. ווען עס פאלט צו די נאכט ניבדן מיר צוזאמען אונדזערע מיליטערישע פאסן און עטלעכע שטריק וואס מיר האבן געהאט, אין איין שנור, כדי אויף דעם זיך אראפצולאזן פון דריטן שטאק. דער גורל פאלט אויף מיר אז איך דארף זיין דער ערשטער. איך לאז זיך אראפ און באלד נאך מיר קומען די איבעריקע. מיר געפינען זיך אין א גרויסן הויף ארומגעצוימט מיט א הויכן מויער. דער וואכמאן ביים מויער שלאפט. מיר טוען אויס די מיליטערישע שיך, כדי מען זאל נישט הערן אונדזערע טריט, און אויסמיידנדיק דעם וואכמאן קומען מיר צו דער וואנט. זיך אויפשטעלנדיק איינער אויפן אנדערן דערלאנגען מיר צום שפיץ פון מויער, די איבעריקע ווערן ארויפגעצויגן מיט דעם שנור, און אין א פאר מינוט ארום זיינען מיר אויף יענער זייט מויער. שטיל,

גנבענענדיק זיך ביי די זייטן פון די גאסן,רוקן מיר זיך אורועק אלץ ווייטער און ווייטער פון אונדזער תפיסה.אנטרעפנדיק א שטוב מיט א גרויסן גארטן באשליסן מיר זיך אויסבאהאלטן אין גארטן איבער נאכט,ווייל זיך באוועגן איצט איבער די אויסגעשטארבענע גאסן איז אויסגעשטעלט אויף דער סכנה ווידער אריינצופאלן אין דייטשישע הענט.

אין דער פרי איז דער אייגנטימער פון הויז,א פאליאק,ארויס אין דרויסן און האט אונדז באמערקט.גארנישט פרעגנדיק פארנעט ער אין שטוב,ווו זיין פרוי גרייט באלד צו פרישטיק פאר אונדז.מיר דאנקען אונדזער מכניס-אורח און זיין פאמיליע פאר זייער גאסטפריינדלעכקייט און ווילן זיך לאזן אין וועג.דער באלעבאס לייגט פאר,אז ער וועט מיט זיין פערד און וואגן אונדז אפפירן צו דער באן-סטאציע,וואס דאס וועט זיין זיכערער.אויפן וואקזאל האט יעדער אונדז אויסגעקויפט בילעטן אין דער נויטיקער פאר אים ריכ-טונג.אויפן וועג איז מיר נאך נישט איינמאל פארקילט געווארן דאס בלוט פון די דייטשישע איבספעקציעס,ביז איך בין בשלום בעקומען אהיים.

מיט דעם האט מיין ברודער פארענדיקט דערציילן וועגן זיינע איבערלעבונ-גען אין פויליש מיליטער ארויסרוקנדיק לסוף דעם געדאנק,אז ער רעכנט צו אנט-לויפן קיין רוסלאנד,ווייל וואס ס'דערווארט אונדז ביי די דייטשן זעט מען שוין זייער גוט.

## <u>אן אויסטערלישע פעיקייט ביי אונדז אין שטוב</u>

דאס לעבן אין געטא ווערט אלץ שווערער און שווערער,די יידישע באפעלקערונג צאפעלט אונטערן שווערן דרוק פון טעראר און געוואלד,פון גזירות און רדיפות, פון הונגער און קעלט,פון פארשידענע קראנקהייטן און עפידעמיעס.

דער הונגער אין געטא לאזט זיך אלץ מער און מער פילן.אויף די אפראווידאציע קארטן פון יודענראט באקומט מען אויסער דעם טעגלעכן האלבן קילאגראם ברויט, כמעט גאר גארנישט.די גרעסטע טייל פון דער באפעלקערונג לעבט מיט דער וואסערדיקער זופ,וועלכע ווערט איין מאל א טאג ארויסגעגעבן פון דער פאלקס-קיך ביים יודענראט.

אויך ביי אונדז אין שטוב האט זיך דער דלות באזעצט גאנץ ברייטלעך.די טעפלעך שטייען שוין חדשים לאנג ליידיק,נישטא וואס צו קאכן אין זיי.מיין מוטער זעט אויס פארחושכט,קראנק,ט'שניידט מיר ביים הארצן אויף איר.איצט רוקט

זיך אויף אונדז דער רויכטער און צו אלע צרות און ליידן וועט נאך צוקומען

נאך איינע — דאס פרירן אין די נישט-באהייצטע וווינונגען.

ערב יום-כפור. אונדזער משפחה זיצט ביים טיש ביים אָרעמען פאַרפּאַסן. די מאמע

טוט אָן דעם זיידענעם שאַל, וועלכן איך האָב איר אַמאָל אין די גוטע צייטן געקויפט

און געבענטשט ליכט. פון אונטער דעם שאַל זע איך ווי אירע אויגן זייַנען פולע פון

טרערן. זיכער האָט די איצט מער גרונט ווי שטענדיק צו פאַרגיסן א טרער. מיין פאָטע

גרייט זיך אָנצוהויבן דעם יום-כיפורדיקן כל נדרי. מיר דאַווענען אין שטוב. ~~צוליב~~

דעם ~~דריל~~ נאָך [illegible] אזייגער טאָר מען זיך נישט באַווייזן אין גאַס, קאָנען די יידן

אפילו יום-כפור נישט דאַווענען בציבור און צוזאַמען אויסשרייען זייער ווי-

געשריי צום רבונו של עולם ~~און זייער געבעט,~~ אז ער זאָל רחמנות קריגן אויף זיין

שווער אויסגעפּייניקטן פאָלק.

פּלוצים הערן מיר קלאַפּן אין טיר און דעם כאַראַקטעריסטישן דייטשישן אויסגע-

שריי: אויפמאַכן! מיר בלייבן אַלע ~~שטיין~~ ווי געליימט, ציטערנדיק פון שרעק. מיין

פאָטער באַהערשט זיך דער ערשטער און גייט אויפמאַכן די טיר. עס באַווייזן זיך

עס-עס לייט מיט גרויסע שטעקנס אין די הענט. נאָך נישט אריבערגעטנדיק די

שוועל זייַנען זיי ~~צוליב~~ מכבד דעם פאָטער מיט די ~~גרויסע~~ שטעקנס איבערן קאָפּ,

אז ער הייבט זיך אָן וואַקלען אויף די פיס. באַלד צעשרייען זיי זיך אויף אונדז,

אז קינדערלעך זייַנען נישטאָ קיין פייערטעג. זיי שמייסן אַראָפּ די ליכטער מיט

די אָנגעצונדענע ליכט [illegible] אויף דער ערד, ~~און באַלד~~ באַלד זייער בליק אויף

די ספרים, וועלכע זייַנען ~~[illegible]~~ אויסגעשטעלט אין א ביכער-אַלמער. מיט ווילדער

רציחה וואַרפן זיי זיך אויף ~~זיי~~, פליקן עס און ~~וואַרפן~~ אין פייער. עס ברענען

די זייטלעך פון ווילנער ש"ס, פון רמב"ם, און אנדערע הייליקע ספרים, וועלכע מיין

טאַטע האָט דעם גאַנצן לעבן אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. מיין פאָטער גאַ

ברענט אויס אין א געוויין. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זע איך אים וויינענדיק

אַלע יאָרן זייַנען די דאָזיקע ספרים געווען די קרוין פון זיין [illegible]

ער האָט זיי באַקומען פון ~~זיידן~~ שווער אלס מתנה צו דער חתונה און שוין א פאַר

צענדליק יאָר איז עס ~~געווען~~ זיין שענסטע צירונג און אין שווערע מאָמענטן האָט

ער אין ~~די ספרים~~ געפונען ~~זיין~~ טרייסט און בטחון. איצט זייַנען זיי געלעגן פאַר-

שפּעט, פאַרברענט, ~~פאַרטרעטן~~ און געשענדעט דורך די אומרייַנע דייטשישע הענט.

אָבער באַלד געפינט מיין פאָטער צוריק זיין שטענדיקע אמונה און בטחון, ער ווייסט

אפ די טרערן,גלייכט זיך אויס און דערקלערט בקול רם:גאטס נאמען,וואס איז אריינגעשריבן אין די הייליקע ספרים מיט פייער קאן דורך פייער נישט אפגעמעקט ווערן.

מיין פאטער וויקלט זיך איין אין טלית און מיט א ציטערדיקן קול הויבט ער אן זאגן די יום-כיפורדיקע תפילות,אזוי ווי ער וואלט געוואלט דערמיט צוריק אריינגעבן א רוח חיים אין די פארברענטע אותיות פון די הייליקע ספרים, וועלכע האבן נאך געשווועבט אין דערלופט זוכנדיק א תיקון...

## ווערדשבניק

איך פיר איצט א טאפלטן לעבן:איך ארבעט אין סקארזשיסק און וווין אין ווערדשבניק.יעדן טאג פאר איך הין און צוריק מיט דער באן קיין סקארזשיסק,וואס דאס קאסט מיר נישט ווייניק שפיכת דמים,און אמאל אויך א מתנת יד פון א דייטש,וואס אבגעכארדיסט וואס א ייד האט נאך דאס רעכט צו פארן מיט דער באן.

דאס לעבן פון די יידן אין ווערדשבניק איז נישט קיין סך אנדערש ווי אין סקארזשיסק און מסתם אויך אין די הונדערטער אנדערע שטעט און שטעטלעך,וור די דייטשן באלעבאטעווען.אויך דא זיינען די יידן פארשפארט אין די ענגע געטא-געסלעך אויך דא טראגן זיי דעם שאנד-צייכן - די געלע לאטע,אויך דא גייען זיי אויס פון הונגער איינגעשפאנט ביי שווערער שקלאפן-ארבעט.א האלבער קילאגראם ברויט א טאג און די וואסערדיקע זופקע,וועלכע מען באקומט אין דער פאלקס-קיך,איז פאר הונדערטער יידישע פאמיליעס די איינציקע דערנערונג.די וואס ארבעטן האבן נאך א פאר קילאגראם ברויט די וואך,וויפיל אזויפיל קאנען זיי קויפן פארן געהאלט וועלכן זיי באקומען.

דער ארבעטס-אמט ביים יודענראט די אויפגאבע צוצושטעלן יעדן טאג די נויטיקע צאל ארבעטער,וועלכע די דייטשן פארלאנגען.יידן פירן אויס די שווערסטע ארבעטן אין דער שטאל-גיסעריי,ביי די מארטען אויוונס,אין די ארץ-גרובן אין שכנות-דיקן זוארף טיכאוו.יידן ארבעטן ביי די שווערסטע ארבעטן אין דער אמוניציע-פאבריק,אין די האלץ-טארטאקן,ביי דער באן און פאר זייער וועכנטלעכן פארדינסט קאנען זיי קוים איינקויפן 4 ברויטן.אויך דער דאזיקער מאגערער פארדינסט בלייבט נישט ביי די יידן,די דייטשן נעמען זיאס אפ צוריק כמה פעמים דורך די פארשידענע קאנטריבוציעס,וועלכע זיי לייגן אויף.און ווי איז צום יודענראט און צו די יידן אויב די קאנטריבוציעס ווערן נישט אריינגעטראגן אין דער צייט.נאך אזא איבערפאל

פון דער געסטאפא האב איך איינעם פון יודנראט, ירחמיאל זינגער, געזען וואכנלאנג ארומגיין א באנדאזשירטן און מען האט אים קוים ארויסגעפען די אויגן פון צעקיילטן און געשוואלענעם פנים.

ס'איז שווער צו גלויבן צו וואס פאר א רשעות די דייטשן קאנען דערגיין. א געוויסן טאג איז געסטאפא געקומען צום וויערזשבניקער רב און אים געהייסן מיטגיין. זיי האבן דעם רב ארויסגעפירט אין מיטן שטאט, וווּ סאיז געווען פארזאמלט א גרופע דייטשן. אויפן פלאץ איז אויך געווען צוגעגרייט א וואגן. אז דא ווערט באלד פארקומען עפעס מאוימדיקס איז פאר אלעמען געווען קלאר, קיינער האט אבער נישט געאנט, האט זיך נישט געקאנט פארשטעלן צו וואס די דייטשישע מאנסטערס קיינען פעיק. לאנג וואר- טן האט מען נישט געדארפן. זיי האבן צוגעבונדן דעם רבס [redacted] צום וואגן, איינגעשפאנט אין אים עטלעכע יידן און אונטער א האגל פון קלעפ געהייסן שלעפן דעם וואגן איבער די שטאטישע גאסן. שלעפן די יידן דעם וואגן און פון הינטן, צוגעבונדן מיט בארד און פיאות, שלעפט זיך ארויסגעצויגן איבערן ברוק, דער אלטער רב. די ליפן פארקוועטשט, די אויגן האלב צוגע- מאכט, שעפטשעט ער אין דער שטיל א תפילה. באלד ווערט זיין שטילע תפילה פארוואנדלט אין א יאמער, א געשריי. זיינע לייד זיינען איבערמענטשלעכע, ער בעט צו גאט ער זאל אים צונעמען דאס לעבן און באפרייען פון די דאזיקע לייד. און ווער קאן זיך פארשטעלן די לײדן פון די יידן, וועלכע זיינען געווען איינגעש שפאנט אין וואגן און האבן געמוזט פארשאפן זייער רב די דאזיקע אוממענטשלעכע באליי דיקונגען און ווייטאגן?! דער רב חלשט און פארלירט דעם באוווסטזיין. די געסטאפא הייסט גיסן אויף אים וואסער און ווייטער שלעפן. דאס חזרט זיך איבער עטלעכע מאל, זיי לאזן אבער זייער קרבן נישט אפ, זיי מינטערן אים אויף און מיט א הילכיקן געלעכטער באגלייטן זיי דעם וואגן. א פאר שעה האט געדויערט די דאזיקע סצענע, וועלכע האט נארמאלע מענטשן געקאנט דירן פון זינען און פאר די נאציס איז דאס געווען א ש א ר ו י י ל ו נ ג. דער געוויין און כליפען פון דער עדה יידן, וואס האט דאס צוגעפען איז פארהילכט געווארן דורכן מאנסטערישן געלעכטער פון די דייטשן.

דער רב איז דערנאך עטלעכע וואכן געלעגן קראנק אין גרויס היץ.

פון דער געסטאפא האב איך איינעם פון יודענראט,ירחמיאל זינגער,געזען וואכנלאנג
ארומגיין א באנדאזשירטן און מען האט אים קוים ארויסגעזען די אויגן פון צעקײלט
און געשוואלענעם פנים.

כ'איז שווער צו גלויבן צו וואס פאר א רשעות די נאצים קאנען דערגיין.א
געוויסן טאג איז געסטאפא געקומען צום וויערזשבניקער רב און אים געהייסן
גיין,מיט זיי.זיי האבן ארויסגעפירט דעם רב אין מיטן שטאט,וווּ ס'איז שוין געווען
צוגעגרייט א וואגן.זיי האבן דעם רבס באָרד און פיאות צוגעבונדן צום וואגן,איינ-
געשפאנט אין אים עטלעכע יידן און געהייסן פירן דעם וואגן איבער די שטאטישע גא-
סן.די ווייטאגן פון רב זיינען געווען איבערמענטשלעכע,ער האט געשריגן און געבעטן
באט ערא זאל אים צונעמען דאס לעבן און באפרייען פון די דאזיקע ליידן.און ווער
קאן זיך פארשטעלן די ליידן פון די יידן,וועלכע זיינען געווען איינגעשפאנט אין
וואגן און האבן געמוזט פארשאפן זייער רבן די דאזיקע
אוממענטשלעכע באליידיקונגען און ווייטאגן.דער רב האט עטלעכע מאל געחלשט,האט
די געסטאפא געהייסן גיסן אויף אים וואסער און ווייטער שלעפן .זיי האבן די
גאנצע צייט באגלייט דעם וואגן מיט א הילכיק געלעכטער,
א פאר שעה האט געדויערט די דאזיקע
טרויעריקע סצענע.דער געוויין פון דער עדה יידן,וואס האט דאס צוגעזען איז פאר-
הילכט געווארן דורך דעם געלעכטער.דער רב איז דערנאך עטלעכע וואכן געלעגן
קראנק איין בעדים היץ.

א געוויסן פרימארגן באקומט די יידישע פאליצײ א באפעל פון דער געסטאפא,אז
אלע מענער פון געטא דארפן זיך גלייך צושטעלן אויפן פלאץ נישט ווייט פון דער
באן-סטאציע.די וועלכע וועלן זיך נישט צושטעלן וועלן אויפן ארט דערשאסן ווערן.
אין געטא ברעכט אויס א געוואלדיקע פאניק,מען פילט אז דאס איז פארבונדן מיט
טויט-סכנה.אבער ס'איז נישטא וווּ צו אנטלויפן,וווּ זיך צו באהאלטן,מען מוז
זיך צושטעלן.הונדערטער מענער הויבן זיך אן זאמלען אויפן באשטימטן פלאץ.די געס-
טאפא קומט צוגיין,הייסט זיך אויסשטעלן צו 5 אין א ריי און פירט זיי אפ צו די
וואגאנען,וועלכע זיינען געווען צוגעגרייט אויף דער באן-סטאציע.די מענטשן
זיינען ארויסגעשיקט געווארן נאנט צו די רוסישע גרענעצן צו גראבן פארטיפי-
קאציעס.דעט אויס,אז דאס האבן זיך שוין געגרייט צום בליץ-קריג קעגן די רוסן
און די יידן זיינען געווען די,וואס האבן זיי געדארפן העלפן אין זייער איינ-

שטעלן און אויסבריטערן דעם דריטן רייך.הונדערטער פון די דאזיקע ארויסגעפירטע מענער האבן זיך שוין צוריק קיין וויערזשבניק בישט אומגעקערט.

דעם 22 יוני 1941,ווען די דייטשן באפאלן רוסלאנד,נעמט מען ביי מיר אוועק די דערלויבענעש צו פארן מיט דער באן.איצט קאן איך שוין נישט יעדן טאג אהיימ-פארן צו מיין פרוי און קינד.דורך פארשידענע תחבולות און ווענן באמי איך זיך כאטש איין מאל א וואך,ווען איך האב א טאג פריי,צו זיין ביי מיין משפחה.בישט שטענדיק געלינגט דאס מיר ,צערפאר האלט איך אן א שטענדיקן קאנטאקט מיט מיין פרוי דורך בריוו,וועלכע איך שיק איבער דורך פוילישע ארבעטער,וועלכע פארן יעדן טאג קיין וויערזשבניק.

אין אויגוסט 1942 נעמען די נאציס ארויס אלע יידן פון וויערזשבניק און פירן זיי אוועק אויף אומקום קיין טרעבלינקע.צווישן זיי איז אויך געווען מיין ליבע פרוי יהודית און אונדזער איין יאריק טייער טעכטערל מלכה-טויבע.

## די נאציס באפאלן רוסלאנד

פארשיכורט פון די זיגן אין אייראפע,איך דערקלערנדיק פאון הערן-פאלק,וואס דארף רעגירן מיט דער וועלט,באפאלן די נאציס מיט א מעכטיקן כוח רוסלאנד.דאס נאצישע געזינדל יובלט פון פרייד אפהאלטנדיק די ערשטע גרויסע נצחונות איבער סאוויעט־רוסלאנד.אין די צענטראלע גאסס פון פקאדרשטא ווערן אוועקגעשטעלט מיקראפאנען,אין וועלכע ס'ווערט איבערגעגעבן אין דייטש און אין פויליש,אז דייטשלאנד איז אין קריג מיט רוסלאנד און האלט אפ ריזיקע נצחונות.די פוילישע באפעלקערונג ווערט גערופן זיך צו פארהאלטן רויק און זיך צופאסן צו דיא פאר־ארדענונגען פון דער דייטשישער מאכט.אין די מיקראפאנען ווערט כסדר איבערגעחזרט אז דאס פוילישע פאלק איז אונטער דער שוץ פון די דייטשישע פירער און איר העל-דישער ארמיי,וועלכע איז זיגרייך אויף אלע פראנטן און אין גיכן וועט זי ארייג-מארשירן קיין מאסקווע.דאס פוילישע פאלק קאן זיין רויק,די איז גוט באשיצט דורך נאצי־דייטשלאנד – די שטארקסטע מלוכה אין דער וועלט.

פאר די יידן זיינען אט די דאזיקע ידיעות אמתע איוב־בשורות.יעדער דייטשישער זיג אויף די פראנטן איז ווי א מעסער אין רוקן פון דער יידישער באפעלקערונג. די זיגן אויף די רוסישע פראנטן האט אונדז אין גאנצן דערשלאגן און יעדער איי-נער פרעגט:מאין יבוא עזרי,פון וואנען האבן מיר צו דערווארטן הילף?

אין דער צייט ארבעט איך אויף דער באן-סטאציע ביים אויסלאדן די פארשידענע

מאטעריאלן,װעלכע זײנען אנגעקומען.

א געװיסן טאג,ארבעטנדיק װי געװײנלעך בײם אויסלאדן און אריבערטראגן די שװערע משאות,זע איך װי אויף דער סטאציע סקארזשיסק פארהאלט זיך א צוג מיט א לאנגער רײ װאגאנען אנגעלאדן מיט מענטשן.װי נאר דער צוג האט זיך אפגעשטעלט האבן זיך באלד דורך די קלײנע פענסטערלעך ארויסגערוקט הענט און פון אומעטום האט זיך געהערט אײן װארט:װאסער,װאסער!געבעטן האבן זײ אין רוסיש און װי ס'האט זיך ארויסגעװיזן זײנען דאס געװען רוסישע קריגס-געפאנגענע,װעלכע מ'האט ערגעץ געפירט.א סך פון די פאליאקן,װעלכע האבן זיך געפונען אויף דער סטאציע, האבן ארויסגעפונען פארשידענע כלים און האבן אנגעהויבן צוטראגן װאסער די פארשמאכטע זעלנער.אבער װי נאר זײ זײנען צוגעקומען צו די װאגאנען האט די דײטשישע װאך זײ באגעגנט מיט א מבול פון זלזולים:פאלישע שװײנען,אװעק פון היר,קײן װאסער איז נישט דערלויבט צו געבן די רוסישע קריגס-פארברעכער!ס'האט געשניטן בײם הארצן קוקנדיק אויף די פארשמאכטע רוסישע זעלנער,פאר װעמען אין די אויגן די דײטשישע בעסטיעס האבן ארויסגעגאסן דאס װאסער.און װער װײסט װיפל טעג דער דאזיקער צוג מיט די רוסישע קריגס-געפאנגענע שלעפט זיך שוין אן עסן און טרינקען.און װי אויף לחכעיס זײנען די טעג הײסע,איז װאס פארא גרעסערע פײן קאן נאך זײן װי האלטן מענטשן אנגעפראפט אין די װאגאנען און זײ נישט געבן קײן װאסער!און װער נאך װי מיר די געפײניקטע יידן האבן זײ געקאנט אזוי מיטפילן,און בלויז מיטפילן,װײל העלפן האבן מיר זײ נישט געקאנט.פון די װאגאנען זעט מען נאך אלץ די ארויסגעשטעקטע הענט און דעם שטילן שעפטשען:װאסער,װאסער!איצט קוקן שוין די מערהײט פאליאקן אויף זײ מיט מיטלײד,אבער העלפן קאנען זײ נישט,די דײטשישע ביקסן קאנען צו יעדער מינוט בעלאזט װערן אין גאנג איבער זײערע קעפ.

א צװײטן טאג בלײבט אויף דער באן-סטאציע שטײן א צוג פול אנגעפאקט מיט רוסישע יידן, פון פארשידענעם עלטער,זקנים און קלײנע קינדערלעך,װעלכע די מאמעס האלטן אויף די הענט.מיר זעען א סך עלטערע יידן אײנגעװיקלט אין טלית און תפילין,שעפטשענדיק מיט די ליפן א תפילה.זײ שטעקן אויך ארויס די הענט, אין רוסיש און יידיש מען זאל אויף זײ רחמנות האבן און געבן עפעס צו דערכאפן דאס הארץ און טרינקען.מען פירט זײ שוין עטלעכע מעת-לעת אן עסן און טרינקען און זײ בײען ממש אויס.אויך

לבני זיי ווייזן די פוילישע מענטשן ארויס מיטלייד און ווילן דאס דערלאנגען עסן און טרינקען,אבער אויך דאס מאל דערפון זיך די דייטשן אויף די פוילישע שרייבען,ווערק פון היר,דאס זייבען קרימינעל פארברעכער!דאס הארץ אין מיר האט געווייבט xxxxxxxxxx זעענדיק די מאמעס מיט די יונגע קינדלעך,מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין דער לופט...דער צוג האט געקירט,האט זיי ווייטער געפירט אויף זייער פייבפולן וועג און איך בין געבליבן שטיין מיט א הארץ פול טרויער און ווייטיק.

אין יאר 1942 האב איך אזעלכע טראנספארטן,מיט יידן פון גאנץ אייראפע,זייער אפט געזען ביי ארבדז אויף דער סטאציע.סקארזשיסק איז געווען א צענטראלער באן-קנופ און דורך דאנען פלעגן אדורכגיין די xxxxx עשאלאנען מיט יידן.זיך פארהאלטנדיק אויף דער סטאציע פלעגן זיי שטיין צוגעקלעפט צו די פענסטער-שויבן,און באשיטן די אנגעוויזנדע מיט צעבדליקער פראגן אויף צעבדליקער לשונות:וווּ זייבען מיר,וווהין פירט מען אונדז,ווי לעבן דא די יידן,צי איז נאך ווייט קיין סמאלאצלענסק?א.א. טיילמאל איז מיר געלונגען אויסצוטוישן מיט זיי א פאר ווערטער.

דער גרעסטער טייל פון זיי האט געהאלטן,אז זיי פארן אויף ארבעט ערגעץ אין רוסלאנד,אזוי איז געווען די אפיציעלע דייטשישע ווערסיע.אבער פארט האט ביי זיי איבערוויגיק געטאטשעט,אז די דייטשן טאר מען נישט גלויבן,דעריבער האבן זיי מיט אזא אומרויקייט נאכגעפאלגט דעם מארשרוט און געהאלטן אין איין פרעגן אויף די סטאציעס,וווּ זיי האבן זיך פארהאלטן,וווהין מען פירט זיי.אויך מיר האבן נישט געוווסט וואס דאס צו ענטפערן,אויך מיר האבן נישט געוווסט,אז די אלע טראנס=פארטן גייען אין אין לבסדרב,אין די דריי גרעסטע שעכט-הייזער:אוישוויץ,טרעבלינקע און מאידאנעק.

<u>שקלאפן-ארבעטער</u>

כמעט אלע יידן פון סקארזשיסק זייבען שקלאפן-ארבעטער ביי די דייטשן.אינטע-ליגענץ,סוחרים,פאבליים,זייבען איצט באשעפטיקט ביי טראנספארט,ביי שווארצער ארבעט אין די פאבריקן,ביים וואשן די פאדלאגעס און רייניקן די קלאזעטן אין די פארשיידענע אמטן.די ארבעט קומט פאר נישט נאר אונטער די כסדרדיקע קלעפ פון די דייטשישע אויפזעער נאר אויך אונטערן כסדרדיקן חוזק און אפלאכן.זיי באמיען זיך,אז די ארבעט זאל זיין אין בולטן קאנטראסט צו דער געוועזענער פערזאן;די אינטעליגענץ ווערט געצוווגען צו טאן די שמוציקסטע ארבעט,די וועלכע האבן אויף זייער לעבן נישט געטאן קיין פיזישע ארבעט שלעפן איצט די שווערסטע משאות און

ברעכן זיך אונטער ~~דער שרערער~~ לאסט.xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx פאר ~~דעם לידן~~

~~פון א גאנץ ארבעט קאן מען קויפן אויפן שווארצן מארק 4 ברויטלעך.~~

איך ארבעט אין דער פירמע קלעוויטש,ווו איך טו כל עבודה פרך.ס'רוב ארבעט איך אין דער באנ־שיכט און האב א באשטעטיקונג פון דער פירמע,אז איך מעג זיך געפינען אין באנ נאך דער פאליציי־שעה.פון צייט צו צייט ווער איך פארהאלטן דורך דייטשן,וועלכע קאנטראלירן מיינע רעכט זיך צו באוועגן אין די באנ־שעהען.טייל־מאל ביים דאס מיר אדורך אויף טרוקן,אפט כאפ איך געשלאג,זיי קאנען נישט אדורכ־לאזן אזא געלעגנהייט נישט צו געבן מיר עטלעכע קלעפ.

א געוויסע באנ שטעלט מען מיר אוועק ביי א פאמפע ארויסצופאמפן דאס וואסער פון א גרוב.צו מיין שרעק זע איך,אז וואס מער איך פאמפע אלץ וועררט די גרוב מיט וואסער.איך ווייס,אז דער ענין וועט מיר גלאט נישט אפגיין און איך ארבעט מיט אלע כוחות xxxxxxxxxxxxxxx ארויסצושעפן דאס וואסער.די באנ שלעפט זיך ווי פון סמאלע און איך האלט זיך שוין קוים אויף די פיס.קוים דערלעבט צו זען די פרימארגן־שיין.פארן ענדיקן די ארבעטס־שיכט,וועלכע האט זיך אנגעהויבן 7 אורנט און האט זיך געענדיקט 7 אין דער פרי,איז צוגעקומען א געסטאפא־מאן קאנ־טראלירן מיין ארבעט.דערזעענדיק דאס וואסער אין גרוב איז ער ארייגעפאלן אין א ווילדער רציחה און זיך צעריטשעט אויף מיר,אז איך מאך סאבאטאזש,אז איך האב נישט געארבעט פלייסיק.ער באפעלט מיר ~~חייבט בייטאג~~ זיך מעלדן צו אים אין דער ארטסקאמענדאנטור אויף דער פילסודסקי־גאס.מיט וועלכע כוחות איך בין דער־גאנגען אהיים איז מיר ~~נאך~~ ביז היינט שווער צו וויסן.דערציילנדיק אין שטוב, וואס מיט מיר איז פארלאפן,ברעכן אלע אויס אין א ביטער געוויין.זיך קלויבנדיק אין דער געסטאפא,געזעגן איך זיך מיט אלעמען און זאג זיי זאלן בעטן גאט פאר מיר איך זאל קומען צוריק א לעבעדיקער.

אין דער קאמענדאנטור נעמט מיר דער געסטאפאוויעץ אויף א פארהער,פארוואס איך האב נישט אויסגעפאמפעט דאס וואסער.איך דערצייל אים אזוי ווי ס'איז געווען אז איך האב געארבעט זייער פלייסיק,נאר אין גרוב איז כסדר צוגעקומען פרישxxxx וואסער.זעט אויס,אז ער האט מיר געגלויבט,ווייל ער הייסט זיך מיר אפטראגן, אנזאגנדיק מיר:פארפלוכטער יודע,דאס ערשטע מאל שענק איך דיר,אבער א צווייט מאל וועסטו דערפאר באצאלן מיט ~~דיין~~ לעבן!

אז איך בין ~~אהיים~~ געקומען אהיים איז די פרייד פון מיינע עלטערן,פון מיינע

ברידער און שווערער געווען אין לשער.ארויסבייין א געזונטער און לעבעדיקער פון דער דאזיקער לייבן גרוב,וואס האט בעהייטן בעטטאפא,איז נישט געווען פון די אפ־טע דערשייגרנגען.

## <u>יידיש לעבן איז הפקר</u>

איך ארבעט אויף דער באן,ביים לייגן רעלסן.נישט ווייט פון מיר לייבל א קצבס זון.ער איז נאך כמעט א קינד,אין גאנצן 15 יאר אלט און ער מוז שוין די שווערסטע ארבעטן.צווישן ארבדז איז ער זייער באליבט – ארבדזער ליבלינג.ער קומט אן אן עשאלאן מיט פארווונדעטע דייטשישע זעלנער,וועלכע קערן זיך אום פון רוסישן פראנט.זייער צוג פארהאלט זיך אויף עטלעכע שעה אויף דער סאן־סטאציע.ס'איז מיטאג־צייט.לייבל קצבס זון זיצט און עסט זיין ארעמען מאלצייט.א זעלנער פון עשא־לאן רופט אים מיטן פינגער צו זיך.ווען ער דערנענטערט זיך זאגט צו אים דער דייטש מיט א געלעכטער:דו ביסט איין שפיאן,און מיט זעלבן שמייכל צילט ער אן די ביקס אין אים און ביט א צי דאס צינגל.עטלעכע קוילן האבן דורכגעלעכערט דעם טייערן יינגל און ער איז געפאלן טויט אויף אן ארט.

דאס האט זיך אפגעשפילט אין מיטן העלן טאג,פאר די אויגן פון הונדערטער דייטשישע זעלנער,פאר די אויגן פון די יידישע שקלאפן־ארבעטער,פאר די אויגן פון די פוילישע ארבעטער און אנוועזנדע אויף דער סטאציע.

עטלעכע טעג שפעטער ארבעט איך ביי דער באן ביים אויסלאדן קוילן.אין א בע־וויסן מאמענט קומט צו דער דייטשישער אויפזעער און שרייט אויף מיר:פארפלוכטער יודע,דו ארבעטסט נישט פלייסיק!נעמט ער ארויס דעם רעוואלווער און מיט דער אייזערנער הענטל שלאגט ער מיר איבערן קאפ.באלד שיסט מיט א צלעפער־טער קאפ און אין גאנצן אין בלוט.אין אזא צושטאנד האב איך געמוזט ארבעטן.דאס בלוט איז כסדר גערונען און איז פארגליווערט געווארן פון קעלט.מען האט קיין פנים נישט ארויסגעזען באר איין שטיק פארגליווערט בלוט.

צוזאמען מיט מיר ביים אויסלאדעווען די וואגאנען מיט קוילן האט געארבעט דוד באך,מענדל בעקערס איידים.באך איז געווען א שטילער,פאשידענער יונגערמאן. ביזן קריג האט ער זיך א סך מתעסק געווען אין תורה און צדקה־זאכן.ער האט געזאמלט געלט פאר ספר תורהס און באזונדערס האט ער זיך אפגעגעבן מיט קראנקע מענטשן,וועל־כע האבן זיך גענויטיקט אין הילף.א סך ארעמע,עלנטע מענטשן זיינען אים געווען דאנקבאר פאר דער הילף וואס ער האט זיי צוגעטראגן אין שווערע מאמענטן.איצט איז

ער אליין ~~...~~ אין גרויס נויט און ארעמקייט. ער צוזאמען מיט דער משפחה הונגערט און ~~...~~ פרירט פון קעלט אין דער וואכנלאנג נישט באהייצטער וווינונג. נא-כן ענדיקן די ארבעט זע איך ווי נאך פארשטעקט א קליין שטיקל קויל צווישן זיינע שמטעס. פארקירעוועדיק צו אים אין געסל, נישט ווייט פון זיין היים, שטעלן אים אפ 2 עס-עס. זיי באזוכן אים, געפינען דאס שטיקל קויל און באלד דערהער איך עטלעכע שא-סן. דוד נאך ~~איז געלעגן~~ א גרויסער אויף דער ערד און לעבן אים ~~איז געלעגן ארויסגע-וואָרפן~~ דאס שטיקל קויל.

דער קאמענדאנט פון דער יידישער פאליציי, העכשל ווינאגראד גייט ארויס שפעט אין אוונט פון זיין אמט און ~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx~~ זעט ווי א געסטאפאוויעץ פירט א פארהאלטענעם ייד. ער דערקענט אים א געוויסן לייבל פאגאזשאלע, אזוי האט מען אים גערופן לויטן דארף פאגאזשאלע, ווו ער האט געוווינט ביזן קריג. דער קאמענדאנט גייט צו צום געסטאפא-מאן, און פרעגט אים צי קאן ער ווי-סן פארוואס ער האט פארהאלטן דעם דאזיקן מענטש. דער געסטאפא ענטפערט, אז דער ייד איז באגאנגען א פארברעכן קעגן דער דייטשישער מאכט ~~מיט דעם דראס~~ ער האט זיך נאך דער פאליציי-שעה געפונען אין גאס און דערפאר וועט ער דערשאסן ווערן. ווינאגראד פרובירט ראטעווען דעם ייד און דערקלערט דעם דייטש, אז ער איז זייער א גוטער ארבעטער און ~~זאל ער~~ אים דעם מאל שענקען. ער פרובירט אויך א וועק טאן ביי אים א מענטשלעכע סטרונע, אז ער האט א פרוי און קליינע קינדער. ~~אבער~~ דאס איז שוין פאר דעם געסטאפאוויעץ געווען צופיל. ער הייסט ווינאגראדן זיך ~~...~~ אפטראגן, ווייל אין קעגנפאל וועט ער גלייך דערשאסן.

דער געסטאפאוויעץ האט לייבל ~~פאגאזשאלע~~ אוועקגעפירט אויף מענדל פעלדמאנס פלאץ נאך די לעניקי און דארט אים אריינגעשאסן א קויל אין קאפ.

פון זיין פרוי האט מען זיך דערנאך דערוווסט, אז איר מאן איז ארויס נישט ווייט פון שטוב צו דערליידיקן זיינע פיזיאלאגישע באדערפענישן און אין דעם מאמענט איז אנגעקומען דער דייטש און אים פארהאלטן.

יידיש לעבן איז הפקר – לית דין ולית דיין.

## מארד דורך הונגער

הונגער איז געווען איינס פון די אנגענומענסטע מיטלען פון די דייטשן צו מאר-דן דער יידישער באפעלקערונג. אלע הכנסה קוואלן, אלע איינקונפטן זיינען פארגענומען געווארן. דער צופיר פון לעבנס-מיטלען אין די יידישע קווארטאלן און געטאס איז

געווארן אפגעשלאסן.די ווארעמדיקע זופ פון דער פאלקס-קיך און דער האלבער קילא-בראט (קוואטש) ברויט זײַנען געווען די איינציקע דערנערונג פאר טויזנטער משפחות. דרײַבן פלײש, פוטער, מילך, אײער, גריבס, פרוכט, זײַנען פאר די דאזיקע משפחות געווען זאכן פון דער ווײַטער פארגאנגענהייט.

עס שטייען מיר נאך איצט פאר די אויגן די לאנגע רייען פון מענער, פרויען, קינדער, פאר דער פאלקס-קיך. יעדן טאג שטייען זיי דא מיט די שיסעלעך שעהען לאנג און ווארטן ביז מען עפנט די קיך. פון זייערע אויגן, פון די אויסגעדארטע גופים, פון באנצן אויסזעען שרײַט ארויס דער הונגער. ס'איז שוין נישט מעגלעך אים צו פארבאהאלטן, אבער פארשטעקן, צו איינשטילן. די ווארעמדיקע זופקע צערייצט אים נאך מער און באכן אויסלעקן די שיסעלעך הויבט אן דער הונגער נאך מער צו מאטערן און פײַניקן.

דער גרעסטער צער איז צו קוקן אויף די אויסגעהונגערטע קינדער. צוזאמען מיט די דערוואקסענע שטייען זיי אין דער ריי צו באקומען די זופ . זייערע פנימער - קינדערישע און דאך נישט קיין קינדערישע, נישטא אויף זיי קיין שמייכל, מען זעט זיי נישט לאכן, נישט שפילן. קינדער-דערוואקסענע. איר זעט זיי נישט לויפן, יאגן, זיך שפילן, דער הונגער (אלץ די גרויל) האט xxxxxxxxxxxxxxx וואס אלץ ארויסגענאגט פון זיי. צו 5-6 יאר זײַנען זיי שוין ווערוואקסענע און דרייען זיך ארום מיט די זעלבע זארגן, וואס זייערע עלטערן: וווּ נעמט מען (אויף) צו שטילן דעם הונגער?

ביי אונדז אין שכנות האט געוווינט א געוועזענער איציק וואלאפסקי. אונדזער שכן איז קיינמאל נישט xxxxxxxx געווען פון די גרויסע גבירים און ער האט קוים בדוחק מפרנס געווען זײַן משפחה. דריי קינדער האט אונדזער שכן געהאט, 3 שיינע קינדער. משהלע - דער רויט-האריקער, מיט בלויע אויגעלעך איז אלט געווען 9 יאר, יאנקעלע, מיט די בלאנדע הערעלעך - 7 יאר און אסתרל, א טונקל-בלאנדינקע - 11 יאר. משהלע איז ביי אונדז געווען א בן-בית. ער פלעגט אריינקומען און זיך ווענדן צו מײַן פאטער: לייבישל, לערנט מיט מיר, איך האב אײַך זייער ליב. מײַן טאטע האט געלערנט מיט משהלע גמרא. xxxxxx האט געהאט זייער א שארף קעפל און מײַן פאטער פלעגט זאגן, אז ס'איז א פארגעניגן צו לערנען מיט אים, ער איז אן עילוי. יאנקעלע איז אויך געווען אן אפטער ארײַנגייער צו אונדז. ער איז געווען א שוואכע (געזונט) און פלעגט זיך קלאגן, אז דאס הערצעלע טוט אים וויי. מײַן מאמע האט אים צוגעזען מיט עסן און שטענדיק באכן אפעסן פלעגט ער זאגן צו מײַן מוטער, אז איצט פילט ער בעסער, אז דאס הערצעלע טוט אים ווייניקער וויי.

איך האב די דריי קינדערלעך ליב געהאט אזוי ווי אייגענע, איך האב זיי פרוו

אויך זיי זיינען געווען צוגעבונדן צו מיר.איך פלעג זיי פון צייט צו צייט קוי-
פן עפעס פון נאשוואַרג און זיי פלעגן מיר דערמיט האלדזן און קושן.

איצט איז פון די דאזיקע קינדער געבליבן נישט מער ווי זייער שאטן, דריי סקעלעטן,דריי אויס-
געדאַרטע גופים.אפילו פון זייערע אויגן איז ~~שוין~~ פארשווונדן דער
קינדערישער גלאנץ,זיי קוקן ~~שוין~~ אויף דער וועלט מיט זקניש אויסגעלאשענע ~~אויגן~~.
זייער פאטער,איציק וואלאפסקי,איז דער ערשטער פון זייער ~~משפחה~~ אויסגעגאנגען פון
הונגער,ער ווייסט נישט דארפן לאנג ווארטן צו זיין צוריק מיט זיין משפחה אויפן
עולם האמת.אזוי זיינען פארשניטן געווארן אונדזערע קינדערלעך,די יונגע בוימעלעך
וועלכע האבן זיך געדארפט איצט געבליען און וואקסן.אין געטא האבן זיי נישט גע-
בליט און נישט געוואקסן,אין געטא האבן זיי געדארט וויאנעט און אפ-
געשטארבן.

<u>שמוגל</u>

געלינדערט אביסל די נויט און דעם הונגער אין געטא האט דער שמוגל.דער שמו-
גל איז פארבונדן מיט טויט-געפאר,נישט געקוקט אויף דעם גייט ער כסדר אן.יידן
פון סקאַרזשיסק שפּאַרן אן דורך פארשידענע וועגן קיין שידלאָוויעץ,ראדאם,קעלץ,
וויעזשבניק,אין די נאָענטע און ווייטערע דערפער און ברענגען פון דאָרטן פארשידענע
פראָדוקטן.בשלום אדורכגעקומען אלע געפאַרן אין וועג, בלייבט איצט
נאך איין שוועריקייט,ווי אזוי עס אריינשמוגלען אין געטא.מיט א סך וואכ-
לייט,וועלכע היטן דעם אריינגאנג אין געטא,זיינען די שמוגלער יד אחת ד.ה.אז
יענע זיינען "אונטערגעשמירט" און נאָכן באקומען זייער חלק,לאזן זיי אדורך די
פראָדוקטן.אבער מען איז ביי דעם אלעמען קיינמאל נישט זיכער;די וואך טוישט זיך
אפט און מען קאן נישט ווייסן אויף וועמען מ'וועט זיך אנשטויסן ביים אריינגאנג.
א סך פון דער פוילישער פאליציי און פאלקס-דייטשן זיינען געטרייע היטן פון
היטלערן און זיי האלטן זיך שטרענג ביי זיין תורה פון מאָרדן די יידן דורך הונ-
גער.אזעלכע לאזן זיך נישט אונטערקויפן און ווען מען טרעפט זיך אן אויף זיי
איז עס געצאלט מיטן לעבן. נישט איינער פון די יידישע שמוגלער האט שוין
פאר'ן דאזיקן חטא באקומען א קויל אין קאפּ אדער איז אוועקגעשיקט געווארן אין
קעלצער תפיסה,פון וואנען מען האט זיך צוריק נישט אומגעקערט.איינער פון זיי
איז געווען נחום קצב.די פוילישע פאליציי האט אים פארהאלטן ביים ~~ווען~~ אריינ-

# יידן טארן נישט געניסן פון מעדיצין

האנט ביי האנט מיטן הונגער גייען אויך קראנקהייטן און פארשידענע עפידעמיעס.חוץ דעם הונגער זיינען דערצו אויך גורם די שלעכטע היגיענישע באדינגונגען די ענגשאפט אין געטא און דאס וואס יידן זיינען כמעט ווי אויסגעשלאסן פון מעדיצינישער אויפזיכט און הילף.

אויף ~~דער~~ דריטע מאי גאס,קעגנאיבער דער פאלקס-קיך,געפינט זיך דאס יידישע קראנקען-הויז,אונטער דער אנפירונג פון דאקטער קאהאן.שוין באלד אין דער פרי איז דאס קראנקען-הויז באלאגערט פון מאסן חולאים,מענער,פרויען,קינדער,וועלכע קומען אהער זוכן הילף.די מעגלעכקייטן פון שפיטאל און מעדיצין-פערסאנאל צו העלפן די קראנקע זיינען מינימאלע.אפילו שווער-קראנקע קאנען נישט אויפגענומען ווערן אין שפיטאל:די צאל קראנקע האט זיך שטארק פארגרעסערט,די צאל ערטער - שטארק פארקלענערט.די וואס ווערן יא אנגענומען אין שפיטאל געניסן אויך נישט קיין סך דערפון;עס פעלן אויס די סאמע נויטיקסטע און עלעמענטארסטע מעדיקאמענטן,אינסטרומענטן און מיט ליידיקע הענט קאנען די דאקטוירים קיין סך נישט אויפטאן.

אין דייטשישן חשבון פון אומברענגען דער יידישער באפעלקערונג פארנעמט די פאזיציעס פון קראנקהייטן און עפידעמיעס א חשובן ארט.זיי פירן דאס אדורך מיט דער גאנצער גרונטזאמקייט:די יידישע באפעלקערונג טאר נישט געניסן פון דער מעדיצין און מעדיצינישער הילף.די אויסגעשטרעקטע האנט פון א קראנק קינד בלייבט הענגען אין דער לופט,די רופן פון א גוססן זקן בלייבן נישט דערהערט.ווי טאפלט טראגיש דאס איז;יידן,וועלכע האבן אין אזא גרויסער מאס בארייכערט דער מעדיצינישער וויסנשאפט און האבן ארויסגעגעבן אזויפיל בארימטע דאקטוירים טארן איצט נישט געניסן דערפון.

צוזאמען מיטן שמוגל פון לעבנס-מיטלען ווערן אויך אריינגעפירט אין געטא געוויסע מעדיקאמענטן.דאס איז פארבונדן מיט פאנטאסטישע סומעס און געניסן דערפון קאנען בלויז יחידי סגולה.די גרעסטע טייל פון דער געטא-באפעלקערונג איז אין פאל פון קראנקהייט און עפידעמיעס אויסגעשטעלט אויף גאטס באראט.די מעדיצינישע הילף איז ווי א טראפן אין ים און דער מלאך-המות שניידט אומברחמנותדיק יונג און אלט.אן אויפהער ציען איבער די געטא-גאסן לוויות.קינדער באגלייטן צו אייביקער רו זייערע עלטערן,און עלטערן - זייערע יונג פארשניטענע קינדער.

שמוגלען א בהמה אין געטא. נחום קצב האט זיך געקאנט מיט דער פאליציי נאך פון די פריערדיקע צייטן, האט ער אנגעהויבן אונטערהאנדלען מיט זיי, פארגעלייגט א גראנטע אפּטיקא, זיי זאלן אים דורכלאזן. ס'האט גארנישט געהאלפן, די פוילישע פאליציי האט אים איבערגעגעבן צו דער געסטאפּא. נחום איז ארויסגעשיקט געווארן קיין ק˄עץ אין תפיסה און דארט האט מען אים אומגעבראכט.

די פרייזן אויף די אריינגעשמוגלטע פּראדוקטן זיינען געווען פאנטאסטישע. דאס בעסט זיך פון עטלעכע סיבות; ראשית רייכט מען פון ~~דעם~~ שמוגלער א חויבן פרייז ביים איינקויפן, דער "שמירן" קאסט א סך געלט און די שמוגלער אליין ווילן אויך פעט פארדינען ~~פארשטייט זיך, אז~~ געגיסן פון די אריינגעשמוגלטע זאכן און פּראדוקטן קאן בלויז א דינער שיכט פון די געטא-איינוווינער. די ארעמקייט האט שוין ארויספארקויפט פון שטוב אלץ וואס האט נאר געהאט א ווערט. די חתונה-רינגלעך און אנדערע צירונג, וואס האט זיך נישט צופיל געפונען אין די האלב-פארמעגלעכע הייזער איז שוין פון לאנג געווארן אויסגעטוישט אויף א שטיקל ברויט. איצט קאנען פון דאזיקן שמוגל געניסן בלויז די אויבערשטע שיכט, וועלכע האבן נאך זאפאסן פון גאלד און אויסלענדישער וואלוטע. אויך די יידישע פאליציי, דער יודענראט, די בעקערס פילן נישט קיין נויט. טייל פון זיי אריינגערעכנט אויך די שמוגלער לעבן איצט ברייטער ווי פאר ~~דער~~ קריג. טיילמאל ווערט דאס דערגרייכט מיט נישט אנשטענדיקע מיטלען און אויפן חשבון פון אנדערע.

אויך פאליאקן פארנעמען זיך מיט שמוגלען פראדוקטן אין געטא. זיי מאכן דערביי אויסגעצייכנטע געשעפטן און ריזיקירן ווייניקער ווי די יידישע שמוגלער. די פוילישע xאלxצxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx פאליציאנטן, וועלכע היטן דעם געטא, זיינען דאך זייערע באקאנטע און פריינט און וועלן זיי xxxxxxxx נישט פארהאלטן.

די פרייזן אין געטא זיינען נישט קיין סטאבילע, ~~די פרייזן~~ ענדערן זיך מיט יעדן טאג און יעדן טאג ווערט אלץ טייערער. די פאליאקן זעענדיק, אז די יידן רייסן פון זיי די פּראדוקטן און צאלן ~~יעדן פרייז~~, האלטן אין איין ארויפשרויפן די אזוי אויך בעזאלצענע פרייזן. אלץ מער און מער ווערן די אריינגעשמוגלטע פּראדוקטן נישט צוטריטלעך פאר די אלגעמיינע געטא-איינוווינער. ~~און בלויז א גאר דינער שיכט קאן געניסן דערפון~~. דער הונגער און נויט בושעווען אלץ מער און מער אין געטא, דרינגט אריין אין אלץ מער הייזער און היימען, און לייגט אלץ טיפער זייער חותם. ~~דאס~~ יידן-קווארטאל ווערט דער מלאך המות אין געשטאלט פון הונגער.

## איינער פון די [redacted] ווילדיקע

דורות לאנג האבן יידן און פאליאקן געלעבט אויף דער זעלבער ערד.אין דער געשיכטע
ארן אנטוויקלונג פון פוילן האבן יידן ארייבגעשריבן א
סך שיינע און העראישע בלעטלעך.מיט 600 יאר צוריק,אין 14טן יארהונדערט האט דער
פוילישער קעניג קאזשימיעזש דער גרויסער אנערקענט די נוצ-
לעכקייט פון די יידן פאר זיין לאנד און זיי געגעבן ברייטע רעכט.ביזט שטענדיק זיי-
נען די דאזיקע רעכט אנגעהויבן געווארן פאר א סך פוילישע קעניגן און פאר דער
שליאכטע זיינען יידן זייער אפט געווען דער בלוט-אפלייטער אויף וועלכן זיי האבן
בעקירעווועט דעם האס פון פאלק.אויך אין לעצטן פעריאד,אין דער צייט צווישן ביידע
וועלט מלחמות,זיינען יידן געווען דאס הפרה-היינדל פאר אלע צרות אין לאנד.פון יאר
1933,ווען היטלער האט איבערגענומען די מאכט אין דייטשלאנד,איז פוילן בגרבע דער
יידן פראגע געווען אונטערן בולטן איינפלוס פון נאצי-דייטשלאנד.די פוילישע רעגירונג
פירט אן אפענע עקסטערמינאציע פאליטיק לגבי די יידן און רעדט אפן וועגן דעם,
אז אין לאנד איז דא אן איבעריקער מיליאן יידן פון וועלכע מען מוז פאר יעדן פרייז
פטור ווערן.די אפיציעלע רעגירונגס פארטיי"סאנאציע" ליציטירט זיך אין אנטיסעמיטיז
זם מיט דער ענדעציע און נארא,עקסטרעם אנטיסעמיטישע פארטייען.די דאזיקע פאליטיק
האט אויף זיך לאנג ניט געלאזט ווארטן,ס'הויבט זיך אן א סעריע פון בלוטיקע פאג-
ראמען.אין פשיטיק,מינסק-מאזאוויעצק,בריסק,האבן פוילישע באנדעס פראנק און פריי,פאר
די אויגן פון דער פאליציי,געהרגעט און געמארדעט די יידישע באפעלקערונג.
פאגראמען אין קלענערן מאסשטאב קומען פאר אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון
לאנד.די צענטראלע מאכט גיט איר שטילע אפראבאטע דערצו און פון דער טריבונע פון
פוילישן פארלאמענט ווערט בעגאסן בוימל אויפן פייער דורך די אנטיסעמיטישע
ארויסטרעטונגען פון דער טרויעריק באקאנטער דעפוטאטין פריסטעראווע,בלה שטשעטשאק
א.א.

אזא איז געווען די לאגע פון די יידן אין מאמענט ווען ס'איז אויסגעבראכן די
מלחמה און די נאצי-ארמיי האט ארייבמארשירט קיין פוילן.נאך דער ערשטער אויפטריים-
לונג און דערשיטערונג פון פארלירן די אומאפהענגיקייט,וועלכע פוילן האט ערשט מיט
20 יאר צוריק דערגרייכט,האט א גרויסער טייל פון דער פוילישער באפעלקערונג גלייך
געפונען א געמיינזאמע פלאטפארמע מיט די דייטשן אין דער יידן-פאליטיק,א גרויסער
טייל פון די פוילישע אנטיסעמיטן און פון המון האט זיך בעטעלט אין דינסט פון די

דייטשן און זיי אקטיוו מיטגעהאלפן  אין זייער אויסראטונגס-ארבעט.אנדערע זיינען אזוי ווייט נישט געגאנגען,נאר פון דער ווייטנס האבן זיי זיך בעריבן די הענט פון פרייד,וואס דער דייטש טוט זייער ארבעט,וואס ער לייזט די יידן-פראגע.פון גרויס פארשיכורטקייט האבן זיי אפילו נישט געזען דאס וואס מען האט לייכט געקאנט פאריס-זען,אז נאכן לייזן די יידן-פראגע וועלן די דייטשן צוטרעטן לייזן די פויליש-פראגע,און זיי דערווארט דער זעלבער אדער אן ענלעכער גורל.

א גרויסער טייל פון דער פוילישער געזעלשאפטלעכקייט האט זיך מיט קאלטער גלייכ-גילטיקייט צוגעקוקט צו די דייטשישע מעשים העתועים און האט איבגאנצן נישט רעא-גירט אויף דעם,נישט ארויסגעוויזן קיין שום מיטלייד און קיין שום הילף צו די אזוי שווער געפרוווטע און לייזנדע מיטבירגער.בלויז א קלייניקער טייל פון ארבעטער-פוילישע שבבים האט מיטגעפילט מיט אונדז און האט אויף פאראיידענע אופנים געהאלפן די יידן.זייער לאגע איז געווען א טאפלט נישט-באקוועמע:פון איין זייט האבן די פוילישע אנטיסעמיטן בעקוקט קרום אויף זיי און פון דער צווייטער זייט האבן די דייטשן אנגעווענדט קעגן זיי דעם שארפסטן טעראר.העלפן יידן איז  ביי די דייטשן געווען אייגער פון די שווערסטע פאר-ברעכנס.פאר געפינען א ייד ארויסבאהאלטן ביי פאליאקן האט די גאנצע פוילישע מש-פחה באצאלט דערפאר מיטן לעבן.דאך זיינען אזעלכע געווען,און איינער פון זיי איז  דער סקארזשיסקער איינוווינער סטאכיל קייטין.

סטאכיל איז געבוירן געווארן און האט זיך געהאדעוועט אין א יידישער געגנט. פון די יידישע יינגלעך,מיט וועלכע ער האט זיך געחברט און געשפילט פון קליינ-ווייז אויף האט ער זיך אויסגעלערנט יידיש  און איבגאנצן פריי גערעדט אויף דער דאזיקער שפראך.ווען ער איז אויסגעוואקסן איז ער אנגעקומען ארבעטן צום יידישן געשעפטסמאן הערשל מוזיקאנט.צוזאמען מיט הערשלען און זיינע זין איז ער ארומגעפארן איבער די שטעטלעך און אין די מארק-טעג געהאלפן פארקויפן קינדער-שפילצייג און באלאגמעריע-אויטארבעטונגען.דער מסחר איז אנגעגאנגען אונ-טערן פרייען הימל,ווו די מוזיקאנטס און סטאכיל זיינען געשטאנען ביי א טישל פול אנגעלאדן מיט,,כל טוב" און האבן געלויבט זייער סחורה פאר די פארזאמלטע פויע-רים און פויערטעס.אין די לעצטע יארן פארן קריג פלעגט זייער אפט טרעפן,אז אונ-גיזירטע אנטיסעמיטישע באנדעס פלעגן באפאלן די יידישע מארק-הענדלער 
~~די סחורה.אין אזעלכע פאלן~~
זייערע סטראגאנעס און מאכן א חל פון [illegible]

מיטן אריינקומען פון די דייטשן האט זיך ביי סטאבילן בארגיש געענדערט,ער האט
דרייסער אנגעהאלטן זיינע פארבינדונגען און פריינדשאפט מיט די יידן.שפעטער ווען
די יידן זיינען פארשפארט געווארן אין געטא און זייער לאגע האט זיך בסדר פארערג
ערט האט סטאביל מיט וואס נאר מעגלעך געזוכט זיי צו העלפן.ער איז געווען איינער
פון די שמוגלער,וועלכע האבן צוגעשטעלט לעבנס־מיטל אין געטא.ער האט דערביי פאר-
דינט אבער זיין כוונה איז אויך געווען מיט דעם צו העלפן די אויסגעהונ-
גערטע יידן.ער איז געווארן דער פארבינדלער צווישן די יידן,וואס זיינען פאר
פארשיידענע מאטיוון דורך שמוגל א.א. ארויסגעפירט געווארן אין אנדערע שטעט אין
די דארטיקע הפיסות.סטאביל האט אויך פארשיידענע אופנים זיך פארבונדן מיט זיי,
איבערגעגעבן זיי פעקלעך און בריוו און צוריקגעבראכט בריוו פאר זייערע משפחות,
פאר וועלכע דאס איז געווען אן אויסערגעוויינלעכע פרייד,ווייל זיי האבן בכלל
נישט געוואוסט וואס ס'טוט זיך מיט די פארשפארטע און צי לעבן זיי נאך.
סטאביל האט דערביי זייער א סך ריזיקירט און נישט איינמאל האט ער באקומען ברס
געשלאגן פון די נאצים.איין מאל האט ער זיך אנגעטראפן אויף גרויסע שוועריקייטן
און געפאלן ביים אריינשמוגלען פראדוקטן אין געטא,אבער ער [illegible] נישט דער-
פון און זעענדיק עס פאר ביז דער ליקווידאציע און ארויסטרייבן פון די
[illegible]
יידן. יידישע משפחות האבן מיט דאנקבארקייט דערמאנט זיין נאמען. ~~קרבנות.~~

<u>יידישע פאליציי</u>

די יידישע פאליציי האט זיך כדרך כלל רעקרוטירט פון צוויי קעגנזעצלעכע עלע-
מענטן;אין איר זיינען געווען פארטראטן א גרויסער טייל אינטעליגענץ און פון
דער צווייטער זייט די יידישע "שמארקע";די כוח בייער,און אונטערוועלטניקעס.
די פאליציי האט צוגעצויגן צו זיך מיט 2 זאכן:מאכט און א גוט לעבן אויפן מאמענט
און א צוזאג ,אזוי איז געווען די אנגענומענע מיינונג,צו קאנען איבערהאלטן די
שלעכטע צייט.א סך פון די וואס זיינען אריינגעטראטן אין דער פאליציי האבן זיך
לכתחילה נישט אפגעגעבן קיין רעכענונג,אין וואס זייער ארבעט וועט באשטיין,צו
וואס פאר א ראל זיי וועלן זיך מוזן ווערקייקלען.~~א סך פון די~~ טייל זייערע פאליציאנטן
האבן צום אנהויב ארויסגעוויזן הויכע מאראלישע ווערטן און טיפע מענטשלעכקייט
אין דער באציונג צו זייערע לײַדנדע ברידער,נאר שפעטערדיקער האבן זיי זיך געקיי-
קלט אלץ ניעדריקער און נידעריקער ביז זיי האבן אינגאנצן פארלוירן זייער פריער-

דיק מענטשלעכן פרצוף.די וואס האבן נישט געוואלט זיך אראפלאזן צום דאזיקן מצב האבן געזען,אז זייער ארט איז נישט אין דער פאליציי,געווען אויך אויסנאמען.אזא איז געווען דער יידישער פאליציאנט ירחמיאל מארגענשטערן.איך האב ירחמיאלן געקענט נאך אלס יינגל.מיר זיינען צוזאמען געגאנגען אין חדר.ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים און דער רבי פלעגט זאגן אויף אים,אז ער האט אן "אפענע קאפ" און פון אים וועט אויסוואקסן א גאון.איצט האב איך געטראפן ירחמיאלן אין א מונדיר פון א פאליציאנט.ווי אזוי ער קומט אין דער פאליציי איז פאר מיר נישט באקאנט,נאר מיט זיין טעטיקייט איז מיר עטלעכע מאל אויסגעקומען זיך צוזאמענטרעפן.

א געוויסע נאכט הערן מיר קלאפן ביי אונדז אין טיר.אין טויט-שרעק עפענען מיר אויף און ס'קומט אריין ירחמיאל מארגענשטערן.ער פארלאנגט מענטשן צו דער ארבעט,די געסטאפא פאדערט מען זאל איר תיכף צושטעלן  א גרעסערע גרופע יידן.ס'איז א ווינטער נאכט,קאלט,מען איז מיד;הונגעריק,צעבראכן.ירחמיאל זעט ווי שווער אונדז איז צו רירן זיך פון די געלעגערס  הויבט ער זיך אן ווי פארענטפערן:גלויבט מיר,מיינע טייערע מענטשן,אז איך האב נישט קיין פארגעניגן צו וועקן אייך איצט צו דער אר-בעט,אבער איר ווייסט דאך וואס ס'הייסט נישט אויספירן א באפעל פון דער געסטאפא. גלויבט מיר,אז ס'שניידט מיר ביים הארצן צוקוקנדיק צו די צרות פון מיינע ברידער, איך קאן דאס שוין מער נישט צוזען און פיל אז מיין לעבן ענדיקט זיך ארויס.לסוף הייסט ער אונדז,די דריי ברידער,זיך אנטאן און גיין מיט אים און כאטש ער האט א באפעל,אז אלע מענער מוזן זיך שטעלן,הייסט ער אונדזער פאטער בלייבן אין שטוב און ער נעמט די אחריות אויף זיך.

26 יאר איז ירחמיאל מארגענשטערן אלט געווען ווען ~~עXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXXX~~ דער קאנטער האט אים אטאקירט און זיך באזעצט ~~ביי אים~~ אין קאפ.טאג און נאכט האט ער געליטן שרעקלעכע יסורים און ווייטאגן.א געוויסן טאג האט ער באקומען א בלוט-אויסגוס אין קאפ.עטלעכע דאקטוירים זיינען געשטאנען ביי זיין קראנקן-בעט און גע-זוכט צו ראטעווען זיין יונג לעבן.ס'איז זיי נישט געלונגען.די ריינע נשמה האט זיך נישט געקאנט האלטן אין דעם דאזיקן אנגעווייטאקטן גוף און זי האט אים פארלא-זן. ~~[illegible]~~ געווען אין טיפן טרויער צוליבן פארלוסט פון ירחמיאל מארגענשטערן ~~[illegible]~~ ארבעטן פאליצייאישן מונדיר ~~געהאט~~ א טיף מיטפילנדיק יידיש הארץ.

## די גבורה פון אויסהאלטן

דאס לעבן אין געטא צאנקט און גייט אויס. פארשפארט אין די ענגע געטא-געסלעך צאפלט און ראנגלט זיך א שטאט מיט יידן. ראנגלט זיך מיט ברויט, הונגער, קראנקהייטן עפידעמיעס, ראנגלט זיך מיט דער פוילישער פאליציי, מיט די עס-עס, געסטאפא, ראנגלט זיך מיטן דריטן רייך זיך נישט לאזן אונטערברענגען! לויט אלע חשבונות האבן שוין א די יידן אבער אזעלכע באדינגונגען געדארפן xxxxxxxxx לאנג אונטערגיין. דער עם קשה עורף וויל זיך נישט אונטערגעבן דעם דייטשישן טויט-אורטייל, וויל בלייבן לעבן און זען די מפלה פון זייערע משחיתים. אן אייגנארטיקער, קיינמאל נישט געזעענער פארמעסט גייט אן צווישן ריזיקן דריטן רייך און די אויסגעשעפטע און אויסגעהונגערטע יידן אין די געטאס. פאר די עטלעכע יאר פון נישט גלייכן פארמעסט האבן די יידן צו פארצייכענען אז די ריזיקן בלוט-אפפלוס, זייער האנט אבער אויך צו פארצייכענען, אויך זייער קאמף די גבורה פון אויסהאלטן, פון לעבן, פון האפן און ווייטערדיקן געבאכן פאר עקזיסטענץ.

דאס לעבן אין געטא גייט אן. עס גייט אן דער שמוגל, דער האנדל, דער אויסטויש. עס ווערן געפראוועט יום-טובים, חתונות, בר-מצוות. יידן פאליטיקירן, בויען אויס גייס פון אונטער דער ערד און זעען בפועל ממש די נאענטע מפלה פון דייטש. יידן האלטן אן פארבינדונגען מיטן ארום, זוכן אויס צווישן דער פיינדלעך-אנטיסעמיטישע סביבה דיxxxxxxxxxxxxx יחידים, וועלכע האבן אויסבאהאלטן דעם פייער-פררור פון די נאצי-יארן, און זיינען גרייט מיט וואס נאר מעגלעך צו העלפן די פארשפארטע אין געטא.

די רציחות און גזירות פון די נאצים ווערן מיט יעדן טאג אלץ שארפער און שארפער. אלע זייערע ביז איצטיקע נצחונות אויף די פראנטן און די איצטיקע שוועריקייטן און מפלות, וועלכע זיי הייבן אן צו ליידן, ווערט רייך פארפראוועט מיט יידיש בלוט. יידיש בלוט גיסט זיך אין אלץ ברייטערע שטראמען, די פעטליע ווערט אלץ מער און מער פארצויגן און דאך גיבן זיך די יידן נישט אונטער, xxxx דער געראנגל, דער אייגנארטיקער און אייגנציקארטיקער געראנגל xxxxxxxxxx פארן לעבן, פאר אויסהאלטן, גייט ווייטער אן.

צום קאמף קעגן די יידן ווערט איצט ארגאניזירט די גאנצע דייטשישע געזעלשאפט נישט בלויז די געסטאפא, עס-עס, מיליטער, דער דייטשער מלוכה-אפאראט פירט איצט דעם קאמף פאר אויסראטן די יידן, נאר אויך די דייטשישע וויסנשאפט. אין די לאבאראטאר-

יעס ארבעטן בעמיקער,איבזשיביערן ביים אויסארבעטן און פארפולקאמען דעם ציקלאן-
באז,בוי-איבזשיביערן זייבען באשעפטיקט ביים אויפשטעלן קרעמאטאריעס,~~די מעדיצינע~~
דאקטוירים,פראפעסארן פון דער מעדיצינישער וועלט זיצן טאג און נאכט און פארשן
איף וואס פאר אן אופן און מיט וועלכע מעטאדן מ'קאן ווי אמשנעלסטן אומברענגען
מענטשן.די נאצים דערגייען צום העכסטן פונקט פון xxxx קאניבאליזם אין דער מענט
לעכער געשיכטע – זיי שטעלן אויף ריזיקע שלאכט-הייזער,פאבריקן פון טויט צו מארד
מיליאנען מענטשן.

הושענא רבה פון יאר 1942 xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx,
xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx ווערן די יידן פון סקארזשיס-
קער געטא ארויסגעפירט אין די דאזיקע פאבריקן פון טויט.סקארזשיסק איז יידן-ריין

~~2. ל א ג ע ר~~

<u>איך ווער א קאצעטניק</u>

איך ארבעט אין דער פירמע קלעוויטש אלס מאלער.די פירמע קלעוויטש,וועלכע איז
זיך איצט ברייט פאנאנדערגעוואקסן און פירט ~~און פירט~~ גרויסע בוי-ארבעטן באשעפ-
טיקט צענדליקער יידישע שקלאפן-ארבעטער.דער ארבעטס-אמט ביים יודענראט שטעלט אים
יעדן טאג צו די בויטיקע צאל ארבעטער.8 אזייגער אין דער פרי ווערן זיי צעטיילט
אין גרופן און דייטשישע לאסט-אויטאס פירן זיי ~~ארויס~~ צו די פארשידענע בוי-ארבע-
טן.איך מיט נאך 3 מאלער:~~באגר~~ פלאם,מענדל הערשענפאס און מאיר שפערליבג ארבעטן
~~איצט~~ אויף דער "וויטאווורביע" ביים מאלן דעם "ווערקסקאנסום";ווו ס'ווערט פאר
די פוילישע ארבעטער ארויסגעגעבן לעבנס-מיטל אויף די שפייז-קארטן.xxxxxx די
"וויטאווורביע" xxxxxxxxxxx איז אפטיילונג פון דער אמוניציע פאבריק,וועלכע אי
~~שרבן~~ איף א לאגער פאר טויזנטער פארשפארטע יידן,וועלכע קאנען פון דארטן נישט
ארויס~~גיין~~.פון דייטשישן שעף פון קאנסום,גרעפער,האבן מיר א שריפטלעכן דאקומענט.

וואס גיט אונדז דאס רעכט אריינצוגיין און דער עיקר ארויסצוגיין פון דער פאבריק.
נאכן ענדיקן די ארבעט ביים קאנסום שיקט אונדז דער פאר-ארבעטער בראכאווסקי,א
פאלקס דויטש,איבער ארבעטן אין דער וויטווורניע.5 אזייגער פארנאכט,ווען
פארענדיקן די ארבעט און די פוילישע ארבעטער גייען אהיים,לאזן מיר זיך אויך צום
ארויסגאנג.דארט ווארט שוין אויף אונדז דער פאלקסדויטש בראכאווסקי,וועלכער טענהט
איין מיט דער דייטשישער וואך מען זאל אונדז נישט ארויסלאזן און ער וועט אונדז
אוועקפירן אין די באראקן אויף דער "עקאנאמיע".דער וואכמאן ענטפערט אים,אז ער קאן
דאס נישט טאן,ווייל מיר האבן דערלויבענישן ארויסצוגיין פון דאנען און ער האט
נישט דערהאלטן קיין שום באפעל פון זיינע עלטסטע אונדז צו פארהאלטן.

אין דער היים דערצייל איך אין וואס פאר א סכנה מיר האבן זיך היינט געפונען
און באראט זיך וואס צו טאן ווייטער.מיין פאטער זאגט ארויס זיין מיינונג איך זאל
מארגן ווידער גיין אהין ארבעטן,ווייל אנדערש קאן מען מיר ארויסשלעפן ביינאכט
און איך קאן נאך מאכן ערגער.איך שטים איין מיט אים און אויף מארגן גיי איך
מיט מיינע ארבעטס חברים צוריק אין פאבריק.אין אוונט באגלייט אונדז בראכאווסקי
ווידער צום טויער און טענהט ווייטער איין מיטן וואכמאן ער זאל אונדז נישט ארויס
לאזן.דאס מאל איז אים געלונגען איבערצורעדן דעם וואכמאן, און ער לאזט אונדז נישט
ארויס.בראכאווסקי נעמט אונדז איבער אין זיין רשות און xxxxx איך מיט מיינע 3
חברים ווערן אוועקגעפירט אין לאגער.

<u>די "עקאנאמיע"</u>

אפגערוקט אביסל פון שטאט האט זיך געפונען א גרויסע אמוניציע פאבריק.פארן
קריג איז די פאבריק געווען א מלוכהשע אונטערנעמונג אונטערן נאמען:פאנסטוואווא
וויטווורניא אמוניציע /מלוכהשע אמוניציע-פאבריק/.די פאבריק איז געווען איינע
פון די גרעסטע פון דעם מין אין לאנד און האט באשעפטיקט א xx 10 טויזנט ארבעטער
פאר די פוילישע צייטן האבן די יידן נישט געהאט קיין דריסת הרגל אהער און נישט
אין טעכניש-אינזשינעריש,אין אדמיניסטראטיוון און צווישן די ארבעטער האט זיך
געפונען אן איין איינציקער ייד.פאר די דייטשן איז די פאבריק געווארן אנגעשלאסן
אין קאנצערן "האסאג"און איז ווידער געלאזן געווארן אין גאנג.די פאבריק האט זיך
געטיילט אין עטלעכע אפטיילונגען,אפגערוקט איינע פון דער אנדערער אויף א פאר
קילאמעטער.פאר די דייטשן זיינען די אפטיילונגען געווארן באצייכנט מיט די נעמען
ווערק א',ווערק ב' און ווערק צע.

להיפוך צו די פוילישע צייטן,ווען ס'איז דא אזוי שטרענג אפגעהיט געווארן דער אריער-געזעץ,און קיין איין ייד איז ניט ארייגעלאזן געווארן אויפן תחום פון דער פאבריק,האבן דא איצט געארבעט און געשאכט טויזנטער יידישע ארבעטער ,וועלכע זיינען דא געבראכט געווארן פון גאנץ פוילן.דאס זיינען שוין ~~אבער~~ ניט געווען קיין פרייע מענטשן נאר קאצעטניקעס,פארשפארטע אין לאגערן.דער לאגער ביים ווערק א'xxxxxxxx וור מיר זיינען איצט געבראכט געווארן האט פאר די פוילישע צייטן געהייסן די "עקא-נאמיע" און דער נאמען איז ~~אדרך איצט~~ אזוי געבליבן.

ארייגקומענדיק אין ריזיקן לאגער־בנין פארליר איך זיך אין גאנצן און ס'הויבט מיר אן שווינדלען אין קאפ.אין דאזיקן בנין,אין איינציקן ריזיקן זאל געפינען זיך א פאר טויזנט מענער און פרויען.ווי ווייט דאס אויג קאן גרייכן ציען זיך לאנגע רייען 3 גארנדיקע פריטשעס.אויף די אויבערשטע שלאפן די פרויען,אויף די אונטערשטע - די מענער.נאקעטע פריטשעס,צוגעדעקט מיט א פיסל ברודיק,צעמאלן שטרוי.די שמוץ און ברוד איז אזוי גרויס,אז אין ערשטן מאמענט ווילט זיך ניט גלויבן,אז דא וווינען מענטשן,אז דאס וואס איך זע מיט מיינע אויגן איז א מיראזש,וואס וועט באלד xxxxx פארשווינדן.ליידער איז דאס די טרויעריקע ווירקלעכקייט,אין דאזיקן ברוד און שמוץ, וור עס ווימלט און שווינבלט מיט ווערים,לייז און אלערליי אומפלייט,וועלכע עסן דיר לעבעדיקערהייט,לעבן איצט טויזנטער פארשפארטע יידישע שקלאפן-ארבעטער און איך בין שוין איינער פון זיי. איך קוק אויף די מענטשן,אויף די מענער און פרויען,טייל פון

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

דערגאנצן ~~שוין~~ מיט זייער אויסזען דאס אויפיקע חושנדיק בילד:ברודיק,אפגעריסן, אויסגעדארט,שווער אין זיי צו דערקענען דעם בחיר היצור,באטש שענסטן באשאף.

איך זוך אויס א פרייען ארט אויף איינעם פון די פריטשעס און מאך דארטן מיין געלעגער.גאנצע מחנות ווערים און אומפלייט באפאלן מיר גלייך און מיין מלחמה מיט זיי איז פון פאראויס א פארשפילטע.ניט צומאכנדיק א גאנצע נאכט אן אויג שטיי איך אויף אין דער פרי אין גאנצן א צעביסענער און צעבלוטיקטער.

אין ~~דער פרי קומט~~ דער פאלקסדויטש גראבאווסקי ~~און~~ באפעלט אלע מאלערס זיך מעל-דן צו אים.ער פירט די גרופע אוועק אין דער קעסל-אפטיילונג און הייסט אונדז ארויפ-קריכן אויבן אויף די קעסלען ~~און~~ אפקראצן פון זיי דעם זשאווער.די ארבעט איז פאר-בונדן מיט גרויס סכנה;די קעסלען זיינען הייסע און מקאן יעדע מינוט זיך אראפגלי

טשן פון זיי, קיין שום פארהיטונגס־מיטלען זיינען נישטא. און אזוי איז טאקע געשען, איינער פון אונדז איז באלד געפאלן א קרבן. געשען איז דאס מיט אברהם וואסערמאן, א זוואלינער. דער זשאווער איז אים אריין אין מויל, נאז, אין די אויגן, ס'פארדרייט זיך אים דער קאפ און ער פאלט אראפ פון קעסל אויף דער שטיינערנער פאדלאגע. ער בלייבט ליגן א טויט־פארווונדעטער. פון מויל, פון אויג רינט אים בלוט. מיר מינטערן אים, וואש ארום דאס פארבלוטיקטע פנים און זעען, אז ער האט פארלוירן דאס רעכטע אויג. מען נעמט אים צו אין שטאטישן שפיטאל פון וואנען ער קערט זיך אום אין א פאר וואכן שטיקל צייט ארום צוריק אין לאגער און דעם רעכטן אויג. א פאר וואכן האבן מיר געארבעט ביי די קעסלען, זייענדיק כסדר אויסגעשטעלט אויף דער סכנה זיך אראפצוגליטשן און ברעכן האלדז און באקן.

א געווויסן טאג באגעגן איך איינעם פון די לאגער־שעפן, קאזענקעוויטש. איך פרעג אים פארוואס מען האט אונדז דא פארהאלטן און מלאזט נישט נאך דער ארבעט גיין אהיים זיין ענטפער איז, אז דא אין פאבריק בין איך מער פארזיכערט ווי אין שטאט. אין עטלע־כע וואכן ארום וועט מען אלע יידן פון סקארזשיסקע ארויספירן און דערפאר איז בעסער פאר מיר, וואס איך געפין זיך דא. זיינע רייד האבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין ריכטיק, ווייל אין א פאר וואכן שפעטער האט מען טאקע אxxxxxxxxxxxxxxxx ליקווידירט דאס גע־טא און ארויסגעפירט די סקארזשיסקער יידן.

## עשׂה הרוגי מלכות

אן אויסערארדנטלעכער אפעל אין לאגער האט קיינמאל קיין גוטס נישט אנגעזאגט. שטענדיק איז דאס געווען פארבונדן מיט סעלעקציעס, מיט אפקלייבן מענטשן אין די קאלב אויוונס, מיט עקזעקוציעס און אנדערע פורענייותן אויף וואס נאר די דייטשן זיינען פעיק געווען. ווען א געוויסן פארנאכט האט זיך אויף דער "עקאנאמיע" באוויזן דער לאגער־שעף, אימפליבג, אין דער באגלייטונג פון && ווערקשוץ־שעף, באטענשלעגער, און איידזענשמיד פון דער געסטאפא און הינטער זיי א באנדע עס־עס מיט מאשין־געווער אין די הענט, איז דער לאגער באלד ווי אפגעשטארבן פון שרעק. די קאצעטניקעס, וועלכע האבן זיך ארומגעדרייט אויפן הויף האבן זיך שנעל ארויסגערוקט און נישט געווארן. אין באראק גרופא, ווו ס'איז שטענדיק געווען טומלדיק, רעשיק, האט איצט געהערשט א טויטע שטילקייט אלע זיינען געלעגן מ$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$ פארשטעקט, פארדרוקט אין די ווינקעלעך מיט אן איינגעהאלטענעם $$$$$$$$$$$$$$$$$$$$ אטעם, פונקט ווי מיט דעם וואלט עס געקאנט פארמיינערן די געפאר.

אין לאגער איז נישטא קיין באהעלטענעש, דו ביסט דא אין א שטייב און ווען די
באצאס ווילן שטעקן זיי ארײַן די האנט אין שטייב און נעמען דיך ארויס. באלד לויפט
די יידישע פאליציי ארום מיט ווילדע געשרייען: ארויס, שנעל ארויס! און פונקט ווי
מען איז מיט א פאר מינוט צוריק געלאפן זיך באהאלטן פארשטעקן, אזוי שנעל לויפט
מען איצט צוריק אויפן פלאץ, פאר פארשפעטיקן זיך אויפן אפעל ווערסטו טייער
באצאלן. ס'לויפן קראנקע, שוואכע, אזעלכע וואס האלטן זיך קוים אויף די פיס, אויפן
אפעל מוזן אלע זיין. עטלעכע טויזנט מענער און פרויען, מענער באזונדער און פרויען
באזונדער שטייען אויסגעשטעלט אין א לאנגער שורה צו 5 אין א ריי און צאפלען זיך
אין אימה מות. קיינער ווייסט נישט צוליב וואס מען האט זיך זיי געהייסן אויסשטעלן
אין די רייען, קיינער ווייסט נישט מיט וואס דאס איז פארבונדן, אבער
ס'איז גענוג א קוק צו טאן אויף די מערדערישע דייטשן,
בכדי צו וויסן, אז זיי האבן שוין פארטראכט א טייוולאנישע שפיל.
אין דער באגלייטונג פון זיין סוויטע
מארשירט דע לאגער-שעף פארביי די אויסגעשטעלטע רייען און ווייזט אן מיטן פינגער
ווען ארויסצוטרעטן. איך שטיי אין דער ריי און מיינע קני זעצן זיך צו דער
ערד, צי וועל איך זיין איינער פון די אויף וועלכע דער לאגער-שעף וועט אנווייזן
מיטן פינגער? אז די וועלכע מען טייסט ארויס-
טרעטן זיינען פארמשפט צום טויט, צי וועל איך אויך זיין איינער פון זיי? צי וועל
איך אין א שעה, אין צוויי ארום ליגן ערגעץ מיט אן אדורכגעשאסענעם קאפ?
קני פאר שרעק און מיט אלע מיינע גלידער פאלג איך נאך יעדן ריר פון לאגער-שעף.
א גרופע פון 10 יידן, אויף וועלכע דער שעף האט אנגעוויזן
שטייט אין פראנט פון דער ריי ארומגערינגלט מיט באוואפנטע
דער לאגער שעף מארשירט נאך און ברענט אדורך יעדן איינעם מיט זיין בליק
ער זוכט נאך אויף וועמען אנצוווייזן מיטן פינגער און יענער זאל
מיט וואקלדיקע טריט ארויס פון די רייען. לויט וואס רעכנט ער זיך ביים אויסקלי-
בן זיינע קרבנות? שווער צו וויסן, צוליב וואס ער וואָרפט אזוי אדורך אלע מענטש-
גיכער פון אלץ איז די דאזיקע פראצעדור פארבונדן מיט פייניקן די עטלעכע טויזנט
יידן, וועלכע שטייען אויסגעשטעלט אין די שורות, זיי האלטן אין נישט-זיכערקייט אן
טויט-שרעק, טאמער ווייזט ער אן אויף זיי. אלע גייען דאך אדורך טויט-עיבורים.

צי איז אויך דערביי נישטא דער ווילן צו דעמאראליזירן די קאצעטניקעס,אויסווארצלען פון זיי די נאטירלעכע צוגעבונדנקייט צום מיט-חבר,מיטגעפיל,סאלידאריטעט?אס איז דאך מיר געווארן גרינגער אויפן הארץ,ווען דער שעף האט מיין ווי איצט ווייס איך,אז איך בין א געראטעוועטער,אז דאס מאל האב איך אויסגעמיטן דעם טויט.עס איז מיר געווארן לייכטער,וואס נישט איך וועל זיין דער קרבן,נאר א צווייטער,מיין חבר,מיין פריינד,מיינע נאנטע יידן פאר וועלכע איך וואלט דאך אין א אנדער צייט זיך מקריב געווען כדי זיי מציל זיין פון א צרה.איצט האב איך אפגעאטעמט,ווען דער שעף האט פארביימארשירט מיין שורה און האט נישט אנגעוויזן מי-
טן פינגער אויף מיר...

פאר די רייען שטייען צוויי גרופעס צו 10 פערזאן.קיינער האט אונדז נישט געזאגט צוליב וואס מען האט זיי בעהייסן ארויסגיין פון די רייען און זיך שטעלן באזונדער און דאך קוקן מיר אויף זיי,ווי זיי וואלטן שוין געווען מענטשן פון דער וועלט.אויך זיי אליין ווייסן דאס און אין זייערע אויגן קאן מען דאס ארויפלייענען,פון זייערע אויגן וועלכע קוקן מיט אזויפיל צער און תחנונים אויף אונדז,פונקט ווי מיר וואלטן זיי געקענט מיט עפעס העלפן.

אויסגעקליבן די קרבנות,שטעלט זיך דער שעף פון וועכטער,באטעמנשלעגער,האלטן פאר אונדז א ...ער ביט איבער,אז פון לאגער זייבען אנטלאפן עטלעכע יידן און דערפאר וועלן צען אנדערע יידן באצאלן מיט זייער לעבן,זיי וועלן באלד דערשאסן ווערן.און זאלן מיר וויסן אויף להבא,אז פאר יעדן פרווו פון אנטלויפן,פאר יעדן פאל פון ברעכן די "דייטשישע געזעצלעכקייט",וועלן מיר אלע באצאלן.בעענדיקט די רע-דע ווערן ביידע גרופעס יידן אונטער א האגל פון קלעפ געיאגט צום עקזעקוציע-פלאץ.
איין גרופע פון 10 קאצעטניקעס איז באשטימט צום דערשיסן און די צווייטע גרופע פון דער זעלבער צאל קאצעטניקעס איז באשטימט אויך צו גראבן פאר זיי דעם קבר.

ס'איז שווער צו זאגן וועמענס גורל איז א לייכטערער,צי די וועלכע דארפן דערשאסן ווערן,אדער די וועלכע גראבן פאר זייערע ברידער דעם קבר.10 יידן - עשרת הרוגי מלכות - שטייען אין פיין און קוקן זיך צו ווי זייערע ברידער גראבן פאר זיי א קבר,און 10 יידן שטייען אין פיין און ווייטאג און גראבן א קבר פאר זייערע טייערע און נאנטע,וועלכע וועלן דא באלד פארשאסן ווערן.

די דייטשן זיינען ראפינירטע מערדער.זיי לאזן נישט די מענטשן זיך פארטראכטן

קומען צו זיך,טאמער דערוועקט זיך אין זיי א פראטעסט,א בונט,זיי שטייען און יאב שנעל,פארפלוכטע ייִדען,ווען ניטש ווערט איר אויך דערשאסן!די רידלען גראבן זיך אלץ שנעלער איין אין דער ערד,די גרוב ווערט אלץ טיפער.

די צען ~~ייִדן~~ (קרבנות) ווערן אוועקגעשטעלט מיטן פנים צום גרוב. ~~דער קנאל פון די ביקסן~~ (א ביקסן-זאלוו) פארהילכט זייער לעצטן אויסגעשריי שמע ישראל...~~און~~ זיי פאלן מיטן פנים אין גרוב ~~ארײַן~~.די ~~פיר אבדעתע~~ ייִדן פארשיטן די ~~גרוב~~ (קרבנות), ~~פארשיטן זייערע טייערע ברידער~~ (בלוטיקע [illegible]).

~~[illegible] זײַנען געווען אין לאגער [illegible] די 10 דערשאסענע געקענט [illegible] ייִדן~~ (די 10 דערשאסענע ייִדן).איך האב קיין איינעם פון ~~זיי~~ ניט געקענט,ניט געוווּסט ווי זיי הייסן,פון וואנען זיי שטאמען?איך האב ניט געוווּסט פון וועלכע ספערן זיי זײַנען,וועלכע פאראינטערעסירונגען זיי האבן געהאט אין לעבן?אין א נארמאלער צייט וואלט איך זיך מעגלעך מיט ~~וועלכע ערגעץ~~ (קיינעם פון) זיי ניט געטראפן,ניט געפונען מיט זיי קיין געמיינזאמע שפראך,קיין באנטקייט.איצט זײַנען זיי געווען פאר מיר נאנט און טייער,די דאזיקע אומבאקאנטע,באמענלאזע עשרה הרוגי מלכות זײַנען געווען מײַנע ברידער,ארבדזער אלעמענס ברידער,מיר האבן צוזאמען מיט זיי געטיילט זייערע יסורים און דעם פיין פון זייער טויט.~~איצט איז פאר מיר געווען~~ (און האב זיך געוואונטשן [illegible] אויף זייער אָרט) ~~א הרגה~~.וואס איך האב מיט אזא שרעק באגעקוקט יעדן ריר פון לאגער־שעף און מיט אזא ציטער געווארט ער זאל פארבייגיין מײַן ריי און ניט אנווייזן אויף מיר,נאר אויף א צווייטן,~~אויף מיינעם א ברודער~~.צי וועל איך ~~א ברודער מאל אין אזא מאל~~ (וויסן ווען צו [illegible]) האנדלען אנדערש?...

א גאנצע נאכט האב איך זיך געוואלגערט אויף מײַן געלעגער און ניט געקאנט צומאכן ~~קיין~~ (קיין) אויג.פארשידענע סצענעס פון הײַנטיקן טאג זײַנען מיר ~~[illegible]~~ געשטאנען פאר די אויגן ~~[illegible]~~ געמאטערט און פארפאלגט.און הײַנט, 22 יאר נאך דער געשעענעש שטייען ~~נאך~~ די דאזיקע בילדער פריש פאר מײַנע אויגן און פארפאלגן מיר נאך אלץ.

## איך באקום ~~[illegible]~~ דואנציק שמיץ

איך קאן בשום אופן ניט שלום מאכן מיטן געדאנק,אז איך בין א קאצעטניק און בין שוין אויף ~~אייביק~~ (שטענדיק) פארשפארט אין לאגער.די באדינגונגען און איבערלעבונגען פארשארפן נאך מער דעם ווילן זיך ארויסצודרייען פון דאנען.לויט מײַן חשבון באקומט זיך,אז איך בין צופעליק אריינגעפאלן אהער און דעריבער איז נאך דא א מעגלעכקייט זיך ארויסצובאקומען פון דאנען.בין איך דאך פון דאנען יעדן טאג נאך דער ארבעט געגאנגען אהיים.ליגט דאך נאך איצט בײַ מיר אין קעשענע די דערלויבעני

ארויס[illegible] פון לאגער.

א געוויסן אורנט זיך אומקערנדיק פון דער ארבעט, גיי איך צו מיט מײנע סקארזשיסקער ארבעטס-חברים צום דײטשישן וואכמאן בײם טויער, וועלכן איז די דורכגאנגס-שײן, ארויסגעגעבן פון דײטשישן שעף פון ווערקס-קאנטרע, גרעפער, און פרעגן אים צי מיר קאנען גײן אהײם. דער וואכמאן ענטפערט, אז ער קאן אונדז נישט ארויסלאזן. אין דעם מאמענט קומט צו דער דײטשישער לאגער-שעף און פרעגט וועגן וואס מיר רײדן מיטן וואכמאן. מיר גיבן אים איבער וועגן וואס דא האנדלט זיך. דער שעף פאלט ארײן אין רציחה, פארוואס מיר האבן אונטערהאנדלט מיטן וואכמאן, ווען אין אלע אנגעלעגנהײטן דארף מען זיך ווענדן דירעקט צו אים. ער הײסט אונדז גײן מיט אים. ער פירט אונדז ארײן צו איך אין ביורא, רופט ארײן צוויי באציטש [illegible] און דער פסק-דין ווערט גלײך ארויסגעטראגן: מיר באקומען צו 20 שמיץ. מיר ווײזט ער אן איך זאל זיך דער ערשטער לײגן אויפן בענקל. אײן באצי האלט מיך פארן קאפ, דער צווײטער פאר די פיס און דער שעף הײבט אן צו צײלן מיט א גומענעם שטעקן די ארויסגעטײלטע שטראף. נאך די ערשטע שמיץ פארליר איך דאס באוואוסטזײן און פאל אין חלשות. די באציס גיסן אויף מיר וואסער, מינטערן אפ און דער שעף צײלט ווײטער, נישט געאײלט, די שמיץ. בײ יעדע פאר שמיץ חלש איך ווידער, מען מינטערט מיר איבעראנײס און די שמיץ ווערן פארגעזעצט. נאך די 20 שמיץ, ווען די באציס לאזן מיך אפ, פאל איך אראפ פון בענקל איבגאנצן אין אנמאכט. די זעלבע פראצעדור ווערט איבערגעחזרט מיט מײנע חברים.

לאנגע טעג און וואכן בין איך ארומגעגאנגען אין וואונדן און שמערצן, נישט געקאנט זיצן און ליגן, אבער צו דער ארבעט האב איך געמוזט גײן. מיט מײן צעווײטאקטן, אנגעשוואלענעם גוף האב איך יעדן טאג געמוזט אויספירן די שווערסטע ארבעטן, אין קעגנפאל האט מיר געדראט א נײע פארציע שמיץ. דערפאר האבן מיר די 20 שמיץ אויסגעהײלט פון [illegible] מײנע אילוזיעס, אז איך קאן זיך נאך פון [illegible] ארויסדרײען אויף א לעגאלן אופן. פון דאנען איז שוין קײן צוריק נישט געווען.

ווערק ב'

ווערק א' איז אײנע פון די דרײ אפטײלונגען פון דער גרויסער אמוניציע-פאבריק, וועלכע איז אנגעשלאסן אין דעם האסאג-קאנצערן, מיט דער צענטראלע אין לײפציק. די אנדערע צוויי אפטײלונגען זײנען ווערק ב' און צע. אין אלע דרײ

אפטיילונגען ~~זיינען~~ איצט באשעפטיקט טויזנטער יידישע קאצעטניקעס,וועלכע זיינען אהער געבראכט געווארן פון גאנץ פוילן.אויף אלע דריי אפטיילונגען פירן די יידישע שקלאפן-ארבעטער אויס די סאמע שווערסטע,שעדלעכסטע און געפערלעכסטע ארבעטן.

די דירעקציע פון דער פאבריק איז א דייטשישע,אויך אלע העכערע פאזיציעס אין דער פראדוקציע זיינען פארנומען פון דייטשן,אויף א ביסעריקערן שטאפל פון זיי קומען די פאליאקן.דער גרעסטער טייל פון זיי איז דא באשעפטיקט ~~נאך~~ פון פריער,זיי האבן דא געארבעט ווען די פאבריק איז נאך געווען א פוילישע מלוכהשע אונטערנעמונג.

~~דער גרעסטער טייל~~ פון זיי זיינען פאר-ארבעטער אדער קוואליפיצירטע $$$$$$$$$$ פאבליט און זיי זיינען די דירעקטע באלעבאטים און קירעווען מיט די יידישע קאצעטניקעס.דער גורל פון יידישן קאצעטניק איז אפט מער אפהענגיק פון פוילישן פאר-ארבעטער ווי פון די דייטשן,מיט וועלכע ער קומט ווייניקער אין בארירונג.

די פאליאקן, ~~וואס זיינען געווען באשעפטיקט אין פאבריק~~ $$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$

האבן פאר זייער ארבעט באקומען א ~~געוויסע~~ באלוינונג,די יידן ~~האבן~~ געארבעט אומזיסט.א פייקע ברויט און 2 וואסערדיקע זופן א טאג דאס איז אלץ,וואס זיי ~~האבן~~ באקומען פאר דער שווערער קאטארגע-ארבעט.די יידישע ארבעטער זיינען בסדר ~~געווען~~ אויסגעשטעלט אויף אלערליי שיקאנעס און סכנות.אויב ס'איז וואס נישט איז געשען אין איינע פון די אפטיילונגען האבן יידן דערפאר זייער אפט באצאלט מיטן לעבן.יעדע קלייניקייט איז באצייכנט געווארן אלס סאבאטאזש און דער$$$$$$$$ פסק-דין איז א פארטיקער:טויט.פרויען טיילן דעם זעלבן גורל וואס די מענער,זיי זיינען די זעלבע שקלאפן-ארבעטער.

ווערק א' איז אין פארגלייך מיט די אנדערע 2 אפטיילונגען און ספעציעל אין פארגלייך מיט ווערק צע די לייכטסטע אפטיילונג,אבער אן און פאר זיך איז עס דער גיהנום אויף דער וועלט מיט אלע פיינען און יסורים,וועלכע מען האט נאר געקאנט צוטראכטן.שווער זיך פארצושטעלן ווי אזוי מענטשן האבן געקאנט לעבן און אויסהאלטן אין אזעלכע באדינגונגען.איך שרייב אויסהאלטן,אבער נישט קיין סך האבן אויסגעהאלטן.מענטשן זיינען געפאלן ווי די פליגן פון אויסשעפונג,הונגער,קראנקהייטן.פון ווערק א' האט מען בסדר $$$$$ געפירט אויטאס מיט מענטשן אויף ווערק צע און דאס איז שוין געווען זייער לעצטער וועג.דארט האבן זיי געפונען זייער רו אין רידיקן מאסן-קבר,וועלכער האט איינגעשלונגען צענער טויזנטער יידן.זייער ארט אין פארפולט געווארן ~~מיט~~ אנדערע ~~יידן~~,וועלכע זיינען געבראכט געווארן פון די

בעטאס.אויך די זייבען אין א קורצער צייט ארום פארביטן געווארן אויף ביידע טראנספארטן,~~מיט~~ ביידע קרבנות.

דורך א', ווי די גאנצע פאבריק, ארבעט אין 3 שיכטן.טאג און נאכט,א קיילעכדיקן מעהלעת ווערן דא צוגעגרייט גראנאטן,קוילן ~~און~~ אויטאמאטן, ביקסן,וועלכע ווערן א טאגטעגלעך אפגעשיקט אויף די פראנטן צו זיכערן דעם דייטשישן זיג.ווי טאפלט טראגיש איז דיא לאגע פון די יידישע קאצעטניקעס;זיי פראדוצירן געווער קעגן די וועלכע דארפן ~~xxxxxxxxxx~~ זיין זייערע רעטער און דערביי ווערן זיי אליין צעריבן און פארניכטעט.

## דער "שפיטאל"

דאס איז געווען ממש טייוולאנישער חוזק אנצורופן די ברודיקע,הינטישע בודע מיטן נאמען שפיטאל.גיכער וואלט געפאסט פאר דעם דער נאמען מתים-שטיבל,ווייל געבראכט האט מען שוין אהער בלויז האלב טויטע און פון דאנען ~~זיינען זיי שוין~~ קיין געזונטע נישט ארויס.האט זיך טאקע קיינער נישט געאיילט צו גיין אין שפי- טאל אריין.מענטשן,וועלכע האבן זיך נאך געקאנט ווי עס איז האלטן אויף די פיס זיינען קראנקערהייט געגאנגען צו דער ארבעט,כדי נישט צו מוזן גיין אין שפיטאל. ס'זיינען אפילו געווען טיפוס קראנקע,מיט גרויסע היץ,וועלכע זיינען געגאנגען צו דער ארבעט,ווייל אנדערש וואלטן זיי געמוזט גיין אין שפיטאל.

דער שפיטאל.צעבראכענע פריטשעס,ברודיק שמוץ,פארלייזיקט,פארפעסטעטע.געזונטע מענטשן וואלטן לאנג אין דעם שפיטאל נישט אויסגעהאלטן,און אז קראנקע זאלן דא ווערן געזונט,איז זאך וואלט געווען קעגן דער נאטור.קיין שום מעדיצינישע בא- האנדלונג און הילף איז דעם קראנקן נישט צוגעטיילט געווארן.ער איז דא איבער- געלאזן געווארן אויף גאטס גנאדן.אבער דאס איז אויך נישט ריכטיק,אין אזא פאל וואלט אפשר אמאל געשען א נס און איטלעכער פון זיי וואלט צוריק ארויס פון דאנען ~~א געזונטער~~.די דייטשן האבן אויף דעם נס נישט געווארט.יעדע פאר טעג זיינען זיי פארפארן אהער מיט לאסט-אויטאס,ארויפגעווארפן די קראנקע,ווי איבעריקע, גרצלאזע שמאטעס,אויף די אויטאס,און זיי ארויסגעפירט גלייך צום מאסן-קבר אויף ווערק צע.דער שפיטאל איז געווען די לעצטע ערדישע סטאציע פאר די קאצעטניקעס. איז נישט קיין וואונדער,וואס מען האט געווייכט פון אים,וואס דאס איז געווען א שרעק-ווארט פאר וועלכן מען האט מורא געהאט.

די קראנקע זיינען צוזאמען מיט די געזונטע געלעבן אין אלגעמיינעם ווידיקן

באראק.בייגאכט האבן זיי געקרעכצט און זיך געקארטשעט אין ווייטאקן און אין דער פרי מיט די לעצטע כוחות אראפגעקראכן פון די געלעגערס און זיך אוועק געשלעפט צו דער ארבעט.ניט איינער פון זיי האט אין משך פון טאג באקומען פון די דייטשן קלעפ מיט די גומענע שטעקנס,ווייל:ער איז ניט גענוג פלייסיק ביי דער ארבעט.

די קראנקע פארערגערן נאך מער דעם היגיענישן מצב אין  באראק,וואס איז אזוי אויך גענוג טרויעריק.א סך פון זיי קאנען ניט אראפגיין פון זייערע פריטשעס,בא- דערלייזיקן זיי זייערע פיזיאלאגישע באדערפענישן אויפן געלעגער.די שמוץ און דער געשטאנק אין באראק איז אומדערטרעגלעך,אפילו חיות וואלטן דא ניט געוואלט וווינען.די דייטשן שעמען זיך ניט און קומען פון צייט צו צייט קאנטראלירן די ריינקייט. זיי שרייען אויף אונדז:שמוציקע,פארפלוכטע יודען,איר האלט ניט זויבער,עס וועט פון אייך אלע זיין שייסע!

<u>האנדל!האנדל!</u>

לאנג אויסהאלטן אויף די 2 וואסערדיקע זופקעס און דאס שטיקל ברויט,וואס דאס איז די טעגלעכע ראציע,וועלכע די דייטשן טיילן צו די קאצעטניקעס, קאן מען ניט.זוכט יעדער איינער מיטלען ווי אזוי צו שטילן דעם הונגער און זיך דערהאלטן ביים לעבן.די וועלכע האבן אריינגעשמוגלט אין לאגער וואלוטע און ווערט זאכן קומט דאס זיי איצט זייער גוט צונוץ.די פוילישע ארבעטער פון פאבריק ברענגען מיט זיך פארשידענע שפייז-ארטיקלען פון שטאט און פארקויפן דאס די אויסגעהונגערטע יידן.פאר פוילישע זלאטעס,שוין אפגערעדט פאר דאלארן און גאלד-שטיקלעך,קאן מען ביי די פוילישע ארבעטער באקומען מכל טוב.די דאזיקע באזיצער קויפן יעדן טאג צו א שטיקל ברויט,א שטיקל וואורשט און דערהאלטן זיך אויף אזא אופן דאס חיות.אויך בייטע מלבושים זיינען א באגעבאר ארטיקל.זעט מען טאקע ווי א סך ציען אראפ פון זיך די בעסטע זאכן און טוישן דאס אויס אויף שפייז,און אויף זיך ציט מען ארויף אלטע שמאטעס.פון פאבריק ווערן די פראדוקטן אריינגעשמוגלט אין לאגער און דא גייט אן א לעבעדיקער האנדל און אויסטויש.די וועלכע קאנען זיך ניט דערלויבן אויף צו קויפן אזעלכע לוקסוס-זאכן ווי ברויט,קויפן אפ די זופ ביי די,וועלכע האבן בעסערע פראדוקטן און ווילן ניט עסן די לאגער-זופ.

ניט אלע זיינען אבער אין דער גליקלעכער לאגע פון באזיצן ווערטפולע זאכן.דער

גרעסטער טייל לאגער־איינוווינער מער ווי די פאר שמאטעס,וועלכע
ער טראגט אויף זיך,וואס טאן,ווי אזוי ראטעווען מען זיך פון
א הונגער־טויט,וועלכער לויערט אויף דיר פון אלע ווינקעלעך.בעוועזענע קרעמער,
צווישן זיי אזעלכע וואס האבן געפירט גרויסע הורט געשעפטן,ווייזן ארויס זייער
סוחרישן טאלאנט אויפן געביט פון לאגער.נישט באוווסט פון וואנען האבן זיך ביי
לאגער־איינוווינער איינגעשאפן עמערס און גרויסע טעפ אין וועלכע זיי קאכן אזא
געטראנק,וועלכער טראגט ביי זיי דעם נאמען קאווע.זיי גייען ארום מיט די עמערס
קאווע און פארהילכן דעם באראק מיט זייערע געשרייען;הייסע קאווע,10 גראשן א
טעפל!דער האנדל גייט אן א קיילעכדיקן מעתלעת,מען ווייסט נישט ווען און ווי
אזוי די "סוחרים" האבן באוויזן איינצוקאכן זייער קאווע,באלד אין דער
פרי פארקויפן זיי שוין זייער סחורה.שפעט ביינאכט ווען עס קערט זיך אום די
נאכט־שיכט פון דער ארבעט גייט נאך דער האנדל אלץ אן.מען טראגט ארום די עמערס
קאווע,די וואסערדיקע לאגער־זופ,וועלכע קאסט פון 50 גראשן ביז א פלאטע פאר א
קווארט,אפהענגיק פון דער קאנדיקטור,פון אנבאט און נאכפראגע.פון אלע זייטן
טראגן זיך צו אייך די קולות פון די הענדלער:הייסע קאווע!זופ,זופ!א פערטעלע
ברויט!מענטשן וועלכע ליגן שוין אויף די געלעגערס אין האלבן דרימל קריכן אראפ
פון די פריטשעס,קראצן ארויס פון זייערע שמאטעס 10 גראשן און הייסן זיך אנגיסן
א טעפעלע קאווע,די רייכערע קויפן א זופ און א פערטעלע ברויט
קריכן ארויף צוריק אויף דער פריטשע און מיט ציטערדיקע פינגער טראגן זיי דאס צו
צום מויל.די ארעמיקע שכנים קוקן מיט קנאה אויף דעם דאזיקן גביר,זיי דערפילן
דערביי נאך מער די לערקייט ביי זיי אין די קישקעס,און לאנגע שעהען וואלפן זיי
זיך אויף זייערע געלעגערס און קאנען פון הונגער נישט איינשלאפן.

האנדל!הייסע קאווע,10 גראשן א טעפל!זופ,מחיהדיקע זופ,50 גראשן א
קווארט,א פערטעלע ברויט!
א קיילעכדיקן מעתלעת הערט מען די אויסגעשרייען
פון די לאגער־הענדלער,וועלכע קאנען פון זייער ארעמען פארדינסט $$$ קוים צו־
קויפן א פערטעלע ברויט איין מאל אין א פאר טעג.

## א יידישער מסור

אויך אזעלכער,א יידישער מסור,האט זיך געפונען צווישן אונדז.ער איז געווען
א יונגערמאן פון א יאר צוואנציק,געווען באמען מילשטיין און האט גע־

שטאט פון סרבעניערו.דער דאזיקער יידישער מסור האט אנגעטאן אין לאגער א סך צרות.ער האט איבערגעגעבן דער געסטאפא וועגן האנדל וואס גייט אן צווישן די יידן און פוילישע ארבעטער.ער האט אויך דענונצירט(?) וועגן די פאליטישע שמועסן און מיינונגען פון די לאגער-איינוווינער,וועלכע פון זיי עס רעדט אמשארפסטן וועגן די נאציישע פירער און ווארט אויף זייער מפלה.

האבנדיק די דאזיקע אינפארמאציעס האט די וועכטער(?) געמאכט אפטע רעוויזיעס ביים ארייננאנג אין לאגער,זיי האבן צוגענומען די פראדוקטן און געשלאגן מכות רצח,די וועמענס נעמען וואס האבן דאס געוואלט אדורכשמוגלען.געוויסע מענטשן,דער מסור האט איבערגעגעבן דער געסטאפא,האבן באצאלט מיט זייער לעבן,זיי זיינען פארשוואונדן פון לאגער און מער האט מען זיי נישט געזען.

מיט דער צייט איז דער מסור געווארן באקאנט,מען האט געזען,אז ער שטעקט אומעטום אריין די נאז. לויט די אפטע רעוויזיעס האט מען זיך אז אויך געקאנט אריענטירן,אז די געסטאפא האט אינפארמאציעס פון אזעלכן,וואס איז צווישן ארבעטער.מען האט זיך אנגעהויבן היטן פאר דעם מסור,אים אויסמיידן און נישט וועלן האבן צו טאן מיט אים.

דער סוף פון מסור איז געווען א טרויעריקער,ער איז פארשוואונדן פון לאגער און מער האט מען אים נישט געזען.מעגלעך,אז די געסטאפא האט אים אריבערגעווארפן אין אן אנדער לאגער צו טאן דארטן די זעלבע ארבעט,אבער ס'איז אויך מעגלעך,אז די געסטאפא האט אים אויסגעענדיקט,דער דאזיקער פינאל האט פריער אדער שפעטער גע-מוזט קומען, נאכן אויסניצן [illegible]

דעם טאג וואס דער מסור איז פארשוואונדן האבן די קאצעטניקעס פרייער אפגעאטעמט. דאס איז געווען איינציקער פאל וואס איך געדענק,אז יידן זאלן זיך פרייען ווען אימיצער פון אונדז איז צוגענומען געווארן דורך דער געסטאפא [illegible]

און נאך מער איז געווען די חרפה און ווייטיק צו האבן אזעלכן (צווישן מסירות) צווישן אונדז.

## איך זע זיך מיט מיינע עלטערן

אן אומגעריכטע פרייד פאר מיר:איך באקום פון מיינע עלטערן א בריוו,ביי [illegible] שיק און 300 זלאטעס.מיינע עלטערן האבן זיך באקאנט אין שטאט מיט א פוילישן פאר-ארבעטער,וועלכער קומט יעדן טאג אין לאגער נעמען זיינע מענטשן צו דער ארבעט.

דורך דעם דאזיקן פאליאק,מיערביק,באקום איך דאס צוגעשיקט דעם טייערן בריוו פון דער היים און די זאכן.מיט טרערן אין די אויגן דאנק איך מיערביקן פאר זיין גוט-הארציקייט און וואַרף זיך באלד לייענען ~~דעם בריוו~~.אן אוקראיינישער וואכמאן באמערקט מיך לייענען דעם בריוו,xxxxxxxx ער דערנענטערט זיך און פרעגט וואס איך לייען און פון וואנען קומט דאס צו מיר.איך זאג אים דעם אמת,אז דאס איז א בריוו פון מיינע עלטערן.ער הייסט מיר זיך אוועקלייגן אויף דער ערד און שלאגט ער מיר איבערן קאפ און איבערן גאנצן קערפער.איך חלש עטלעכע מאל און בין אין גאנצן אין בלוט.זעענדיק אז איך בין שוין גאנץ לאזט מיר דער אוקראיינישער וואכמאן ליגן און גייט אוועק.

דער לאגער-שעף צו אים אין ביורא און זאגט,אז ער דארף אויס-מאלן עטלעכע צימערן,וווּ ס'וועט זיין א ביורא.ער וועט מיר צוגעבן עטלעכע ארבעטער און איך זאל זיך גלייך נעמען דערצו.מיין ענטפער איז:יאוואל הער שעף,איך וועל די ארבעט גלייך אויספירן.דערביי ווענד איך זיך צו אים,אז ס'איז נייטיק פארשידענע זאכן צו דער ארבעט,וועלכע מען מוז ברענגען פון שטאט.דער שעף רופט אריין א יידישן פאליציאנט און באפעלט אים צו פירן מיר מיט מיינע ארבעטס-חברים אין שטאט נאך די נייטיקע ~~זאכן~~ און דערנאך זאל ער אונדז צוריקברענגען.איינגעקויפט אלץ וואס מיר האבן געדארפט, xxxxxxxxxxxx ~~צו דער ארבעט~~ אונטערהאנדלען מיר מיטן פאליציאנט,אז ער זאל אונדז דערלויבן ביי דער געלעגנהייט צו באזוכן אונדזערע משפחות אין געטא.דער פאליציאנט,נישט פון די ערגסטע,דערלויבט דאס מיט דעם תנאי,אז אין 2 שעה ארום xxxxxxxx וועלן מיר זיין צוריק.

איך קום אריין צו מיינע עלטערן אין הויז.די איבערראשונג פאר זיי און אויך פאר מיר איז אזוי גרויס,אז מיר בלייבן שטיין ווי געליימט און רירן זיך נישט פון ארט.ס'איז דאך בלויז עטלעכע וואכן,אז מען האט מיר xxxxxx פארשפארט אין לאגער און מיר האבן זיך נישט געזען,און דאך דעם עס אויס ווי ס'וואלט שוין זיינען אדורך א גאנצע אייביקייט.נאך דער ערשטער איבערראשונג פאלן מיר איינע די אנדערע אויפן האלדז,קושן זיך און וויינען פון שמחה.מיין מוטער גרייט באלד צו עסן פאר מיר און איך דערצייל וועגן לעבן אין לאגער און וועגן מיינע ביטערע טעג און נעכט,וועלכע איך האב דארטן איבערגעלעבט.ס'רוקט זיך אן די צייט פון צוריקגיין.איך זאג מיינע עלטערן,אז איך וועל אין לאגער נישט איבערהאלטן,איך וועל נישט צוריקגיין און זיין צוזאמען מיט מיין משפחה.מיינע עלטערן xxx שטיקן

זיך אין טרערן,און דאך הייסן זיי מיר צוריקגיין, הריב נישט אן מיט די נאצים – זאגן זיי צו מירס'איז פאר זיי נישטא קיין באהעלטעניש,זיי וועלן זיך אומעטום געפינען און דו וועסט טייער באצאלן דערפאר.

שווער איז געווען דאס שיידן זיך מיט מיינע עלטערן,מיט מיינע ברידער און שוועסטער,מיר ברעכן אלע אויס אין א ביטער יאמערלעך געוויין.מיין פאטער לייגט ארויף זיין האנט אויף מיין קאפ און בענטשט מיר:גיי,מיין ליב קינד,גאט זאל זיין מיט דיר און דיר אפהיטן פון אלעם שלעכטן.אויך מיין מוטער טרייסט מיר:מיין טייער,ליב קינד דו ביסט יונג,דו וועסט איבערלעבן די קריג און ס'וועט דיר נאך גוט זיין. און וועגן אונדז,טייערער זון,זארג נישט,מיר זיינען שוין עלטערע מענטשן און ווי ג באט וועט געבן וועט זיין גוט.

מיט געבראכענע קני פארלאז איך מיינע עלטערנס הויז,ווי איך וואלט געפילט,אז מער וועל איך זיי נישט זען,עטלעכע וואכן שפעטער איז פארגעקומען די אויסזידלונג פון די סקארזשיסקער יידן און מיינע עלטערן זייגען צוזאמען מיט אלע יידן אוועק-געפירט געווארן צו דער שחיטה אין טרעבלינקע.

<u>די אויסזידלונג פון סקארזשיסקער געטא</u>

א באזונדערע הנאה האבן די נאצים געהאט צו פייניקן די יידן בעת די יום-טובים. יעדער יידישער יום-טוב איז פאר די געטא-איינוווינער פארוואנדלט געווארן אין טרויער טעג.בעת די יום-טובים האט די געסטאפא און ס-ס מער ווי שטענדיק געהוליעט און געזייט חורבן אין די יידישע קווארטאלן.אויך די אויסזידלונג פון די סקארזשיסקער יידן האבן די דייטשן באשטימט אדורכצופירן אין א יום-טוב טאג.הושענא רבה,1942, באוויזן זיך אין סקארזשיסק הונדערטער נאציס,אוקראינישע ס-ס מיט מאשין געווער אין די הענט.זיי שטעלן באלד ארום דעם געטא פון אלע זייטן און באפעלן,אז אלע יידן גאנץ זיך גלייך זאמלען אויף שאול פעפערס גרויסן פלאץ.מען דערלויבט די יידן מיט-צונעמען מיט זיך בעטגעוואנט,קליידונג און אנדערע זאכן.אנשטאט הושענא רבה ווערט אין געטא יום-כפור.אין געאייל פאקט מען דאס בעטגעוואנט און דאס איבעריקע ביסל ארעמקייט.די יידישע פאליציי יאגט ארום איבער די הייזער און איילט צו,מען זאל זיך גלייך שטעלן אויפן פלאץ,אנדערש דראען די נאצים מיט א שחיטה.באלד זעט מען הונדער-טער משפחות ציען צום פלאץ.אלע,פון קליין ביז גרויס,זייגען באלאדן מיט פעקלעך וואליזקעס,קלומיקלעך.משפחות האלטן זיך צוזאמען,מען זאל זיך,חלילה,נישט פארלירן אין גרויסן טומל.קינדער טוליען זיך מיט אויגן פול שרעק,צו

זייערע מוטערס.אלטע לייט שלעפן זיך קוים נאך פון הינטן און ווערן אונטערגעיאגט דורך דער יידישער פאליציי.טייל פון זיי טראגן מיט זיך טליתים,סידורים,ווערן וויסט ווו מען וועט פארדאגלט ווערן זאל מען כאטש האבן מיט זיך דעם טלית,א סידור...

אויפן גרויסן פלאץ פון שארל פעפער זייגען פארזאמלט אלע סקארזשיסקער יידן, מענער פרויען,אלטע לייט און קינדער.משפחות שטייען צונעטוליעט אייגער צום אנדערן, מען האלט זיך פאר די הענט צו זיין צוזאמען,מען היט די פעקלעך און קלומיקלעך,וויי זאלן נישט גיין פארלוירן,יעדע זאך איז דאך גויטיק,ווער ווייסט וואו מען וועט דאס צונויף קומען.באלד ווערט אויפן פלאץ א טומל,א טישמאש.די געסטאפא און עס-עס לויפן ארום ווי ווילדע חיות,שלאגן מיט די ביקסן אויף רעכטס און לינקס,שלעפן אוועק די פרויען פון די מענער און די קינדער פון זייערע מוטערס.עלטערע מענטשן און פרויען מיט קליינע קינדער געפינען זיך ~~באלד~~ אין איין גרופע.יונגע מענער,פרויען און אונטערגעוואקסענע קינדער זייגען אוועקגעשטעלט אין א צווייטער גרופע.ס'קומען פאר הארצרייסנדע סצענעס.קינדער רייסן זיך צו זייערע מוטערס,מענער צו די פרויען,איין הארצרייסנדע געוויין פארהילכט דעם גאנצן פלאץ.די געסטאפא און עס-עס לאזן מיט נאך ווילדערער רציחה אין גאנג די קאלבעס פון די ביקסן און אין א טייך פון בלוט סעלעקציאנירן זיי ווייטער די מענטשן אין די באזונדערע גרופן.

די ערשטע גרופע עלטערע מענטשן,פרויען מיט זויג-קינדער ווערן אוועקגעפירט צו די וואגאנען אויף קידוש השם קיין טרעבלינקע.די קראנקע און שוואכע,וואס קאנען נישט גיין ווערן דערשאסן אויפן ארט.די אנדערע גרופן ווערן אוועקגעפירט אויף ווערק א',ב' און צעלאס שקלאפן-ארבעטער פאר דער דייטשישער קריגס-אינדוסטריע. סקארזשיסקער געטא איז פוסט,יידנריין.בלויז איין גרופע יידן איז נאך געבליבן אין שטאט,זיי זיינען איינטערנירט אין די באראקן אויף דער קאלעיאווע גאס, און יעדן טאג ווערן זיי געפירט צו דער ארבעט אין פארשידענע פלאצווקעס.אין גיכן ווערט אויך די דאזיקע גרופע ליקווידירט און סקארזשיסק בלייבט י ו ד ע נ ר י י ן...

דעם זעלבן טאג וואס ס'איז פארגעקומען די אויסזידלונג פון געטא איז אין דער האסאג-פאבריק פארגעקומען א סעלעקציע.אלע יידן זייגען אויסגעשטעלט געווארן אין רייען און די לאגער-שעפן האבן מיט די פינגער אנגעוויזן ווער ס'גייט אויף רעכטס און ווער - אויף לינקס.די,פון לינקס,~~זייגען אוועקגעפירט געווארן צו די~~

~~האבן די דייטשן דערקלערט – גייען ארבעטן אין שטאט.אין דער אמת זיינען זיי~~
~~געבאנגען אין~~
~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx די וואגאנען, וועלכע האבן זיי געפירט אין די טויט-~~
~~פאבריקן.~~

<u>דער טראגישער טויט פון מיינע 2 קוזינען</u>

באך דער ארויסזידלונג פון סקארזשיסקער לאגער האט מען געבראכט אויף ווערק א' מיינע 2 קוזינען:שלמה-דוד און מאיר.שלמה-דוד איז אלט ~~געווען~~ 29 יאר און איז געווען א פעסטער,שיין-געבויטער מאנספארשוין.פון בארוף איז ער ~~געווען~~ א פליישער און איז אנגעקומען ארבעטן אין דורערקסקאבסום,ווו מען האט ארויסגעגעבן לעבנסמיטל די פוילישע ארבעטער פון פאבריק.א געוויסן טאג האט ער מיטגענומען מיט זיך א שטיקל פלייש,~~וועלכע~~ ער האט געוואלט אדורכשמוגלען אין לאגער.די דייטשישע וואך האט אים באזוכט און געפונען דאס שטיקל פלייש.xxxxxxxx דעם צווייטן טאג איז ער איבערגעשיקט געווארן אין ווערק צע.זעענדיק די שווערע באדינגונגען אויף ווערק צע און ~~אז דארטן איז נישט מעגלעך איבערצוהאלטן~~ באשליסט ער צו אנטלויפן. עס געליגנט אים זיך אריבערצוכאפן די מויער און שוין זיין אויף דער צווייטער זייט אויף דער פריי.אין לעצטן מאמענט באמערקט אים די דייטשישע וואך און ער בלייבט ליגן מיט אן אדורכגעשאסענעם קאפ.זיין פרוי און א טעכטערל פון א פאר יאר זיינען ארויסגעפירט געווארן קיין טרעבלינקע.אין משך פון א פאר טעג איז די משפחה געווארן אפגעמעקט פון גאנס ערד.

מיין קוזין מאיר איז געבוירן ~~געווארן~~ אין שידלאוויעץ און האט לאנגע יארן געוווינט אין סקארזשיסק.פון פאך איז ער געווען א שוסטער,פון וואס ער האט גע-צויגן חיונה בדוחק.ער איז געווען א פרומער אפגעהיטער ייד.שבת,ווען ער האט פון זיך אראפגעווארפן דעם עול פון חיונה האט ~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx~~ גערוט אויף אים די שכינה.זיין הויכע פעסטע געשטאלט פון א ייד א באלמעלאכע און זיין שווארצע בארד און פיאות פון א ייד א בן-תורה האבן ~~$$$$$$$$$$~~ צוזאמען ~~xxxxxxxxxx~~ געשאפן אין ~~xxxxxxx~~ הארמאנישע גאנצקייט.

אין לאגער האט ~~מיין~~ קוזין מאיר געארבעט ביים גראבן גריבער.דער דייטשישער אויפזעער האט ארויסגעזאגט פון די מענטשן די נשמה זיי זאלן ארבעטן שנעלער און זיי כסדר באגלייט מיט קלעפ.בעת זיינעם א ~~דורכלויף~~ אנפאל האט ער זיך צעשריגן אויף מיין קוזין,אז ער ארבעט נישט פלייסיק און ער איז א פוילער הונט.ער האט ארויס-גענומען דעם רעוואלווער און,אזויווי בארבישט מיינענדיק, א צי געטאן פארן צינגל

טראגיש איז געווען די פרייד פון מיין סקארזשיסקער לאנדסמאן נאטע,ברוך טארלעס זון.נאטע האט געשטאמט פון א רעליגיעזער היים און איז אליין געווען זייער פרום. אין לאגער האט ער יעדן טאג געדאווענט און ווי xxxxxxx שווער ס'איז געווען האט ער אפגעהיט כשרות.ווען די דייטשן האבן אים בעת דער סעלעקציע אנגעוויזן ער זאל זיך שטעלן לינקס האט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און (מיט פרייד) אויסגערופן:רבונו של עולם,איך דאנק דיר פאר דיין חסד,וואס דו געדענקסט אין מיר!

אין דער אמתן זיינען די אלע פון לינקס געגאנגען אין די וואגאנען,וועלכע האבן זיי געפירט אויף זייער לעצטן וועג אין די טויט-פאבריקן.

מיין קרזין איז ארועקגעפאלן מיט אן אדורכגעלעכרטן קאפ.ער האט אפילו נישט באוויזן אויסצורופן שמע ישראל,ווי ער האט אויסגעהויכט xxxxxxx זיין ריינע,ארמשולדיקע נשמה.

דער $$$$$$$$ טראגישער טויט פון מיינע 2 קרזינען אין אזא קורצער צייט האט מיר אין גאנצן צעבראכן.איך בין מיט זיי געווען אויפגעלעבט,שטענדיק פארבראכט מיט זיי,געהאט א גאנטע ווארעמע באציונג צו זיי און געדארפן כמעט מיט מיינע אויגן צוזען,ווי אזוי זיי זיינען אזוי יונג און טראגיש פארשניטן געווארן.

דער קיסר אין לאגער

אין דער צייט פון קריג האט זיך אין סקארזשיסק באוויזן א יידישער יונגערמאן מיטן נאמען זאלצמאן.פון וואנען ער איז געקומען און ווי אזוי ער האט זיך געבומען צו ארבעט איז מיר געווען נישט באקאנט.מען האט אים גערופן דער ליטוואק,כאטש אנדערע האבן געזאגט,אז ער איז פון אפט און $$$$$$$$$$$ אויף אזא אופן האט ער קיין שום שייכות נישט מיט ליטוואקעס.אין סקארזשיסק איז ער געווען א שטיקל טוער אין יודענראט און זיך געפארעט אין ארבעטס-אמט.נאך דער אויסזידלונג איז ער אנגעקומען אויף דער עקאנאמיע אויף ווערק א'.ער איז געווען א קלוגער,ראפינירטער יונג און האט גערעדט א פערפעקטן דייטש.ער האט אויך געקענט גוט לערנען און איז געווען א בקי אין תלמוד.

אין לאגער איז ער געווען שנעל עולה לגדולה געווארן און געווארן ~~שעף~~ פון דער "עקאנאמיע".איצט האט ער ~~זיך~~ געגעבן צו פילן ווער ער איז.ער האט געשפילט די ראל פון ~~דעם~~ קיסר ~~אין~~ לאגער אויף זיינע אינספעקציעס אין די באראקן,וועלכע ער פלעגט אפט דורכפירן פלעגט ער ביין אין דער באגלייטונג פון דער יידישער פאליציי,וועלכע האבן בסדר געקלונגען מיט גלעקלעך,כדי צו וויסן געבן,אז דער קיסר גייט,אז דער קיסר קומט אן.ווען מיר פלעגן הערן קלינגען מיט די גלעקלעך ~~פלעגט~~ אונדז באפאלן א פחד.

די אינספעקציעס פון קיסר זיינען שטענדיק געווען פארבונדן מיט קלעפ און עינוים, וועלכע מיר האבן געהאט אויסצושטיין.פון אונטער דער ערד פלעגט ער אויסזוכן צוליב וואס זיך צו טשעפען און מאכן דעם טויט די אויסגעהונגערטע און אויסגעמאטערטע קאצעטניקעס.ער אליין xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx און זיינע באגלייטער,די יידישע פראמינענטן און פאליציי זיינען געווען אויסגע-פראכטעווע אין גלאנציקע שטיוועלעך און פון זייערע פנימער האט ארויסגעשפראצט

בעזרנסקייט און אויסגעפרעסנקייט.זיי האט דאך אין לאגער באַרנישט בעפעלט,זיי האבן געהאט מבל טוב צו פרעסן,שיכורן און הוליען. האבן זיי פונקט ווי די דייטשן בעזרנס פארווילונג אין שלאגן און איזדעקעווען זיך איבער די אומגליקלעכע לא-בער-מענטשן.די דאזיקע פראמינענטן האבן אין א געוויסער מאס נאכגעמאכט די דייטשן זיי האבן זיך געהאלטן העכער פון אונדז,ניער נישט ווי א העכערע ראסע,איז פאר-וואס אונדז נישט פייניקן און מאטערן,אזוי ווי עס טוען דאס די דייטשן?!

דער קיסר,זאלצמאן,האט געגעבן דעם טאן דערצו.ער אליין האט זיך געהאלטן פארן xxxxxxxxxxx שני למלך פון נאצישן פירער היטלער – פארן יידישן פירער.בעת זיינע אינספעקציעס אין די באראקן פלעגט ער פונקט אזוי ווי די דייטשן שרייען אויף אונדז,,שמוציקע יודען" און מיט זיין גומענעם שטעקן שלאגן די מענער און פרוי-ען ביזן פארלירן דעם באוווסטזיין.

דער באַנבער לאגער האט אים אין דער שטיל געשאלטן און געבעטן אויף זיין סוף. און זיין סוף איז xxxxxxxxx געווען א טרויעריקער.די געסטאפא האט אים א גע-ווינסן טאג צוגענומען פון לאגער און ער איז פארשוווּנדן.ווארשיינלעך,אז די געס-טאפא האט אים מער נישט געדארפט האבן,אדער ער האט געהאט א גרעלבן ם איז אנדערן חטא לגבי זיי און ווארשיינלעך האבן זיי אים איבערגעשיקט אויף יענער וועלט.

דער לאגער האט פרייער אפגעאטעמט.צווישן די קאצעטניקעס איז געווען ששון ושמחה,וואס מען איז פטור געווארן פון דעם צורר היהודים,וועלכער איז צו אונדזער חרפה געווען איינער פון אונדז.

"קרזינקעס"

עטלעכע טויזנט מענער און פרויען וווינען צוזאמען אין איין באראק,שלאפן אין שכנות איינער פון אנדערן און זעען נישט איינער אין צווייטן א מאן אדער א פרוי. דער גאט פון ליבע האט זיך ארויסגעצויגן פון דאנען און יונגע מענער אין פרויען אין בליענדן עלטער,האבן פארגעסן וואס דאס הייסט אפילו ליבע.די דארע אויסגע-הונגערטע סקעלעטן פילן קיין שום באדערפעניש,קיין שום ווילן נישט צום צווייטן געשלעכט.דאס איינציקע וואס עקזיסטירט נאך אין די דאזיקע האלב-לעבעדיקע גופים איז דער מאגן,וואס דיקטירט און רעגירט איבערן פעקל ביינער.דער מאגן רעגירט איבערן אאָך מוח און אלע חושים.פאר א לעפל עסן איז מען גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות,איז מען גרייט צו רידיקירן און באצאלן מיטן אייגענעם לעבן,און נישט איינער און נישט איינמאל האט מען באצאלט.באצאלט פאר אזוינע שמוגלען א שטיק

ברויט,א קארטאפל,באַצאָלט מיטן לעבן ביים ארויסטראגן עפעס פון דער קיך,פון ווערק קאנטאר,באצאלט מיטן לעבן פאר נעמען עפעס פון פאבריק פארוואס מען האט געקאנט באקומען א פיינע ברויט אויף אנצופילן אויף איין שעה דעם הונגעריקן מאגן.

אבער אין לאגער זיינען אויך דא אזעלכע וואס ~~ליידן~~ נישט פון הונגער,אזעלכע וואס האבן אפילו אויף ■ר פירן ~~פאר~~ די דאזיקע פארהעלטעניש,א ברייט לעבן.צוxxxx דער דאזיקער קאטעגאריע געהערן די פארשידענע יידישע לאגער־פראמינענטן,די פאליציי, די וועלכע ארבעטן אין די פארשידענע וואַרשטאטן,פון ~~מען~~ קאן עפעס ארויסטראגן און לסוף אויך די,וועלכע פירן דא אן האנדל אין א ברייטערן מאסשטאב.די דאזיקע מענער דערמאנען זיך די ערשטע,אז ס'האט אמאל עקזיסטירט אזא זאך ווי ליבע,אז אין לאגער זיינען דא יונגע,~~בליענדע~~ מיידלעך,וועלכע מ'קאן זייער לייכט דערגרייכן.מענער הויבן זיך אן טוליען צו די פרויען.צום אנהויב טוט מען דאס שעמעוודיק.~~יעדער~~ דער־ציילט,אז ער האט פלוצים אויסגעפונען אין לאגער זיינע א קוזינקע פון וועלכער ער האט ביז איצט נישט געוווסט.איצט נעמט ער די קוזינקע אונטער זיין שוץ,ער העלפט איר מיט עסן און אנטאן.די "קוזינקעס"לאxxxxxxxxxxxxxxxxx לעבן ממש אויף. זיי וואַרפן אראפ פון זיך די אלטע שמאטעס און דער קאליר פון פנים ווערט פרישער, לעבעדיקער.כמעט יעדער יידישער פאליציאנט פירט זיך איצט ארום מיט א קוזינקע, פארשטייט זיך אז זיי זיינען אלע יונגע און שיינע,קיין אלטע און מיאוסע קוזינקעס זיינען נישטא.אפילו די עלטערע מיידלעך און ווייבלעך הויבן איצט אן מער קוקן xxx אויף זיך,מער אויספאסן,אפשר וועלן זיי נאך אויך איטיצן געפעלן!

דער בוראק האט ~~איצט~~ אן אנדער פנים באקומען.אין די ווינקעלעך,צוגעטוליעט איי־נער צום אנדערן זיצן איצט פארלעך.דער מאן ברענגט פאר זיין קוזינקע עסן און זיי זונדערן זיך אפ אין א ווינקל פון פרעמדע בליקן,מען זאל נישט זען וואס זיי עסן. אין גיכן האט איינע פון א צווייטע פון די מיידלעך מיט עפעס אנגעהויבן פארהענגען און פארשטעלן איר בעלעגער פון זייטיקע בליקן,וועלכן זי האט פון איצט געטיילט מיט איר נייעם באשערטן.אין די זומער־אוונטן זיינען די דאזיקע פארלעך געוועןצעזייט איבערן גאנצן פלאץ,וווּ זיי האבן צוגעטוליעט איינער צום אנדערן געחלומט וועגן דער פרייער וועלט,וועלכע זיי וועלן נאך אפשר אמאל דערגרייכן און קאנען פירן א גליקלעך לעבן.

א סך פון די פארלעך פארבינדן זיך אויף אייביק און $$$$$$$ האבן חתונה.אין לאגער.די פראצעדור איז א געוויינלעכע.דאס פארל גרייט צו אויפן כאשטימטן חתונה־

טאג גרעטע זאכן, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. אין אוונט, קומענדיק פון דער ארבעט פארבעט מען צו דער שמחה א פאר פון די נאנטסטע באראק־שכנים, אדער, אויב אימיצער איז אין דער גליקלעכער לאגע און ער האט דא באקאנטע פון זיין שטאט, און א ייד א לערנער פירט אדורך די חתונה צערעמאניע. די שמחה איז געמישט מיט טרויער און טרע־רן. עס ווינטשן חתן־כלה און עס ווינטשן די פארבעטענע. מען ווינטשט אויפן טרויעריקן גורל, אויפן הייגטיקן און נאך מער אויפן מארגנדיקן טאג מיט וועלכן מען איז קיינ־מאל ניט זיכער. קאן דאך xxxxxxxxxxxxx צומארגנס נאך דער חתונה פארקומען א סע־לעקציע און אנשטאט די אייביקע ליבע, וועלכע מען האט זיך הייגט איינער דעם אנדערן געשוואוירן, ווערט מען צעשיידט אויף אייביק, ניט ווייסנדיק אפילו וווּ דער צווייטער איז אהינגעקומען. דאס האלט אבער ניט אפ די מענטשן פון טוליען זיך איינער צום צווייטן, פון זוכן אביסל נאנטקייט, היימישקייט, זאל דאס דויערן אפילו איין רגע. אין ביטערן לאגער־לעבן איז איין ליכטיקע רגע א גאנצע אייביקייט.

וואס פארא געוואלדיקע ענדערונגען דער לאגער האט אריינגעטראגן אין די באגריפן פון די מענטשן קאן מען זען לויטן צוזאמענשטעל פון די פארלעך. עלטער, אינטעליגענ אפשטאם, אלע אנגענומענע געזעצן פון ליבע און קעגנזייטיקן געפעלן זיך, זיינען דא אויסגעמישט און אפגעמעקט געווארן. יונגע, צארטע גימנאזיסטקעלעך טוליען זיך צו עלטערע מגושמדיקע פארשוינען. א יחוסדיק מיידל, וועלכע ציטירט "פאן טאדעוש" אויף אויסנווייניק פירט זיך ארום מיט א פאליציאנט, וועלכער האט קיינמאל ניט געהערט וועגן מיצקעוויטשן. דא זיינען אלע טרוימען, אלע צארטע חלומות פון די מיידלעך צע־רונען געווארן. ניט וועגן ליטעראטור, מוזיק חלומט מען דא, נאר וועגן א פייקע ברוי ניט אויסגעריכן פון הונגער. דער וואס האט די פייקע ברויט, דער וואס גיט זיך דא אן עצה, וואס ארבעט אויף א בעסערע פלאצורקע, דער איז דא דער יחסן, דער אריסטאקראט, צו אים ציען ~~זיך~~ און טוליען זיך די יונגע, צארטע גימנאזיסטקעלעך, קיינער וויל ניט וויסן זיין יחוס פון דער היים, זיין אפשטאם, בעלערנטקייט, דא באשטימט זיין לאגער־יחוס, צי גיט ער זיך אן עצה. אויב יא, קאן ער אויסקלייבן וועלכע "קרוינקע" ער וויל.

<u>אן א גראשן???</u>

צוזאמען מיט נאך יידישע מאלערס ארבעט איך אויף דער "קאלאניע ארזשענדניטשע". אונדזער פאר־ארבעטער איז דער פאליאק קאזיענאווסקי, וועלכער זעט אונדז אויך צו מי פראדוקטן, ~~פארשטייט זיך, אז~~ ער פארדינט דערביי זייער געשמאק. א געוויסן טאג האט ער אונדז געבראכט עטלעכע ברויטלעך צו פארקויפן. אויך איך קויף ביי אים א ברויטל, און

בעם ארויס דאס געלט פון היטל,ווו איך האב עס באהאלטן,אים צו באצאלן.עטלעכע מינוט שפעטער קומט אריין אן אוקראינישער פאליציאנט און זאגט מיר,אז ער האט דורכן פענסטער אלץ געזען.ער גיט מיר גלייך מיט דער ביקס א זעץ אין קאפ ,אז איך בלייב קוים שטיין אויף די פיס.ער הייסט מיר ארויסגיין אין דרויסן און אויסטאן די היטל.ער נעמט צו די פאר הונדערט זלאטעס,מיין גאנץ פארמעגן,און פרעגט פון וואנען איך האב געלט.איך זאג אים,אז איך האב דאס געפונען אין באראק.זיין ענטפער איז,אז איך האב דאס גלייך געדארפן איבערגעבן אין דער דייטשישער וואך-שטעלע,xxxx ווייל מיר טארן קיין געלט נישט האבן.ער הייסט xxx מיר זיך אויסקלייבן אויף דער ערד און ער הויבט מיר אן מערדערלעך שלאגן מיט דער ביקס.ווען איך בין שוין קוים א לעבעדיקער פרעגט ער, צי וויל איך גיין אין דער וואך-שטעלע איבערגעבן דאס געלט.מיין ענטפער איז,אז איך וויל נישט גיין.זייענדיק אינגאנצן זיכער אז פון מיין זייט דראט אים נישט קיין שום סכנה,האט ער דאס געלט אראפגעלאזן צו זיך אין קעשענע און מיר אפגעלאזן.

גייענדיק פון דער ארבעט פארהאלט מען אונדז ביים טויער,xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx אלע ווערן רעווידירט און מען נעמט צו דאס ברויט און דאס געלט.

איך בין געבליבן אן א גראשן.איך האב איצט נישט פארוואס צוצוקויפן א שטיקל ברויט אדער א וואסערדיקע זופ.דאס הייסט זיין פארמשפט אויף אן הונגער-טויט.איך ראטעווע זיך/דערמיט,וואס איך האב נאך ~~וואס צו פארקויפן פון זאכן~~.איך פארקויף א גוטן אנצוג און אין א קורצער צייט ארום דעם צווייטן אנצוג,וואס איך האב נאך פארמאגט.אזוי שנעל מוז איך אויך פארקויפן מיין גייעם מאנטל און אלץ ווערט אויפגע- געסן.מיין אויסזען און לאגע איז איצט מער ווי א קלאגעדיקע.איך גיי אנגעטאן אין צעריסענע שמאטעס,אן שיך,הונגעריק,און דא קומט אן דער ווינטער,איך בין אין גאנצן אומבאהאלפן און ווייס נישט וואס צו טאן.נישטא אפילו מיט וועמען צו רעדן,זיך צו בעראטן,יעדער איינער איז פארנומען מיט זיך,מיט זיינע דאגות און צרות.xxxxx xxxxxxxxxxxxxxxxxxxx נישט אימיצער קען דיר העלפן און נישט אימיצער וויל דיר העלפן. צו 24 יאר,אין סאמע בליענדיקן עלטער,שטיי איך אן אומבאהאלפענער און א פארלוירענער.

איך קריג א געלעגנהייט איבערצושיקן א בריוו צו מיינע ברידער.זיי ארבעטן אין שטאט ביי קוילן-טראנספארט.איך שרייב זיי וועגן מיין טרויעריקער לאגע און בעט אז ווי מעגלעך שנעל זאלן זיי מיר העלפן מיט וואס זיי קאנען.xxx עטלעכע טעג

שפעטער באוויזט זיך אין לאגער מיין עלטערער ברודער שמשון אין דער באגלייטונג פון א דייטש.אויך צווישן די דייטשן געפינט זיך נאך אמאל אזעלכער,וואס איז גרייט צו טאן א יידן א טובה;אויף מיין ברודערס בקשה צו אים,האט ער אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באזוכן דעם לאגער.מיין פרייד,ווען איך האב דערזען מיין ברודער איז אין לשער,און אויך מיין ברודער איז שטארק געריהרט.ער גיט מיר איבער א ברויטל, אן אנצוג,וואס איז אויפגעבליבן ~~געווארן~~ פון דער קאלדרע וואס איז געלעגן אויף אונדזער בעט,און א פאר שיך.ער זאגט ~~מיר~~ צו אויך אויף ווייטער מיט וואס נאר מעגלעך מיר צו העלפן און ער דערציילט ~~מיר~~,אז זיי העלפן אויך אונדזער שוועסטער אויף ווערק צע.איך דאנק אים זייער שטארק פאר זייער הילף און געדענקען אן מיר. ביים געזעגענען זיך זאגט 28 ~~מיר מיין ברודער~~,אז דעם צווייטן מאל וועט קומען מיר זען דער צווייטער ברודער,ישראל.אין עטלעכע וואכן ארום איז ער טאקע געקומען און ~~מיר ברידער~~ געבראכט א ברויטל און אנטאן.איך האב זיך געקלאגט פאר מיין ברודער,אז איך בין דא עלנט און איינזאם ווי א שטיין.דער ברודער האט מיר געטרייסט, אז כל זמן זיי זיינען דא וועלן זיי געדענקען אין מיר און מיט אלץ וואס מעגלעך העלפן.

מער האב איך שוין מיינע טייערע ברידער נישט געזען.די נאצים האבן אין גיכן צונויפגענומען די רעשטלעך פון די סקארזשיסקער יידן,~~וועלכע האבן נאך געארבעט אין פארשידענע פלעצער אין שטאט און אויך~~ פון דער קאליעדאורע באס און זיי אוועקגעשיקט אין שידלאווצער געטא.

ראפינירטע רויבער

דער ווינטער פון יאר 1942 איז געווען א שווערער.באזונדערס שווער איז ער געווען פאר די וואס זיינען געווען פארשפארט אין די דייטשישע לאגערן.אנגעטאן אין שמאטעס,האלב-באדרועס,הונגעריק און אויסגעשעפט האט מען געמוזט שטיין לאנג אויף די אפעלן,מארשירן לאנגע קילאמעטערס צו דער ארבעט,און ביי די גרעסטע פרעסט ארבעטן אונטערן פרייען הימל.זיינען די לאגערניקעס געפאלן ווי די פליגן.שטייענדיק ביי דער ארבעט,האסטו געקאנט זען ווי איינציקער פון אונדז הויבט זיך אן וואקלען אויף די פיס און באלד בלייבט ער ליגן א פארשטארטער אויפן שניי.בלויז אין לאגער האט מען געקאנט זען אזוי שטארבן.ביים גיין,ביים עסן,ביי דער ארבעט,אין שלאף; זיינען זיי אויסגעגאנגען שטיל,אן א קרעכץ צו געבן,נישט באוויזן צו זאגן א ווארט אויסצורעדן שמע ישראל.א מאדנער טויט אין לאגער,בלויז די נאצים האבן אים געקאנט

אויסגעפינען און איינשפאנען אין זייער פארניכטונגס-ארבעט.

זונטיק איז דער איינציקער טאג אין וואך ווען די קאצעטניקעס האבן א ביסל רו. דאס איז אויך דער איינציקער טאג אין וואך, וואס מען קאן זיך פארנעמען מיט זיך. אלע נויטיקע זאכן ווערן אין דעם טאג אפגעטאן, מען לאטעט די זאכן, מען וואשט די איינציקע העמד, וואס מען פארמאגט, און דערביי זעט מען פטור צו ווערן פון די לייז, וואס דאס איז גארנישט לייכט און גארנישט מעגלעך. דווקא דא אין לאגער פילן זיך די לייז זייער גוט און זיי האבן זיך דא באזעצט ווי שטענדיקע תושבים. אויך דער מסחר איז זונטיק א מער לעבעדיקער ווי א גאנץ וואך. זונטיק נאגט עפעס אין הארצן מער ווי שטענדיק, מער ווי שטענדיק פילט מען די לערקייט אין מאגן און מען זוכט מיט וואס אים פארשטאפן. אויך דאס "פאליטיש-געזעלשאפטלעכע" לעבן איז זונטיק אינטענסיווער ווי א גאנץ וואך. פון איין עק באראק אין צווייטן גייט מען אויפזוכן און זיך זען מיט באקאנטע. גרופקעס מענטשן זאמלען זיך און מען רעדט ארום די פאליטישע סיטואציע. פון אויפגעכאפטע שטיקלעך ביידעס שטעלט מען צונויף א ~~גאנץ~~ בילד פון וועלכן די אפטימיסטן דרינגען ארויס, אז היטלערס מפלה איז שוין אט, אט און די פע-סימיסטן זעען דאס גאר פארקערטע, אז ביז צו זיין מפלה וועט ~~שוין~~ פון אונדז קיין זכר נישט בלייבן. ביידע צדדים האבן דערצו גענוג ראיות און באווייזן און האלטן זיך פעסט ביי זייערע מיינונגען. דער ארומיקער עולם האלט מער מיט די אפטימיסטן, מען וויל שוין וואס גיכער זען די מפלה פון די צוררים, אבער דערביי קרעכצט מען אונטער, ווער ווייסט?...

נישט אלע זונטיקס גייען אבער אדורך רויק און מען לאזט די לאגערניקעס א ביסל קומען צו זיך. די טאקטיק פון די דייטשן איז צו האלטן די יידן שטענדיק געשפאנט, אין שטענדיקער שרעק, אונטערן בייטש. א מינוט רו, א מינוט זיכער-קייט איז געפערלעך פאר זיי, קאן ענדערן די לאגע, צו דעם דערלאזן זיי קיינמאל נישט. איז צי מען דארף, צי מען דארף נישט ווערן די לאגערניקעס אין די זונטיקס ארויס-געטריבן צום אנלאדן און אויסלאדן וואגאנען, קומען פאר אפעלן, רעוויזיעס. אויך די זונטיקס אין די לאגערן זיינען אנגעלאדן מיט שרעק און געפאר. ~~אויך~~ וועגן דעם וואס איך דערצייל דא ווייטער איז פארגעקומען אין א זונטיק.

קוים באוויזן אויסצוטרינקען די וואסערדיקע קאווע און דער עולם איז זיך צעקראכן יעדער צו זיינע זונטיקדיקע באשעפטיקונגען, רייסט זיך אריין אויף דער עקאנאמיע אוקראינישע עס-עס מיט מאשין-געווער אין די הענט. זיי באפוילן די עטלעכע

טרײבט מענער און פרויען ארויסבײן אויפן לאגער-פלאץ און יעדער זאל מיטנעמען מיט זיך זײנע אלע זאכן. אין באראק ברענט אויס א פאניק און יללה. מען פירט אוודאי צו די וואגאנען, אויף קידוש-השם. די וואס האבן געלט, גאלד און אנדערע ווערטפולע זאכן, באהאלטן דאס אין געהײל אין די שיך, אין די זאכן. א סך האבן מיט זיך זאפאסן פון עסן און ווײסן אײצט נישט וואס צו טאן דערמיט. די אויסגעהונגערטע קאצעטניקעס שרײען צו זײ, גיט אוודאי א ביסל עסן, זאלן מיר אין דעם טאג וואס מען פירט אוודאי צום אומקום זײן כאטש זאט. טײל טרעט אזוי און פארטײלן זײערע זאפאסן צווישן דער אויסגעהונגערטער מאסע, אנדערע ווילן אפילו נישט הערן דערפון, זײ עסן זיך אלײן אן ביז צום צעזעצט ווערן, אבי נישט דארפן אוועקגעבן.

פון זאמל-פלאץ ווערן די קאצעטניקעס אוועקגעפירט אויף דער טעריטאריע פון פאבריק. די נאצים באפעלן אלעמען זיך אוועקצוזעצן אויפן פאבריקס-הויף און די פעקלעך אוועקלײגן לעבן זיך. דער שעף פון ווערקשוץ, באטענשלעגער, האלט א רעדע פאר די עטלעכע טויזנט יידן און באפעלט די אלץ אוועקגעבן די ווערטפולע זאכן, וואס זײ פארמאגן, גאלד, בריליאנטן, געלט א.א. די וועלכע וועלן נישט אויספירן דעם דאזיקן באפעל וועלן דערפאר באצאלן מיט זײער לעבן. נאך דער רעדע הײסט מען א גרופע פון א פאר הונדערט זיך אויפשטעלן, מיטנעמען מיט זיך די פעקלעך און אריינגײן אין גרויסן פאבריקס-שאפ. דא ווערן זײ אויפגענומען דורך א באנדע צעיושעטע עס-עס, וועלכע באפאלן זײ מיט געשרײען: פארפלוכטע יודען! קרימינאל פארברעכער! מען הײסט זײ אוועקלײגן די פעקלעך, אויסטאן די העמדער און די שיך און אלע ווערטפולע זאכן ווארפן אין גרויסן אײזערנעם קאסטן, וואס איז געשטאנען צוגעגרייט צום דאזיקן ציל. די בײ וועלכע מען וועט נאך דער אינספעקציע עפעס געפינען וועלן אויף אן ארט דערשאסן ווערן. די מענטשן נעמען ארויס פון זײערע באהעלטענישן אלץ וואס זײ פארמאגן און ווארפן אין אײזערנעם קאסטן. מען ווארפט געלט, גאלד, אוירינגלעך, גאלדענע פענגערלעך און זײגערלעך, אלץ וואס איז בײ די דאזיקע מענטשן געבליבן פון זײער גאנצער רײכקײט. די מורא פארן טויט שרעקט, מען ווײסט, אז בײ די דײטשישע באנדיטן איז נישט פון די גרויסע זאכן ארײנצושיסן א קויל אין קאפ.

די טויזנטער מענטשן אויפן פאבריקס-הויף זיצן און טרײסלען זיך פון קעלט און שרעק. זײ ווײסן נישט וואס ס'איז געשען מיט דער גרופע, וועלכע איז ארײן אין דער געבײדע און זײ ווײסן נישט וואס זײ דערווארט. נאך א האלבע שעה אן ערך

ווערט די ערשטע גרופע ארויסגעפירט און א נייע גרופע פון א א פאר הונדערט מענטשן ווערט אריינגעפירט.די מענטשן אויפן פלאץ דערוויסן זיך פון דער ערשטער גרופע, וואס ס'איז פארגעקומען אינעווייניק.ס'הויבט זיך אן א פיבערדיק זוכן ווו צו באהאלטן די ווערטיקייטן,מען גראבט אויף דער שנעל אויס גריבלעך,מען מאכט סימנים ארנטער בוימלעך און טייל פון פארמעגן ווערט דארטן באגראבן.טייל נעמט מען מיט זיך,מען האט מורא איינבאנצן צו ריזיקירן,דאס קאן זיך שלעכט ענדיקןxxxxxxxxxxxxxxx יעדע האלבע שעה ווערט ארויסגעפירט איין גרופע און א נייע גרופע ווערט אריינגעפירט.דער קאסטן איז שוין פול איבער די ברעגן און עס שיט זיך נאך אלץ יידיש האב און גוטס;קידושין-רינגעלעך,אוירינגלעך,וואס מען האט באקומען א מתנה צו דער חתונה,א באלדענער זייגער וועלכן דער חתן האט באקומען א מתנה פון זיין באשערטער.

קיין געלד און בריליאנטן האב איך נישט פארמאגט,מיין גאנץ פארמעגן איז באשטאנען פון א פאר הונדערט זלאטעס,פאר וועלכע איך האב געקאנט קויפן א פאר ברויטלעך.ס'איז מיר צו זאגן פארוואס איך האב באשלאסן נישט ארויסצוגעבן די פאר הונדערט זלאטעס און זיי באהאלטן אין די שיך.דאס איז דאך געווען ריזיקירט מיטן לעבן.אויך ווייס איך נישט פארוואס איך האב נאך גענומען פון מיינעם א חבר פון סקארזשיסק,יחיאל פעלדמאן,צו באהאלטן זיין געלט.ווען איך קום אריין אין שאפ מיט מיין גרופע חזרט זיך איבער די זעלבע פראצעדור,די זעלבע געשרייען און זידלערייען און xxxxxxxxxxxxxxxxxx דער געקלאנג פון געלד,וואס פאלט אין קאסטן.אן עס-עס וואס שטייט נעבן מיר,פרעגט פארוואס איך גיב נישט אוועק מיינע זאכן.איך ענטפער אים,אז איך פארמאג גארנישט פון ווערטפולע זאכן.קוים דערלעבט צו זיין צוריק אין דרויסן.צו מיין גליק זיינען קיין רעוויזיעס נישט פארגעקומען,נישט געווען קיין צייט אויף דעם,דאס האט אזוי אויך פארנומען א גאנצן טאג.

בערוען
א גאנצן זונטיק זיינען מיר אן עסן און טרינקען,איצט,פארנאכט,ווען אלע האבן xxxxxxxxxxxxxxxx זיינען שוין אדורך פארביי דעם אייזערנעם קאסטן,זיינען מיר צוזאמען געבראכט געווארן אין לאגער.אצינד דא האט מען ארויסגעלאזן דעם צער און פיין פון היינטיקן טאג.מענטשן האבן געקלאגט און געוויינט,אז זיי זיינען געבליבן ארעם און נאקעט,אז זיי האבן אוועקגעגעבן דאס לעצטע פארמעגן,וואס זיי איז נאך געבליבן פון דער היים,איצט וועט אפילו נישט זיין פארוואס צוצוקויפן א וואסערדיקע זופ.

נישטא ווו צו אנטלויפן

צוזאמען מיט מיר אויף דער ארבעטער קאלאניע זיינען אויך באשעפטיקט מיינע סקארזשיסקער פריינד מאיר שפערלינג און מענדל הערשענפאס.מיר מאלן דא די הייזער, ווו עס וווינען דייטשישע אפיצירן.מאיר שפערלינג און מענדל הערשענפאס טראגן זיך ארום מיט א פלאן צו אנטלויפן פון לאגער.איך ווייס דערפון,זיי האבן מיר געגעבן אנצודייטן וועגן דעם און געוואלט וויסן צי איך וואלט נישט צוגעשטאנען צו זיי. ס'איז מיר שווער זיך צו דעצידירן אויפן דאזיקן שריט,כאטש דער געדאנק זיך ארויס- צודרייען פון לאגער לאזט מיר נישט אפ אויף קיין איין מינוט,איז אבער דער דא- זיקער פלאן פארבונדן מיט לעבנס-געפאר.איך פאל ווען עס געלינגט נישט איז קיין אנדער שטראף פאר אנטלויפן ווי א קויל אין קאפ.

א בעוויסן פארבאכט,ווען טויזנטער פוילישע ארבעטער האבן $$$$$$$$$$$$$$$$$$ נאכן ענדיקן די ארבעט זיך ארויסגעלאזן פון פאבריק,איז געלונגען מיינע פריינד זיך ארײנצוקריגן איבער די מויערן און פארשווינדן.א פאר טעג שפעטער דערהאלט איך א בריוו פון מיינע ברידער,וועלכן זיי האבן באזארגט דורך א באקאנטן פאליאק. אין בריוו גיבן זיי מיר איבער,אז זיי האבן זיך געזען מיט מיינע 2 פריינד,וועלכ

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

זיינען איצט אין שידלאווצער געטא צוזאמען מיט זייערע משפחות.פון מיינע פריינד האבן זיי אפגענומען א גרוס פון מיר ארץ וועגן טרויעריקן מצב אויף ווערק א' און זיי פרעגן מיר פארוואס איך בין נישט געקומען צוזאמען מיט זיי,דא ~~באלט מיר~~ ~~געווען~~ פיל בעסער און מיר וואלטן געווען אלע ~~צוזאמען~~.צוזאמען.מיטן בריוו האב איך אויך באקומען 100 זלאטעס.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

דאס איז געווען דער לעצטער בריוו,דער לעצטער גרוס,דער לעצטער קאנטאקט מיט מיינע ברידער.עטלעכע וואכן שפעטער איז דאס געטא אין שידלאוויעץ ארומגערינגלט געווארן פון אלע זייטן מיט דייטשישע עס-עס און xxxx אוקראינישע אין אלע יידן טויזנטער מענער,פרויען און קינדער זיינען ארויסגעפירט געווארן צו די וואגאנען, וועלכע ~~האבן זיי געפירט~~ אויף זייער לעצטן וועג קיין אוישוויץ.צווישן די ארויס- געפירטע זיינען אויך געווען מיינע פריינד מאיר שפערלינג און מענדל הערשענפאס,

װעלכע האבן מיט א פאר װאכן צוריק,ריזיקירנדיק מיטן לעבן,אנטלאפן פון סקאר-זשיסקער לאגער.נישט לאנג האט בעדױערט זײער בלומרשטע פרײהײט אין שידלאװ-צער געטא און איצט זיצן זײ פארשפארטע אין די װאגאנען,אױפן װעג קײן אױשװיץ.

נישטא װוּ צו אנטלױפן,װוּ זיך צו באהאלטן פון די דײטשישע מערדער!

אומגעפער אין דער זעלבער צײט װען ס'קומט פאר די אױסזידלונג פון שידלאװ-צער געטא קומט צו מיר צו א פױלישער ארבעטער פון דער פאבריק און דערצײלט, אז זײן פאטער איז א מאשיניסט אױף דער באן.זײן פאטער פירט די צוגן מיט ייִדן קײן טרעבלינקע,מײדאנעק,אױשװיץ.דארטן װערן זײ יעדן טאג אין די צענער טױזנטער פארגאזט און פארברענט.דער פױלישער ארבעטער נעמט מיר איך זאל קײנעם נישט דערצײלן פון װאנען איך האב די דאזיקע ידיעה,װײל זײן פאטער קאן דערפאר באצאלן מיטן לעבן.

מיר איז שװער צו פארשטײן און שװער צו גלױבן,װאס דער פױלישער ארבע-טער דערצײלט מיר.מײן געדאנק קאן נישט באגרײפן,אז צענער טױזנטער מענטשן װערן יעדן טאג פארגאזט און פארברענט,װי אזױ איז דאס מעגלעך?איז דאס מעגלעך,אז מײנע עלטערן,מײנע ברידער, מײן פרױ און קינד,די סקארזשיסקער ייִדן,די שידלאװצער ייִדן,די ייִדן פון פױלן,פון אײראפע,װעלכע איך האב געזען אומפארנדיק דורך סקארזשיסק,אז זײ אלע װערן פארגאזט און פארברענט?...

## נאך די יידן קומען די פאליאקן

קומענדיק א געװיסן פרימארגן צו דער ארבעט אין פאבריק דערשפירן מיר גלײך, אז די לאגע איז דא א נישט געװײנלעכע.די דײטשישע פאבריקס-דירעקטארן און מײסטערס לױפן ארום בערױעט און פול רציחה.פון די פױלישע פאר-ארבעטער דער-װיסן מיר זיך באלד די סיבה פון דער דאזיקער אנגעשטרענגטער לאגע.זײ גיבן איבער,אז פון די דײטשישע דירעקטארן האבן זײ געהערט,אז נעכטן איז א צוג מיט אמוניציע (פון אונזער פאבריק) ארױסגעריסן געװארן.געשען איז דאס א צען קילאמעטער הינטער סקארזשיסק. דארטן זײנען אױף די באן-שינעס געװען ארײנגעלײגט מינעס,װעלכע האבן עקס פלאדירט און די גאנצע לאדונג פון (העלדנמוט) טרױעריקער טאן אמוניציע װאס איז געװאנגען אױף די װאגאנען,איז געפלױגן אין דער לופט.

די דײטשן האבן געשריבן,אז דאס האבן געטאן די פױלישע שוּתּפֿים.א גאנצן טאג

האבן זיי געווילדעוועט אין פאבריק, געשלאגן מכות רצח, נישט איבערקלייבנדיק שוין אבער צווישן א ייד און א פאליאק. דער פאלקסדויטש דאלסקי, א געוועזענער אפיציר פון דער פוילישער ארמיי און איצט/ אייגער פון די דערמאנטע אויף ורעקא', לויפט ארום ווי א פארסמטע מויז און שרייט אויך, אז מען וועט זיך אפרעכענען מיט די פוילישע הינט. און מען האט זיך אפגערעכנט. איין פאליאק אויף דער פאבריק איז אויפגעהאנגען געווארן. א פאר טעג שפעטער זיינען די פוילישע ארבעטער געקומען אין פאבריק שטארק צעטראגענע. זיי האבן דערציילט וואס ס'איז פארגעקומען אין שטאט. הונדערטער צעווילדעוועטע בעסטאפא און עס-עס זיינען באפאלן די שטאטxxxxxx האבן זיך אריינגעריסן אין די פוילישע הייזער און געשלאגן אויף רעכטס און לינקס. אלט און יונג מענער און פרויען האבן זיי ארויסגעשלעפט פון די הייזער און אוועקגעפירט. אויך די אייגנטימער פון פיל געשעפטן האבן זיי אוועקגענומען. א סך פאליאקן זיינען דערשאסן געווארן אויפן ארט. די פאליאקן טרייסלען זיך נאך איצט פון שרעק און זאגן, אז זיי האבן מורא זיך אומצוקערן אין זייערע היימען, דא xxxxxxxxxx אין פאבריק זיינען זיי זיכערער מיט לעבן.

אזוי איז געשען דאס וואס מען האט געקאנט פארויסזען, אז נאך xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx די יידן וועלן קומען די פאליאקן. ביז איצט האבן זיך טרוב פון זיי מיט גלייכגילטי-קייט אדער אפילו מיט שטילער פרייד צוגעקוקט ווי די דייטשן מארדן דער יידישער באפעלקערונג, איצט זיינען זיי אליין די קרבנות. קיין יידן זיינען שוין איצט אין סקאר-זשיסק נישטא, איצט איז די ריי אויף דער פוילישער באפעלקערונג.

## ביים טראנספארטן

דער סקארזשיסקער לאגער עסט אויף זייער אייגענע אייגענע לייבער. דא איז דער לעבנס-שפאן זייער א קורצער, גערעכנט אויף טעג, וואכן, חדשים. הונגער, קראנקהייטן, שווערע ארבעט, קלעפ ענדיקן זייער שנעל ארויס די מענטשן. בעת דער באנשטעטער סעלעקציע ווערן זיי, לויטן אבורדייז פון פיבער, ארויסגעצויגן פון די רייען און שיי און אלע אין לאגער ווייסן, וואס זיי דערווארט.

ביז איצט זיינען די פוסט געווארענע רייען פארפולט געווארן מיט יידן פון פאר-שידענע געטאס. ס'איז נישט געווען קיין שום זארג פון וואנען צו נעמען פרישע לייבער. אויפן ארט פון די וואס האבן שוין צו דער ארבעט נישט געטויגט, איצט האט זיך די לאגע געענדערט: נישטא מער קיין יידן אין די געטאס. א ביסל יידן זיינען נאך דא אין די טויט-לאגערן, ווו די גאז-קאמערן קאנען נישט אזוי שנעל אדורכלאזן אזויפיל מענטשן

וועלכע זיינען דארטן לעצטנס געבראכט געווארן.זיי ווארטן אויף זייער ריי אנצו-
קומען אין די גאז-קאמערן און קרעמאטאריע-אויוונס.די דרינגענדע פאדערונג פון
דער האסאג-פאבריק אין סקארזשיסק ראטעוועט זיי צייטווייליק פון טויט און זיי
ווערן געבראכט צו שקלאפן-ארבעט אין דער אמוניציע-פאבריק.

די נייע טראנספארטן,וועלכע קומען איצט אן אין לאגער ווערן באצייכנט מיטן
נאמען "קאעל".זיי פאלן אריין אהער דערשראקענע,מיט אויגן פול פחד, פרעגן זיך
ביי אונדז ווי דא זעט אויס,ווי מען באהאנדלט אונדז,ווי איז די ארבעט.
ווענן פון וואנען זיי קומען גיבן זיי איבער שוידערלעכע זאכן,דארט
איז זייער לעבן געווען פולשטענדיק הפקר,פאר יעדע קלייניקייט האט מען געשלאגן
ביז צום טויט און נישט געזאלעוועט קיין קוילן,ווען די קלעפ זיינען
געווען נישט גענוג.מיר באַרויקן זיי,אז דא זיינען די באדינגונגען בעסערע,אז
די דיסציפלין איז נישט אזא שארפע און זיי וועט דא זיין לייכטער. אין ערשטן
מאמענט איז זיי דאס שווער צו גלויבן,זיי שטעלן זיך נישט פאר אז ערגעצוו קאן זי
ביי די דייטשן זיין בעסער.אונדז,די אלטע איינוווינער פון דער עקאנאמיע,איז
אויך שווער זיך פארצושטעלן,אז ס'קאנען נאך זיין ערגערע און שווערערע באדינגונ-
גען ווי בא.זעט אויס אז צו דייטשישער רשעות איז קיין גרענעץ נישטא און ס'איז
נישט מעגלעך זיך צו דערגרונטעווען צו וואס זיי זיינען אלץ פעיק.

א סך פון די נייע טראנספארטן האבן מיט זיך געבראכט פארשידענע ווערטפולע זאכן
ווי געלט,גאלד א.א.ווי אזוי זיי איז געלונגען נאך די אלע רעוויזיעס און אינס-
פעקציעס דאס אדורכצושמוגלען,איז שווער צו פארשטיין.דאס
איינציקע וואס מיר האבן גע
וווסט איז אז א שטיקל גאלד קאן אונדז זייער אפט ראטעווען פון א זיכערן הונגער-
טויט און דעריבער האט מען נישט געקוקט אויף סכנות און דראנגען מצד
די דייטשן מיט אלע תחבולות דאס אויסבאהאלטן.די פון קאעל,וואס האבן מיטגע-
בראכט מיט זיך געלט און גאלד-שטיקלעך האבן זיך ווי אויסגעהונגערטע וועלף געווא
פן אויפן ברויט,וועלכע מען האט געקאנט קויפן לרוב ביי די פוילישע ארבעטער.
די אנדערע האבן מיט הונגעריקע אויגן זיך צוגעקוקט דערצו און געשלונגען די סליב
העלפן איינער דעם אנדערן איז אין לאגער געווען א זעלטענע דערשיינונג.דער זאטער
האט זיך בעהאלטן פון הונגעריקן,די בעסער אנגעטועטע האבן זיך
בעהאלטן פון דער ווייטנס פון די וואס זיינען געווען אנגעטאן אין צעריסענע שמא-

טעס,אויך דא איז פאראן א קלאסן-פארטיילונג,פארשידענע קאסטעס;די האלב-זאטע האל-
טן זיך העכער/פון די הונגעריקע,די מער זאטע – העכער ווי די האלב-זאטע,און די
יידישע פאליציי און פראמינענטן האלטן זיך גאר ווייט פון אונדז,נישט אייב
מאל קאן מען פון אימיצן פון זיי הערן די זעלבע שפראך מיט ווערטער באנוצן
זיך די דייטשן:שמוציקע יידן א.א.

אין דער זעלבער צייט,וואס עס קומען אן
די טעגלעך-טראנספארטן הויבן אן אנקומען לאסט-אויטאס מיט מלבושים.די זאכן
קומען אויך פון חוץ לארץ.איך האב געארבעט ביים אויסלאדן די אויטאס.אויף אלע
זאכן איז מיט רויטע אויל-פארב אנגעשריבן אן איקס /X/ און די בוכשטאבן
ק.ל.אלע מענער-און פרויען-זאכן זיינען געצייכנט מיט די דאזיקע סימנים,
וועלכע מען האט געקאנט זען פון ווי ווייט.אין לאגער שמועסט מען,אז די זאכן
שטאמען פון די,וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן אין די פארניכטונגס-לאגערן.
אז די זאכן שטאמען פון יידן איז נישט שווער צו באשטימען,זיינען דאך
א סך יידן אין פוילן געווען אנגעטאן אנדערש ווי די אלגעמיינע
באפעלקערונג,און אט דער ספעציפישער אנטאן האט זיך שטארק געווארפן אין די אויגן
די וועלכע ארבעטן ביים אויסלאדן די טראנספארטן זאכן
באקומען צוגעטיילט א פאר אלטע שמאטעס,וועלכע פאסן מרוב נישט אויף דער געגעבענער
פערזאן.בכלל איז פאר די קאצעטניקעס שווער צוצופאסן זאכן,קיין שום
בגד האלט זיך שוין נישט אויף זייערע אויסגעדארטע גופים.

## צוויי מאל אין זעלבן טאג זיך געראטעוועט פון מלאך-המות

ווינטער 1943.די זאכן אין וועלכע איך בין אנגעטאן זיינען אין גאנצן צעריסן
און מען קאן זיי שוין נישט לאטען.די שיך – נישט אין קיין בעסערן צושטאנד.איך
פארמאג אויך נישט קיין צעבראכענעם גראשן צו קויפן כאטש א זופקע
און בין ארום א שטענדיק הונגעריקער.פון מיינע עלטערן און ברידער ווייס
איך גארנישט און מ'שרעקט מיך דער געדאנק,אז איך וועל פון זיי
קיין מער נישט הערן.נישט ווייניקער שרעקט מיך אויך דער
גורל פון מיין פרוי און קינד.פון מיין גאנצער משפחה איז פארבליבן בלויז מיין
שוועסטער,וועלכע געפינט זיך אין לאגער אויף ווערק צע.

איך ארבעט אויפן הויף פון פאבריק ביים אויסקרויטן דעם שניי.מ'שוידערט מיר
פון קעלט און איך ברען אין היץ.איך קאן נישט איינשטיין אויף די פיס.מיינע

צווייי ארבעטס-חברים פירן מיר ארונטער די הענט אורועק אין לאגער. איך מעלדע זיך צום דאקטער. בלייך אפ אין שפיטאל. דער סאניטאר ווייזט מיר אן אויף א צעבראכענער פריטשע מיט א ביסל ברודיק שטרוי, אז דאס איז מיין בעלעגער. ניטשט מיט קיין גרינג הארץ לייג איך זיך אוועק אויפן דאזיקן בעלעגער, ווו איך באקום באלד א ווארעמען קבלת פנים פון די פארשיידענע אומפלייטס. גיט וואס זיך גנדעקן איז נישטא. דער שנייי בלאזט ארייין פון אלע זייטן און די קעלט איז אומדערטרעגלעך. די דערנעבנדיקע פאר א גאנצן טאג איז א טעפל"קאווע" און 2 וואסערדיקע זופן. מיין מזל איז אזא, אז איך קאן שוין דאס אויך נישט פארדייען און ביי דאס אפ צורדיק.

אין "שפיטאל" ליגן פארשיידענע חולאים, מענער און פרויען. דא ליגן טיפוס- און דיזענטעריע- קראנקע, און רועלכע זיינען אויף גארנישט קראנק, נאר פון הונגער און אויסגעשעפטקייט קאנען זיי נישט רירן מיט קיין אייבער פון זייערע. פון אלע זייטן הערט מען קרעכצן, יאמערן, מען רופט נאך הילף. דאס רופן איז אין גאנצן אן אומזיסטער, אין דאזיקן שפיטאל זיינען נישטא קיין דאקטוירים און מעדיצינען, דער איינציקער וועלכער ברענגט דא דערלייזונג די קראנקע איז דער מלאך-המות.

קוים איבערגעלעבט די נאכט. אין דער פרי ווענד איך זיך צום אויפזעער פון שפיטאל, פינגער, ער זאל מיר ארויסשרייבן, ווייל איך בין שוין געזונט און וויל גיין צו דער ארבעט. דער אויפזעער קוקט אויף מיר ווי איך ברען אין פינגער און ער גיט מיר ארויס א צעטל, אז איך קאן גיין. איך שלעפ ארויף אויף זיך מיינע נרודיקע שמאטעס, די איינציקע העמד, וועלכע איך טראג שוין חדשים לאנג און די צעווים זיך אויף מאסן און פארלאז דעם שפיטאל. אנשטאט צו דער ארבעט גיי איך אוועק אין באראק, מיטן רעכענונג, אז אפשר וועט מיר געלינגען היינטיקן טאג זיך אדורכצודרייען און אויף צוטארגנס וועט מיר פיליינכט זיין בעסער.

א פאר שעה נאך מיין ארויסשרייבן זיך פון שפיטאל טארפארט אהין א לאסט-אויטא. די קראנקע ווערן ווי נישט בויטיקע שמאטעס ארויפגעווארפן אויפן אויטא, זייער גורל איז א בעשטימטער - אויף ווערק צע, אין מאסן-קבר, וועלן זיי בעפינען זייער אייביקע רו.

מיטאג-צייט לויפן ארייין אין באראק יידישע פאליצאי און הייסן אלעמען ארויסגיין

דאס פארזואס איך האב מורא געהאט איז געשען.

דעם מאסן-קבר אויף ווערק צע האב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

טויזנטער מענער און פרויען פון ווערק א',ב'ט און צע xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx זיינען דארטן געלעגן אין שיכטן,איבערגעלייגט מיט א ביסל וואפנע.

אין יאר 1944,ווען דער באדן האט שוין געברענט אונטער xxxxxxxxxx די נאצישע פיס,האבן זיי געוואלט אויסבאהאלטן זייערע גרויזאמע פארברעכנס.א ספעציעלע זאנדע קאמאנדע האט במשך פון וואכן געארבעט ביים פארברענען די גופים פון די טויזנטער יידישע קדושים.דערנאך האבן זיי דעם מאסן-קבר פאראקערט און פארזייט מיט ביימלעך און בלומען.

--------

אויפן אפעל-פלאץ.דא ווארט אויף אונדז דער לאגער-שעף,אימפלינג,וועלכער פירט אדורך א קאנטראל פון אלע מענטשן,וועלכע געפינען זיך אין לאגער.מיר ווערט פינצטער אין די אויגן,זעט אויס אז היינט וועל איך זיך פון מלאך-המות נישט ארויס דרייען.דער שעף ציילט די מענטשן,וועלכע גייען ארויס צו דער ארבעט אין דער באפט-שיכט,די איבעריקע זיינען קראנקע.ער ווענדט זיך צו מיר,פארוואס איך בין נישט ארויס צו דער ארבעט.איך ענטפער אים,אז איך בין קראנק און האב א צעטל פון דאקטער - דו שווינן,דו פארפלוכטער יודע,דו באשווינדלסט מיר - שרייט ער,נעמט ארויס דעם רעוואלווער און צילעוועט מיר אין קאפ - דו ווערסט גלייך דערשאסן!

אין דעם מאמענט לויפט צו מיר צו דער יידישער לאגער-אדמיניסטראטאר,מיין סקארזשיסקער לאנדסמאן אלבירט,וועלכער איז בייגעווען אויפן אפעל,און הויבט מיר אן פאטשן אין פנים,אויך דער יידישער פאליציאנט פעלדמאן הויבט מיר אן שלאגן.ס'ווערט מיר שווארץ פאר די אויגן,און אין גאנצן א צעבלוטיקטער פאל איך אוועק אויף דער ערד.דער דייטשישער שעף לייגט צוריק אריין דעם רעוואלווער אין שיידל און גיט א געשריי אויף מיר:אויפשטיין.איך הויב זיך אויף.דו וועסט מארגן גיין צו דער ארבעט? - פרעגט מיך א ביסל א באוויקטער. מיין ענטפער איז א קורצער:יאוואל,הער שעף!

צום צווייטן מאל ווער איך היינט געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

אין אוונט רופט מיר צו אלבירט און זאגט:ביי מארגן צו דער ארבעט און בלייב נישט אין לאגער.מיט דעם וואס איך און דער פאליציאנט האבן דיר היינט געשלאגן האט מען דיר געראטעוועט פון טויט.איך האב דאס געטאן ספעציעל כדי דיר אויף אזא אופן ראטעווען,איך קאן דיר און דיין פאמיליע און דו ביסט מיר געווען א שאד.איך האב אים געדאנקט מיט טרערן אין די אויגן.

## קאמיסיע פון רויטן קרייץ

ווי האבן מיר געקאנט ווייסן אזויגס,אז אונדזער לאגער איז ביי די דייטשן פאררע-כנט פאר איינע פון די בעסטע,וואריה,ווען ס'קומט צופארן א קאמיסיע פון אינטערנאציאנאלן רויטן-קרייץ ברענגט מען זי צו אונדז אויף דער עקזאמיע.צו יע-נער צייט איז אונדז געווען שווער זיך פארצושטעלן,אז ס'קאנען נאך זיין ערגערע באדינגונגען ווי ביי אונדז.איצט ווייסן מיר שוין,אז אוישוויץ,טרעבלינקע מיט די גאז-קאמערן און די ברענענדיקע קרעמאטאריע-אויוונס זיינען געווען מער שוידערלעך ווי דער סקארזשיסקער לאגער,אז דארטן האט מען דער קאמיסיע אוודאי נישט געקאנט פירן האט מען ליח-ברירה געבראכט צו אונדז.

איך ווייס נישט ווער ס'זיינען געווען די מענטשן פון דער קאמיסיע,ווו נאך זיי זיינען געווען און וואס נאך זיי האבן געזען.איין זאך בין איך זיכער,אז אז ווען זיי פאלן אריין אין גיהנום,וואלטן זיי דארטן נישט געזען מער פיין און ליידן ווי ביי אונדז אויף דער עקאנאמיע,און דאס געזעענע דארף זיי נישט געבן קיין רו און פארפאלגן דאס גאנצע לעבן.איך האב [illegible] די מענטשן פון דער קאמיסיע,ווי ס'האבן ביי זיי פון די אויגן גערונען טרערן,ווי זיי האבן פול מיט צער געקוקט אויף די טויזנטער אויסגעדארטע סקעלעטן,אויף גאנץ קרוין – דעם מענטש – וועלכער איז אראפגעשטויסן געווארן צום סאמע תהום פון פיזישער און גייסטיקער אויסראטונג.

איך ווייס נישט צי האט די קאמיסיע דערנאך איבערגעגעבן דער פרייער וועלט אלץ
6
וואס זי האט געזען אין סקארזשיסקער לאגער,און אויב יא,פארוואס האט די פרייע וועלט געשוויגן און די נאצים האבן ווייטער געקאנט אומבאשטראפט אנגיין מיט זייער פייניקן און אויסראטן מיליאנען מענטשן,בלויז דערפאר,ווייל זיי זיינען געבוירן געווארן יידן?...די פראגע איז ביז היינט נישט פארענטפערט און פארלאנגט א תשובה!

קורץ נאך דעם באזוך פון דער קאמיסיע פון רויטן-קרייץ איז מען אויף ווערק א'צוגעטראטן צו בויען נייע באראקן. [illegible]

<u>פרילינג אויף באטס וועלט</u>

ס'איז פרילינג אויף באטס וועלט.די זון ווארעמט מילד און ליאשטשעט פריינדלעך מיט אירע שטראלן.די בוימער הילן זיך איין אין א גרינעם שלייער און זאגן [illegible] אן,אז זיי זיינען אויפגעשטאנען פון זייער ווינטער-שלאף.גרינער גראז שפארט זיך איבער נאכט פון דער ערד ארויס,געלע פעלד-בלימלעך ווינדן זיך קאקעטיש אויף זייערע שטענגלעך,אלץ וואקסט אויף,גרינט,בליט,וואקסט.

אנדערש איז ביי אונדז אין לאגער,אהער גרייכט נישט דער פרילינג,ער בלייבט שטיין הינטער די פארדראטעוועטע ווענט.פאר אונדז וואקסט נישט די זון,גרינט נישט דער גראז,בליען נישט די בוימער

5.30 אין דער פרי הויבט זיך אן דער טאג אין לאגער.די יידישע פאליציי און

שטרבען-דינסט יאגן ארום איבער לאגגן באראק מיט א בעשריי: עטלעכע טויזנט מאן גיבן זיך א קוילער אראפ פון די געלעגערס און שלעפן אויף זיך ארויף די ברודיקע שמאטעס. מען לויפט וואס שנעלער פארכאפן אן ארט אין אוביקאציע און וואשן זיך. 6 אזייגער ווערט ארויסגעגעבן די קאווע. אויך דא איז א געיעג און א געדראנג. יעדער איינער וויל זיין וואס פריער, אויב פארשפעטיקט ער א ביסל וועט ער דאס ביסל הייסע וואסער אויך נישט באקומען און וועט דארפן ווארטן 12 אזייגער אפצוגעסן. די פאליציי יאגט ווידער: שנעל, שנעלו 6.30 דארף מען שוין שטיין אויסגעשטעלט ביים טויער גרייט ארויסצוגיין. די מענטשן ווערן געציילט און איבער דער עקסקארטע פון דער יידישער פאליציי אפגעפירט צו זייערע ארבעט פלעצער. דא טוישן זיך די אויפזעער, אנשטאט די יידישע פאליציי און באטשאלניקעס נעמען איצט איבער די קאמאנדע פוילישע בריגאדירן און פאר-ארבעטער. און ווידער א געיעג: שנעל, שנעלו פון דער ערשטער ביז דער לעצטער מינוט פון ארבעטס-טאג מוז אלץ געטאן ווערן אין איין אטעם, לויפנדיק, פאר יעדן קלענסטן חטא, פאר יעדער קלייניקייט גייט אין גאנג דער שטעקן, די פויסט.

12 אזייגער בייטאג איז מיטאג-איבעררייס. ווידער א געיעג צו זיין פון די ערשטע ביים קעסל נאך דער וואסערדיקער זופ. ס'איז שוין אין רגילות פון לאגער-מענטשן זיך צו יאגן, ער האט נישט איינמאל גאר טייער באצאלט פארן פארשפעטיקן זיך, קריכט מען איצט אויף אלע פיר און מען זוכט צו זיין פון די ערשטע. די ביסל זופ ווערט אויף שנעל אראפגעשלונגען און ערשט דערפילט מען אויף רעכט דעם הונגער.

אין אוונט מעלדעט זיך ווידער די יידישע פאליציי אויף דער פאבריק און פירט צוריק די שקלאפן אין לאגער אריין. מידע, צעבראכענע, הונגעריקע ווארפט מען זיך אויף די פריטשעס אויסצורוען א ביסל די אנגעווייטאקטע גלידער. פון אלע זייטן טראגט זיך א זיפצן און יאמערן, זיך אויסציענדיק אויף די נארעס, דערפילט מען אלע ווייטאגן פון אויסגעמאטערטן גוף

ס'איז פרייטיק אויף נאכט. וועלט, אלץ גרינט און בליט. נאר דא אין לאגער גרייכט נישט דער פרייטיק. אין לאגער באראק הערשט שטענדיקע חשכות אין וועלכע עס צאנקען און גייען אויס עטלעכע טויזנט מענער און פרויען,

<u>יידישע פראמינענטן</u>

די גאנצע איגערלעכע אדמיניסטראציע אין לאגער איז א יידישע. א יידישער לאגער-

ייִדישע פאליציי און פאליציי-קאמענדאנטן,שרייבערס,שטרבן-דינסט,מאגאזינער
אלץ איז באזעצט דורך יידן.די יידישע פאליציי באוואכט דעם לאגער,אז קיינער זאל
נישט אנטלויפן,גיט אכטונג,אז אלע זאלן ארויסגיין צו דער ארבעט,האלט די איבער-
לעבע ארדענונג אויף דער עקאנאמיע, האט צו באשטימען רועגן אלץ און אלעמען.דער
לאגער האט 2 טויערן; דער ערשטער איז באוואכט
דורך יידישער פאליציי און ערשט אויף יענער זייט טויער אנדיקט זיך די "אויטאנא
יידישע רעפובליק".

6 אזייגער אין דער פרי שטייט ביים יידישן לאגער-טויער טעפערמאן,
דער קאמענדאנט פון דער יידישער פאליציי. 6 אזייגער
מוזן אלע ארבעטער זיין גרייט ארויסצומארשירן צו דער ארבעט.די וועלכע
פארשפעטיקן ווערן אפגעפירט אין פאליציי-
באלד קומט אריין טעפערמאן און ס'הויבט זיך אן
די טעגלעכע פראצעדור פון שמייסן די פארשפעטיקטע.יעדער פון זיי מוז זיך
אוועקלייגן אויפן בענקל, צוויי פאליציאנטן האלטן אים צו ביים קאפ און די
פיס און טעפערמאן גיט דעם באפעל אנצוהויבן, נאך די ערשטע שמיץ פאר-
לירט געוויינלעך דער קרבן דעם באוווסטזיין און בלייבט ליגן אין חלשות.דאן
גיסט מען אויף אים וואסער,מען מינטערט אים אויף און די פראצעדור גייט ווייי-
טער אן,ביז ער באקומט נישט די 20 שמיץ לאזט מען אים פון בענקל נישט אראפ.

איך געדענק נאך ביז היינט די שמיץ,וואס איך האב באקומען,אלס שטראף פאר
פארשפעטיקן 5 מינוט צו דער ארבעט.טעפערמאן האט מיר אריינגע-
פירט אין פאליציי-באראק און א זאג געטאן:שלאגט אים צום טויט,וויפל עס גייט
נאר אריין!איך האב עטלעכע מאל געחלשט,מיינע געוואלדן זיינען געגאנגען ביז
צום הימל,פון מויל,פון נאז ,פון די וואונדן איז געראנען בלוט.די פאליציי האט
זיך געארבעט געמאכט פון דעם,זיי האבן געגאסן אויף מיר עמערס וואסער,מיר אפ-
געמינטערט און ווייטער געשלאגן.ווען זיי האבן געזען,אז
איך בין שוין באלד אויף יענער וועלט האבן זיי מיר
אפגעלאזן און געהייסן אפפירן אין פאבריק צו דער ארבעט.

צווישן דער פון עטלעכע טויזנט לאגער
איינגעוויינטער טיילן זיך בולט אויס די יידישע פראמינענטן.צווישן אויס

בעדארטע סקעלעטן,אבגעטאן אין ברודיקע שמאטעס,וואָרפן זיי זיך אין די אויגן מיט זייער עלעגאנטן אנטאן און פרישן,געזונטן אויסזען.לויט זייער אויסזען און האַלטונג זייַנען זיי מער ענלעך און בענעמער צו די דייטשן ווי צו די לאגער-יידן.אויך זייער האלטונג און באציונג צו די קאצעטניקעס איז מער א דייטשישע ווי א יידישע.

אין טאג-טעגלעכן לעבן האלטן זיי זיך אפגעזונדערט פון דער מאסע.זיי וווינען באזונדער אין די אויבערשטע שטיבלעך פון גרויסן בנין,וווּ די באדינגונגען זייַנען לפי ערך א סך בעסערע.דארטן פראווען זיי אויך רייַכע סעודות און הוליאנקעס.זיי האבן מכל טוב,דאס,וואָס א געוויינלעכער קאצעטניק חלומט שוין אפילו בישט קאנען זיי דערגרייכן.

צו די פראמינענטן געהערן אויך די וואָס ארבעטן אין די קליידער-מאגאזינען, ביי דער אפראוויזאציע און קיך.די אלע האבן פארשידענע הכנסות,וואָס זיי טיילן זיך מיט דער פאליצייַ און יידישע באשאלניקעס.

אין דער אויטאמאטן-אפטיילונג האבן עטלעכע יידישע ארבעטער געהאנדלט מיט די פאליאקן.דארט זייַנען געווען צוויי יידישע פאר-ארבעטער,וועלכע האבן געוווּסט וועגן דעם און האבן פארלאנגט א חלק.ווען זייערע פאדערונגען זייַנען געווארן צו הויכע און מען האט נישט געקאנט אדורכקומען צווישן זיך האבן די צוויי פאר-ארבעטער צוגעטראגן דעם דייטשישן שעף פון דער אפטיילונג,זיידעל, וועגן די מסחרים וואָס קומען פאר.די יידישע ארבעטער זייַנען באלד פארשוואונדן פון לאגער.

אייניע פון די וויכטיקסטע זארגן פון קאצעטניק איז געווען די פראגע פון מלבושים.די צוויי פראבלעמען:שטילן דעם הונגער און האבן וואָס אנצוטאן זייַנען געגאנגען האנט ביי האנט און האבן באשטימט דעם גורל,כל זמן דער קאצעטניק האט נאך געטראגן מער-ווייניקער גאנצע זאכן האט ער נאך סיי פאר יענעם און סיי פאר זיך אליין אבגעהאלטן דעם מענטשלעכן פרצוף.אין מאמענט ווען ... די זאכן האבן זיך אויך איבגעשאסן און פון די צעריסענע,צעפליקטע שמאטעס האבן זיך ארויסגעזען באקעטע קערפער-טיילן,איז ער געווען א פארלוירענער.

די שניידער און שוסטער צווישן די קאצעטניקעס האבן איצט פול ארבעט,זיי ווייען

און לאטען די שמאטע-מלבושים.מענטשן טרען אלץ צו פארדעקן זייער נאקעט לייב,צו פארשטעלן זייערע אינטימע קערפער-טיילן.די שניידער און שוסטער באווייזן ממש קונצן פון לייגן א לאטע אויף א לאטע,פון נייען בגדים פון צעמענט זעק,פון ממש גאר-נישט,פון פיצעלעך שמאטעס,אויפשטוקעווען א בגד.

צוויי מאל א יאר נעמען זיך די יידישע לאגער-פירער אראפ די האנט פון הארצן און טיילן אויס די לאגערניקעס זאכן פון די מאגאזינען.אויסגעטיילט ווערט דאס טאמע ערגסטע,וואס מען קאן שוין קוים דערקענען,וואס פאר א בגד דאס איז אמאל גע-ווען.די בעסערע זאכן גייען אויפן שווארצן מארק,זאכן גייען אוועק צו די פאליאקן און אין אויסטויש דערפאר באקומט מען,פלייש,פוטער,צוקער,מעל,פארשי-דענע זיטווארג און שנאפס.דאס אלץ ווערט פארטיילט צווישן זיך,צווישן די פראמי-נענטן,וועלכע פרעסן און זויפן ביז צום צעזעצט ווערן און פון דער צווייטער זייט דרייען זיך ארום האלב-נאקעטע מענער און פרויען,די דאזיקע פאלן די ערשטע אוועק ביי דער ארבעט,ווערן קראנק,צוגענומען אין שפיטאל און פון דארטן אוועק געפירט אויף ווערק צע צו פארפולן דעם מאסן-קבר פון די טויזנטער קדושים.

אין לאגער איז געווען א יידישער פאליציאנט פון ווין.ער איז געווען דער פארטיילער פון זופ און זיין באציונג צו די קאצעטניקעס איז געווען ווי צו הינט,ער האט זיי געשלאגן און געקאפעט מיט די פיס.נאכן אויסטיילן אלעמען די פארציעס איז געווענלעך געבליבן אין קעסל א ביסל זופ.הונגעריקע מענטשן האבן אים באלאגערט און מיט אויגן פול הונגער געבעטן א ביסל זופ,פון דעם וואס איז געבליבן.מיט ווילדער רציחה פלעגט ער זיך דאן ווארפן און מיט דעם גומענעם שטעקן שלאגן אומ-ברחמנותדיק איבער די קעפ.יעדן טאג האט זיך די דאזיקע סצענע פריש איבערגעחזרט. ס'איז נאך קיין איינמאל נישט געטראפן,אז דער ווינער יידישער פאליציאנט זאל אימיצן געבן צוגאב-זופ און דאך קאן מען זיך נישט אפהאלטן פון קומען יעדן טאג ווידער אהער.

און ווידער חזרט זיך איבער דאס זעלבע וואס נעכטן און אייערנעכטן,דער פאליציאנט שלאגט מיטן גומענעם שטעקן איבער די קעפ און די איבערגעבליבענע זופ נעמט ער אוועק מיט זיך.

יידישע לאגער-פראמינענטן.דורך זייערע הענט האבן די דייטשן אויסגעפירט א

גרויסן טייל פון זייער פראגראם פון פייניקן און מארדן די יידן. די יידישע פאליציי, לאגער-עלטסטע, סאניטארן, און כל המינים יוצר-משרתים האבן געמוזט אויספירן די דייטשישע פאראָרדענונגען און באפעלן, אנדערש וואלטן זיי נישט געקאנט פארנעמען זייערע פאזיציעס. דעריבער האבן זיך שוין פון פאריס בעשטופט אויף די דאזיקע פאזיציעס אזעלכע וואס זיינען געווען גרייט צו פארנויגן אלע עטישע און מאראלישע פרינציפן. א סך פון זיי זיינען נאך מיט דער צייט געפאלן נידעריקער און טיפער ווי זיי האבן זיך פארגעשטעלט. זיי האבן מיט ברען און אייפער געדינט די דייטשן און אפט, נאך מער ווי מען האט עס פון זיי פארלאנגט, געפייניקט און געמאטערט זייערע אייגענע ברידער. בלויז א קליינע צאל פון די פראמינענטן האט באוויזן אויסצוהאלטן די פייער-פראבע און ~~זיינען~~ פון דאזיקן גיהנום ארויס מיט ריינע הענט און א נישט-באפלעקטן געוויסן.

## א_קינד ווערט געבוירן אין לאגער

אין לאגער זיינען געווען א סך פארלער, וואס האבן געלעבט ווי מאן און ווייב. ~~איז נאך~~ דער גרעסטער טייל פון די לאגער-איינוווינער באשטאנען פון יונגע מענטשן אין סאמע בלי פון די יארן. די פאליציי, די לאגער-נאטשאלניקעס, די וועלכע האבן זיך אן עצה געגעבן דורך האנדל, אדער אויף א וועלכן ס'איז אנדערן אופן האבן אויך געוואלט געניסן פון פרויען-ליבע. זיי האבן זיך צונעקליבן "קוזינקעס" און געלעבט מיט זיי. די גרעסטע זארג און מורא פון די קוזינקעס און זייערע געליבטע אדער מענער איז געווען די פראגע פון פארשוואנגערן. אלע האבן געוווסט, אז אויב א פרוי אין לאגער פארשוואנגערט, איז דאס געגומען א טויט-אורטייל אויף זיך. איז מיר טאקע נישט באקאנט, אז פרויען זאלן פארשוואנגערן און האבן קינדער, חוץ איין איינציקן אויסנאם.

אין לאגער איז געווען א ~~געוויסער~~ ~~ייד~~, מיטן נאמען פינגער. א צייט לאנג איז ער געווען א פאר-ארבעטער און ~~ארנטער~~ ~~זיין~~ ~~האנט~~ ~~האט~~ ~~געארבעט~~ א גרופע יידישע ארבעטער. קיין גרויסער בעל-רחמים איז פינגער נישט געווען און זיין ברוטאלע האט ביי אים קיין האביק נישט געלעקט. שפעטער איז ער געווארן דער אויפזעער איבער דער טויטן-קאמאנדע. די דאזיקע קאמאנדע האט זיך פארנומען מיט די געשטארבענע, האט זיי צונויפגעקליבן אין מתים-שטיבל, זיי ארויסגעפירט און באגראבן – אן ארנעט, וואס איז פאר פינגערן געווען זייער צוגעפאסט. פון דער טויטן-קאמאנדע איז

ער געווארן אויפזעער איבערן שפּיטאל.קיין גרויסער מהלך צווישן די דאזיקע xxxx צוויי אינסטיטוציעס איז נישט געווען און מיט זיין דערפארונג פון אריבערפירן די מענטשן אויף יענער וועלט האט פינגער זייער גוט געפאסט אויפן נייעם פלאץ. די יללות און געוויינען פון די קראנקע זיינען אים ווייניק וואס אנגעגאנגען אx און האבן אים אבסאלוט נישט געריירט.א צווייטער אויף זיין ארט ~~הראלט~~ איין א סך פאלן געקאנט פארלייכטערן די לעצטע מינוטן פון די חולאים און טייל פון זייא אפילו ראטעווען דאס לעבן.פינגער אבער איז געווען אויסגעשאן פון אזעלכע זאכן, אלץ וואס ער האט געטאן אין שפּיטאל איז געווען בלויזxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx xxxxxxxxxxxxxxxx מיט איין רעכענונג - אנצוהאלטן זיין פאזיציע.

איין מענטש האט פינגער געהאט פאר וועמען ער האט געזארגט און געציטערט,דאס איז געווען זיין קוזינקע - ליאליע.אויף וויפל אים איז נישט אנגעגאנגען דער גורל פון די חולאים,וועלכע זיינען אדורך זיין האנט,אויף וויפל ער האט זיך געקאנט מיט רויקער גלייכגילטיקייט צוקוקן צו די לעצטע קאנוולסיעס און אגאניע יסורים פון די קראנקע,האט ער לגבי זיין קוזינקע ארויסגעוויזן די סאמע גרעסטע זארג און צערטלעכקייט.~~און~~ פלוצים פארשפרייט זיך אין לאגער א קלאנג,אז ליאליע שווארגערט.כאטש קיינער האט פינגער נישט ליב געהאט און במילא אויך נישט זיין קוזינקע,האבן דאך אלע אויפגענומען די דאזיקע ידיעה מיט א געוויסע שפּאנונג און זארג:ווי וועט דאס אויסזען,וואס וועט דערפון ארויסקומען?

לאנגע חדשים האבן די לאגער-איינוווינער נאכגעפאלגט און געווארט אויפן פינ נאל פון דער געשיכטע.פינגער האט געהאט מעגלעכקייטן צו „דעקן" זיין קוזינקע און מען האט ~~איר~~ אין לאגער xxxxxxxxxx א צייט נישט געזען. באוויזן זיך האט זי ~~זיך~~ צוריק א שלאנקע און מיידלשער פיגור.ווו דאס קינד איז אהינגעקומען האט קיינער אויף באשטימט נישט געוווסט,אבער פאר אלעמען איז געווען קלאר,אז אין דער זעלבער רגע,וואס דאס קינד האט דערזען די ליכטיקע שיין איז עס צוריק ארונטער אין דער אייביקער פינצטערניש.ס'איז פאר אלעמען געווען א ווייטאקדיקע איבערלע- בונג,פונקט ווי דאס קינד וואלט געווען אונדזער אלעמענס.אין לאגער טאר מען קיין קינדער נישט האבן,אין לאגער טאר נישט אויפשפראצן קיין פרישע לעבן,דא איז אן ארט אויף צו וועלקן און שטארבן.

## א גזל מן השמים

געבויקן אין לאגער א סך רעליגיעזע יידן.צו אלע שוועריקייטן און צארן וואס

די לאגער-איבערלעבער האבן געהאט אז באך די רעליגיעזע יידן צוגעקומען די זארג פון עבודה הבורא.נישט לייכט איז געווען, ~~אין לאגער~~ אין די דארטיקע באדינגונגען אפצוהיטן יידישקייט און דאך איז פאר א סך פרומע יידן קיין שום אפהאלט נישט געווען.יעדן טאג האבן זיי געדאווענט,געהיט כשרות און אנדערע דינים.די היטלער-פורעניות האבן זיי אויפגענומען אן שום שאלות און קשיות,זיי האבן געזען אין דעם א גזר מן השמים און מיט דעם איז אלץ געווען פארענטפערט.ביי ~~אנדערע,ווידער~~ האט זיך די אמונה געבראכן,זיי האבן ארויסגערוקט טענות צום הימל און געפרעגט די שאלה:פארוואס?פארוואס קומט דאס אונדז?~~אויף~~ די טיף-גלויביקע האבן נישט גע-האט קיין ענטפער אויף דער פראגעXXXXXXXXX פארוואס עס איז געפאלן אזא הארבער גזר אויף זיין אויסדערוויילט פאלק,און ~~איך~~ געמוזט באגנוגענען דערמיט,אז נישט מיר זיינען אין דער בחינה צו משפטן די הימלען און גאטס דרכים זיינען נישט צום פארשטיין.

אין לאגער האב איך זיך באקאנט מיט א רבי פון פיאטריקאוו.דאס איז געווען א מענטש אין וועלכן ס'האבן געהויזט צוזאמען תורה,חכמה און א ברילאנטענע דרך ארץ.אויפן לאגער און אין פאבריק האבן אים די יידישע ארבעטער זייער געשעצט און אפגעהיט.ער האט געארבעט אין דער גראבאטן-אפטיילונג,ווו די ארבעט איז געווען א שווערע.צו זיין גליק איז דארטן געווען א יידישער פאר-ארבעטער,הערשל אפטאריק,וועלכער האט ליב באקומען דעם רבי און געזען,אז ער זאל האבן לייכטער ביי דער ארבעט.איך האב זיך אפט געטראפן מיטן רבי און פארפירט מיט אים שמועסן. זיין טיפע אמונה אין גאט איז ביי אים געבליבןXXXXXXXXXXXXXXXXXXX נישט געשטערט.ער האט אין אלץ געזען א גזר מן השמים און האט יעדן טאג חיים געבעטן צו גאט ער זאל רחמנות קריגן אויף זיין געפייניקט פאלק.דעם טלית און תפילין האט ער אפגעהיט ווי דעם טייערסטן אוצר,אז זיי זאלן,חלילה,נישט אריינפאלן צו די נאצים אין די הענט.ער האט אויך די גאנצע צייט אפגעהיט כשרות און זיך נישט צוגערירט צום עסן פון קעסל,געלעבט בלויז אויף טרוקנס.מענטשן אין לאגער האבן אים געשעצט פאר זיין טיפער,אויפריכטיקער אמונה,פאר זיין חכמה און פאר זיין מיטפילנדיק הארץ.מ עון פלעגט קומען צו אים זיך מיעץ זיין און הערן פון אים א טרייסט ווארט.

צי ער איז געבליבן ביים לעבן,אדער ער האט געטיילט דעם גורל פון אלע קדו-שים איז מיר נישט באקאנט.

אין דער מאלער בריגאדע האט צוזאמען מיט מיר געארבעט א xxxxxxxx יונגערמא
פון א יאר 25 מיטן נאמען שמואל.איך האב זיך מיט דעם דאזיקן יונגענמאן נענטער
באקאנט און xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx אפט געשמועסט
מיט אים.שמואלן האט מען אהער געבראכט צוזאמען מיט זיין עלטערן ברודער פון א
יאר 30.זיי שטאמען פון א רייכער און פרום-רעליגיעזער היים.שמואל האט מיט זיך
געבראכט ~~א סך~~ ווערטפולע זאכן און צווישן זיי אויך די תפילין,וועלכע ער האט גע-
היט מער פון אלץ.

איך בין זיכער,אז צוליב פיקוח נפש וואלטן רבנים ארויסגעגעבן אן היתר צו עסן
די לאגער-זופּ.שמואל האט עס אויך זיך נישט געוואלט נעמען און האט זיך צו דער
זופּ נישט צוגערירט.ער האט די זופּ אוועקגעגעבן אנדערע און אליין געלעבט אויף בלוי-
זן ברויט און קאווע.האבנדיק אדורכגעשמוגלט אין לאגער פארשידענע ווערטפולע זאכן
האט ער זיך געקאנט דערלויבן צוצוקויפן א פערטעלע ברויט און אויף אזא אופן צו
דערהאלטן די נשמה אין אויסגעדארטן גוף.יעדן פרימארגן האט ער,באהאלטן אין א ווינ-
קעלע,אנגעטאן די תפילין און געדאוונט.

בעת מיינע שמועסן מיט אים האט ער פרובירט מצדיק הדין זיין,אז מיר קומען אפּ
דערפאר וואס מיר האבן נישט געדינט צו גאט בלב ובנפש און נישט אפּגעהיט xxxxxxxxx
די הייליקע תורה און די חוקים וואס זיינען אונדז געגעבן געווארן.מיר האבן געוואל
אפּנארן גאט:מיט די ליפּן האבן מיר געשעפּטשעט תפילות און תשבחים פאר אים און מיטן
הארץ זיינען מיר געווען זייער ווייט פון דעם,וואס מיר האבן ארויסגערעדט מיט די
ליפּן.אין די באציונגען בין אדם לחברו האבן מיר זיך באנוצט מיט שקר,גנבה און
גזילה.דעריבער איז געקומען אויף אונדז גאטס שטראף.

א געוויסן ווינטערדיקן טאג,ווען מיר האבן זיך אומגעקערט פון ~~אונדזער ארבעט~~
~~אויף~~ דער קאלאניע אודשענדזיטשע,וווּ מיר האבן געמאלן די ביוראען פאר די דייטשן,
xxxxxxxxxxxx האט אונדז ביים אריינמארשירן אין לאגער פארהאלטן די דייטשישע
וואך און ביי אלעמען אדורכגעפירט א שטרענגע רעוויזיע.מען האט ביי אונדז צוגענומען
אלץ וואס ~~זיך האבן געפונען~~:געלט,גאלד און די שפּייז-פּראדוקטן,וואס מיר האבן איינ-
געקויפט ביי די פּוילישע ארבעטער.ביי שמואלן האט מען געפונען און צוגענומען דאס
געלט,די גאלד-שטיקלעך,וואס ער האט נאך געהאט און אויך די תפילין מיטן אויסגענייט
תפילין-זעקעלע.

אריינקומענדיק אין לאגער האט זיך שמואל פאר מיר ביטער פאנאנדערגעוויינט.וואס

ווען איצט זיין מיט אים.ער איז געבליבן אן א גראשן,אזו ווי ווען ער זיך קאנ
האלטן? זיך אן עצה געבן?אבער דער גרעסטער ווייטיק און
פארלוסט זיינען געווען די תפילין,וואס מען האט ביי אים צוגענומען.אן זיי האט
ער זיך דערפילט פאריתומט,פארלוירן אין ים פון מענטשלעכער רשעות.

אין משך פון די נאנסטע פאר וואכן איז שמואלן געווען נישט צום דערקענען. די בעסערע זאכן,וואס ער האט געהאט אויף זיך האט ער פארקויפט און אויסגעטוישט אויף א פערטעלע ברויט.אליין איז ער איצט ארומגעגאנגען אין צעריסענע און ברודיקע שמאטעס פון וועלכע ס'האבן זיך ארויסגעזען די אויסגעדארטע גלידער.ס'איז שווער געווען אויף אים צו דערקענען דעם געוועזענעם עסטעט,וועלכער האט אפילו אין די לאגער-באדינגונגען זיך באמיט צו האלטן ריין און נישט צו פארלירן דעם צלם אלהים.איצט איז ער געווען שמוציק,אפגעלאזן,רעזיגנירט.
אין גיכן איז ער שטארק קראנק געווארן.אין שפיטאל האט ער נישט געוואלט ביין און עס האט זיך אים איינגעגעבן א געווויסע צייט אויפהאלטן אין באראק.איך האב אים אפט באזוכט און דאס הארץ האט מיר געשניטן זעענדיק ווי שנעל דער בכבודיקער יונגערמאן האט זיך געענדערט.העלפן האב איך אים מיט גארנישט געקאנט,איך האב זיך אליין געראנגלט צווישן לעבן און טויט.

א געווויסן טאג איז אויף דער עקאנאמיע פארפארן א גרויסער לאסט-אויטא און פארנומען מיט זיך אלע קראנקע,אויך שמואל איז געווען צווישן זיי.

אין אוונט קומענדיק פון דער ארבעט האב איך זיך דערוווסט וועגן דעם און ביטער זיך פאנאנדערגעוויינט.אויך זיין ברודער האט זיך וועגן דעם דערוווסט ערשט קומענדיק פון דער ארבעט.פאר אים איז דאס געווען דער שווערסטער פארלוסט און בלויז דער טיפער רעליגיעזער גלויבן, דער גלויבן אז דאס אלץ איז לויט א פסק דין פון הימל האט אים געקאנט אויפהאלטן ער זאל נישט ארייינפאלן אין יאוש און פארצווייפלונג.

<u>טריען-שענער</u>

די געוויינלעכע טאג-טעגלעכע פארוויילונג פון דער געסטאפא און עס-עס איז צו דערנידעריקן און פייניקן די קאצעטלינגען.יעדער איינער פון זיי באמיט זיך איבערצושטייגן דעם צווייטן אין דער דאזיקער מלאכה און רופט ארויס דערמיט די באוואונדערונג און אנערקענונג פון זיינע חברים.עס גייט ממש אן צווישן זיי א געיעג,א פארמעסט ווער וועטן עס וועט איבערשטייגן אין די ראפינירטסטע מיט- (פון דערנידעריקן) לען און פייניקן די קרבנות.

א באזונדערע פארוויילונג פאר זיי איז געווען אן עפנטלעכע עקזעקוציע.צו דעם האבן זיי זיך געגרייט ווי צו א טעאטער-פארשטעלונג און דאס אדורכגעפירט מיט פולע פאמפע און פאראד.פון איין זייט שטייען אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען עטלעכע טויזנט אפגעריסענע,פארחושכטע העפטלינגען,וועלכע מוזן זיך צוקוקן צו דעם טויטעריקן און פיינלעכן ספעקטאקל,וועלכן די דייטשן ברייטן צו פאר זיי, און פון דער צווייטער זייט - אויסגעפוצטע,אויסגעפרעסטע היטלער-יונגען ~~ארבע~~ שיינען xxxxxxxxxxxxx פון פרייד פון דער פארשטייענדער פארשטעלונג :צאפלדיקע גופים אויף די תליות,אדורכגעשאסענע געהירן און גסיסה כארכלען.

גאר טייער האבן מיר געצאלט פאר די דייטשישע זיגן אויף די פראנטן אדער ווען זיי האבן זיך געוויילט אין זייערע פייערטעג.

א ווינטערxxxx - נאכט פון יאר 1943.א פאר טויזנט העפטלינגען ליגן אויס-געלייגט אויף די דרייגארנדיקע פריטשעס אין גרויסן בנין פון דער עקאנאמיע. xxxxxxxxxxxxxxxxx אויף די אונטערשטע פריטשעס ליגן די מענער,אויף די אויבערשטע - די פרויען.אייגעטוליעט אין די שמאטעס ,זעען זיי אין דער האלב טונקלקייט אויס ווי אנגעשאטענע קברים אויף א בית-עולם.בלויז דאס זיפצן און קרעכצן,וואס רייסט זיך כסדר ארויס פא און דארט פון די שלאפנדיקע גים צווישן, אז דאס זיינען לעבעדיקע נפשות.

פלוצלונג ווערט די דאזיקע ביינאכטיקע שטילקייט איבערגעריסן.אויף דער עקא-נאמיע רייסן זיך אריין באטענשלעגער און אייזענשמיד אין באגלייטונג פון גא-וואפנטער עס-עס.דער שלאף איז גאלדxxxxxxxx פארשוואונדן און פון אלעמענס אויגן קוקט ארויס טויט-שרעק.אזא ביינאכטיקער באזוך פון באטענשלעגערן און זיין באנדע אויף דער עקאנאמיע זאגט קיין גוטס נישט אן.

די נאציס באפעלן אלע פרויען אראפגיין פון די פריטשעס און זיך אויסשטעלן

באקעטע.באטענשלעגער און אייזענשמיד בייען פארביי די אויסגעשטעלטע רייען . באטראכטן די באקעטע פרויען.אייניער ווייזט אן דעם צווייטן אויף א יונגער,שיינע מיידל מיט א בעטאקטער פיגור און פרעגט דעם צווייטנס מבינות.דענער באשטעטיקט און מען הייבט דער פרוי ארויסגיין פון די רייען און זיך שטעלן אין א זייט. אזוי מארשירן פארביי די רייען און קלייבן אויס עטלעכע פון די שענסטע פרויען, וועלכע זיי הייסן מיטגיין מיט זיי.

א גאנצע נאכט האבן זיי געהוליעט און געפראוועט ארגיעס.א גאנצע נאכט האבן זיי געפייניקט און געשענדעט די יידישע מיידלעך.אין דער פרי האט מען זיי דער-שאסן.

צי איז מעגלעך צו באשרייבן די פיזישע און גייסטיקע יסורים ~~פון די~~ xxxxxx xxxx פון די געשענדעטע יידישע מיידלעך,פון די צביערתדיקע יידישע פרויען, ביז צום דערשיסן זיי?...נאך איצט ציטערט מיר די האנט ווען איך שרייב וועגן דעם.

נייע באראקן אלטע צרות

אנהויב זומער 1943 טראגן מיר זיך אריבער פון דער עקאנאמיע אין די נייע באראקן,וועלכע זיינען אויסגעבויט געווארן נישט ווייט פון דאנען.די נייע בא-ראקן זיינען פון פארשידענע גרויס און נעמען אריין פון 10 ביז 50 פערזאן. ~~אויך~~ די היגיענישע באדינגונגען זענען דא אויס צו זיין בעסער:אין די קלאזעטן און וואש-צימער קאנען אריינגיין עטלעכע הונדערט מענטשן פאר איינמאל און מען וועט נישט דארפן לויפן באצייטנס צו פארכאפן אן ארט. אויך באקומען מיר נייע קאלדרעס זיך צוצודעקן,א זאך וואס מיר האבן נישט געזען ביז איצט. אונ-דזער גרעסטע איבערראשונג איז ווען מיר באקומען א געוויסן טאג א שטיקל ווורשט צום ברויט,און ~~באלד דערנאך~~ א טיפל מארמעלאדע און אפילו פוטער.מיר פרייען זיך דערמיט ווי קליינע קינדער,וואס האבן באקומען אויף יום-טוב די שענסטע מתנות.

אונדזער פרייד איז נישט בלויז צוליבן שטיקל ווורשט אדער פוטער,וואס דאס איז אן און פאר זיך אויך א זאך פון לעבנסוויכטיקער באדייטונג,נאר וואס מיר זעען אין דעם אן אנזאג אויף בעסערע צייטן.עס דערגייען צו אונדז פרייליכע ידי-עות פון די פראנטן,אז די דייטשן ליידן דארטן איין מפלה נאך דער צווייטער אין אונדז גיט דאס אלץ אריין א נייע נשמה,xxx די קריג דערנענטערט זיך צום סוף,מעגלעך אז אין געציילטע וואכן זיינען מיר פרייע מענטשן.

אזוי גיך ווי אונדזערע חלומות זיינען געבוירן געווארן אזוי שנעל זיינען זיי אויך אויסגערונען.דאס לעבן אין די נייע באראקן ווייזט זיך ארויס צו זיין אזוי שווער ווי אויף דער עקאנאמיע,אויך דער הונגער מאטערט אזוי ווי פריער און די ארבעט אויף דער פאבריק איז xxxxxxx מיט גארנישט לייכטער,מען יאגט פון ארויס די נשמה,די גומענע שטעקנס שניידן זיך ווייטער איין אין אויסגעפייניקטן גוף מיט דער זעלבער רציחה וואס ~~פריער~~.די ידיעות פון די פראנטן זיינען וואס אן אמת דערפרייענדע,אבער צי וועלן מיר אין אזעלכע באדינגונגען אויסהאלטן ביז צו דער מפלה פון נאצי,צי וועט אונדזער נישט קומען פריער?

אין די נייע באראקן דרייען זיך ארום האלב נאקעטע מענטשן.פון צווישן די צעריסענע שמאטעס זעען זיך ארויס גאנצע טיילן פון אויסגעדארטן גוף,זעען זיך ארויס די געשלעכטס-ארגאנען,וועלכע מען פארשטעלט מיט די הענט.xxxxxxxxxxxxxx xxxxxxxxxx די נייסטע דערפינדונג אין לאגער איז צו נייען מלבושים פון צעמענט-זעקלעך.איין צרה בלויז:נעמט א רעגן צעווייקן זיי זיך,קלעפן זיך צום

אאַך לייב,צעקריכן אין אין מיטן העלן טאג בלייבסטו שטיין מיט א באקעטן היבטן, אדער אנטבלויזטע מיידלשע ברוסטן.

איבער די באראקן גייט ארום א יונגערמאן,משה ארענשטיין,פון אפאטאוו ,מיט 2 עמערס "קאווע" אין די הענט און רופט אויס זיין סחורה:הייסע קאווע,10 גראשן א טעפל.יעדן טאג קאנט איר אים טרעפן מיט די צוויי עמערס אין די הענט און מיט דעם זעלבן קול רופן:הייסע קאווע!גלייך ווי ער קומט פון דער ארבעט שטעלט ער אאא אוועק אויפקאכן די 2 עמערס קאווע און ביז שפעט ביינאכט,ווען אלע ליגן שוין אויף זייערע געלעגערס גייט ער נאך ארום,אפשר וועט זיך נאך אימיצן פארגלוסטן צו בא-גיסן זייגע אויסגעטריקנטע ליפן.פון זיין גאנצן האבדל האט ער קוים פארדינט אויף א פערטעלע ברויט.פון זייגע צעפליקטע מלבושים האט זיך ארויסגעזען זיין אויסגע-דארטער גוף און די פיס זייגען געווען ארומגעוויקלט מיט שמאטעס און פאפיר.

פון הונגער און אויסגעשעפטקייט איז משה ארענשטיין קראנק געווארן און געלעגן אין ברויט פיבער.אין גרעסטע זארג איז געווען ער זאל ניט אריינפאלן אין שפיטאל דער לאגער שעף,אימפלינג,האט אים די דאזיקע זארג פארשפארט,ער איז מיטן אויטא צו געפארן צום באראק ווו ער איז געלעגן און מען האט אים צוזאמען מיט אנדערע קראנ קע ארויפגעווארפן אויפן אויטא ווי א זאק קארטאפל.אנגעלאדן א פולן אויטא איז ער אוועקגעפארן אין דער ריכטונג פון ווערק צע.

## אין "יודענריינעם" סקארזשיסק

דער פאלקסדויטש גראבאווסקי באשטימט מיר און נאך עטלעכע מענטשן פון לאגער צו ביין ארבעטן אין שטאט.אויף דער פילסודסקי-גאס איז געשטאנען א ביידער שול-בנין די דייטשן פארוואנדלען דעם דאזיקן בנין אין א קריגס-לאזארעט,ווו זיי ברענגען פארווונדעטע זעלנער פון רוסישן פראנט.איך און די אנדערע וועלכע זיינען באשטימט דארפן דארטן מאלן די צימערן.

איך מארשיר איבער די גאסן פון סקארזשיסק,מיין געבוירן שטאט.אלץ איז מיר דא באקאנט און נאנט.דא בין איך געבוירן געווארן,ארומגעלאפן אלס יונגער יינגל איבער די גאסן,דערנאך ווי אן אנגעשטעלטער פון די יידישע בענק יעדן טאג ארומגעגאנגען די שטאט אין דער לענג און ברייט.איצט איז דאס אלץ אזוי אנדערש,אזוי פרעמד. אט זייגען יידישע הייזער,יידישע געשעפטן,ווו ס'האט שטענדיק געשוויכלט און גע-ווימלט מיט יידן,מיט זייער טומל און הו־הא.איצט קוקן פון די הייזער פענצטער ארויס פרעמדע פנימער,אין די געשעפטן שטייען בייע,פוילישע באלעבאטים.אויך זיי

קוקן אויף אונדז מיט ארויסגעשטארטשעטע אויגן:ווי קומען אהער יידן?

מיר גייען דורך גאסן,וועלכע זייגען פון שטענדיק געווען באוווינט פון יידן. דורות-לאנג האבן זיי דא געלעבט,דא זייגען זיי געבוירן און דא זייגען זיי געקומען צו זייער אייביקער רו. איצט זייגען זיי ניטא.ניטא די יידישע קרעמער און באלמעלאכעס,וועלכע זייגען באגיגען געלאפן צום ערשטן דאווענען אין שול און דערנאך א גאנצן טאג געארבעט בזעה אפיך אויפן ארעמען שטיקל ברויט.ניטא די כלי-קודש,די לערנער,וועלכע זייגען יומם ולילה געזעסן און זיך געפלפולט איבער דא שווערע סוגיות.ניטא די יידישע קצבים,טרעגער,מארק-הענדלער,יונגען שטארקע און פארהארטעוועטע,וועלכע האבן פאר קיינעם נישט מורא געהאט.ניטא די יידישע יוגנט,די חלוצים,שומרים,גורדוניסטן, וועלכע זייגען געפארן אויף הכשרות און זיך געקליבן עולה זיין קיין ארץ-ישראל צו בויען דארטן א יידישע מלוכה.ניטא די ארבעטער-יוגנט,וועלכע האט געקעמפט פאר א בעסערער וועלט,אז אלע מענטשן זאלן זיין גלייך,אז עס זאלן נישט זיין קיין היט-לערס.ניטא די יידישע קינדער,וועלכע זייגען אין דער פרי געלאפן מיט די חומשים און ביכער אין די תלמוד-תורהס און שולן צו לערנען תורה און וועלטלעכע לימודים. ניטא זיי אלע,סקארזשיסק איז יודנריין.ניטא די יידן,ניטא זייערע אינסטיטוציעס;די שולן,בתי-מדרשים, תלמוד-תורהס,בנק,טאז,לינת-הצדק א.א.פון אומע-טום קוקן אויף אונדז פרעמדע פנימער,וועלכע שטעלן אן פארוואונדערטע אויגן:ווי קומען אהער יידן?

קומענדיק אין לאזארעט טרעפן מיר דא אחינו בני ישראל פון קיעלצער געטא.מען האט זיי געבראכט אהער אויף ארבעט.מיר ארבעטן צוזאמען מיט זיי און לעבן זיך צונויף ווי ברידער.נאך דער ארבעט זיצן מיר און רעדן ארום אונדזער טרויעריק מצב.זיי דערציילן אונדז וועגן די צרות און לײדן,וואז זיי זייגען אדורכגעגאנגען אין קעלצער געטא,מיר גיבן זיי איבער וועגן שקלאפן-לעבן אויף ווערק א',זיך טיילן מיט עפעס פריילעכס האבן ביידע צדדים נישט.מיר פארזיצן זיך טיילמאל ביז שפעט און פארגעסן,אז דאס איז פארבונדן מיט טויט-סכנה.נאך 7 אזייגער אין אוונט טארן מיר נישט ארויסגיין אין דרויסן,2 וואכלייט,לאנגע און שעלסקי,היטן אונדזערע באראקן. זיך ארומקוקנדיק אין אלע זייטן און נישט זעענדיק אויפן מאמענט די וואכלייט גנב'ן זיך פול מיט שרעק אריבער צו מיר אין באראק.אן קרבנות איז דא אויך נישט אפ-געגאנגען.א געווויסע נאכט הער איך א שאס.אין דער פרי דערוויס איך זיך,אז איינער פון די קעלצער יידן איז נאך דער פאליצײ-שעה ארויס אין דרויסן דערליידיקן זיינע

פיזיאלאגישע באדערפענישן און א באצישע קויל האט אים דורכגעלעכערט דעם מוח.
מיר האבן דעם ייד מקבר געווען און געזאגט קדיש און כאטש מיר האבן אלע באוויזן
דעם קרבן האט נישט איינער פון אונדז געטראכט, אז וועט ער זוכה זיין קומען צו
קבר ישראל און מען זאל זאגן קדיש נאך אים...

## איך ארבעט אין קוילן-טראנספארט

קומענדיק פון שטאט צוריק אין לאגער מאלדעט מיר דער שעף פון מאלער-שאפ, אז ער האט מער נישט קיין ארבעט פאר מיר און איך ווער אריבערגעפירט צום קוילן-טראנספארט. די ידעה איז פאר מיר גארנישט קיין פרייליכע. דא האב איך גע-ארבעט א לענגערע צייט, זיך געקאנט מיט מיינע עלטסטע, דעם פאלקס-דייטש בראכאווס-קי, דעם רייכסדייטש ראזענקעוויטש און די פוילישע פאר-ארבעטער גאלי און קאזשע-ניאווסקי. זיי האבן מיר אביסל געשאנעוועט, ווייל איך בין געווען א גוטער פאכ-מאן און זיי האבן מיר געדארפט האבן. איצט ווייס איך נישט צו וועמען אין די הענט איך וועל אריינפאלן, דער גרעסטער טייל פון די ארבעטס-שעפן און פאר-ארבע-טער טיילן זיך דאך אויס מיט זייער אכזריות און סאדיזם. דערצו בין איך נישט קיין גרויסער העלד, ביי מיין פאך האב איך נאך ווי ס'איז געקאנט אנגיין, אבער ווי וועל איך זיך אן עצה געבן אין טראנספארט? מיין אריינטראכטן זיך אין דעם אלעמען איז אינגאנצן איבעריק, קיינער פרעגט דאך מיר נישט וווהין איך וויל גיין.

איך מעלדע זיך אין דער קאנצעלאריע צום אנפירער פון טראנספארט, דעם רייכס-דייטש בריקס, אז גראבאווסקי האט מיר געשיקט אהער צו דער ארבעט. ער פרעגט, וואס איך האב געטאן ביז איצט און איך ענטפער אים, ער הייסט מיר נעמען א שופליע און קילאף, ארויסגיין אויפן פלאץ, ווו עס ליגן די קוילן און דארט וועט מיר שער פוילישער פאר-ארבעטער זאגן, וואס איך האב צו טאן. איך מעלדע זיך צום פוילישן פארמאן, טשארניעצקי, א סקארזשיסקער איינוווינער, און ער שטעלט מיר ארויס ביים אויסלאדן קוילן פון די וואגאנען.

די טראנספארט-ארבעטער טיילן זיך אויף 3 גרופן. איין גרופע איז באשעפטיקט ביים אנלאדן אין די וואגאנען פארשידענע אמוניציע, גראנאטן, קוילן, און א גאנצן טאג שלעפן זיי אויף זיך די שווערע קאסטנס. די צווייטע גרופע איז באשטימט אויף אויסצולאדן די וואגאנען קוילן, וועלכע קומען כסדר אן אין פאבריק די דריטע גרופע לאדנט אויס פון די וואגאנען פראדוקטן, מעל, קארטאפל,

פארשידענע ברינס און אנדערע ,וואס גייט אין דער קיך און אין ווערקסקאנטום, ווו ס'ווערן ארויסגעגעבן זופן פאר די עטלעכע טויזנט יידישע ארבעטער און שפייז-פראדוקטן פאר די טויזנטער פוילישע ארבעטער,וועלכע זיינען דא באשעפטיקט אין 3 שיכטן.

דער אנפירער פון די טראנספארט-אפטיילונג איז דער דייטש לעפלער,דער דערמאנטער בריקס איז זיין געהילף.די פאר-ארבעטער זיינען פוילישע זאבי,קאזשדאפ,באטשעק און טשארניעצקי.

די ארבעט אין טראנספארט,פאר אלע 3 גרופן,איז זייער א שווערע.די פוילישע פאר ארבעטער יאגן כסדר,די וואגאנען דארפן זיין אנגעלאדן און ארויסגעלאדן אין דער צייט,עס שטייען שוין אונטערגעשטעלט נייע וואגאנען,וועלכע ווארטן.אין אונדזער גרופע איז ממש שווער ארויסצוזען און דערקענען די פנימער פון די מענטשן,זיי זיינען אלע שווארץ,דער קוילן-שטויב עסט זיך איין xxxx די זאכן,אין לייב און מען קאן שוין פון אים נישט פטור ווערן.דער קוילן-שטויב קריכט אויך אריין אין באז,מויל,אין די אויגן,ער פארשטאפט אלע קאנאלן,מען קאן נישט עטעמען.פון פנים רינט א שווארצער שווייס,וועלכער ברענט ווי מיט שפילקעס.אפרויאשן איז נישטא מיט וואס און אויך נישט ווען,אלץ אויף דיר איז שווארץ און קוילק,און די פאר-ארבעטער שטייען און יאגן כסדר:שנעל,שנעל!

יעדן טאג,6.30 אין דער פרי דארפן שוין די טראנספארט-ארבעטער שטיין גרייט ביים טויער ארויסצומארשירן צו דער ארבעט.דער לאגער-פאליציאנט לווי פאקס איז א דער ממונה איבער די קוילן-בריגאדע.ער פירט אונדז יעדן טאג צו דער ארבעט און צוריק און איז פאראנטווארטלעך,אז אלץ זאל קלאפן,אז די צאל מענטשן זאל שטימען ווען מיר גייען אדורך די דייטשישע וואך.אויפן ארבעטס-פלאץ קומט ווידער פאר א קאנטראל.די פוילישע בריגאדירן און ארבעטער שטעלן זיך באזונדער און באזונדער די יידישע שקלאפ ארבעטער.בריקס שטייט מיט דער ליסטע און רופט אויס די פוילישע ארבעטער און דערנאך די יידישע.די יידישע ארבעטער,וועלכע האבן זיך דעם טאג נישט געשטעלט צו דער ארבעט,דארפן האבן באשטעטיקונגען פון לאגער-דאקטער,אז זיי זיינען קראנק.טייל-מאל ווייזט זיך ארויס,אז פאקס האט נישט פאר ווענען פון זיי אזא באשטעטיקונג. בריקס באפעלט דעם פאליציאנט צו גיין גלייך אין לאגער און ברענגען די דאזיקע פערזאן אדער פערזאנען.ווען מען ברענגט זיי אין פאבריק בעט בריקס א פארארדענונג די פוילישע פאר-ארבעטער,אז זיי זאלן די פוילע היבט געבן 20 געזונטע שמיץ מיטן

גומענעם שטעקן איבערן היבטן.

די קולות פון די געשמיסענע דערגייען עד לב השמים. זיי חלשן, מען מינטערט זיי מיט עמערס וואסער און מען שמייסט ווייטער. פאר די פוילישע פאר-ארבעטער איז דאס א פארווילונג, זיי שטייען דערביי און קוועלן. בכלל האבן די דאזיקע פאר-ארבעטער פארלוירן דעם צורת מענטש. די וואס פאלן אריין ארבעטן אין די בריגאדעס פון באטשעק און קאזשדאפ ווינטשן זיך דעם טויט. זיי יאגן ארויס די נשמה און שלאגן געפערלעך מיט די שופליעס איבער די קעפ.

אונדזער לוין פאר דער דאזיקער שווערער קאטארגע-ארבעט איז א פערטל קילאגראם ברויט א טאג און 2 וואסערדיקע זופקעס. מיט דעם דארפן מיר עקזיסטירן און ארבעטן. איז ממש א וואונדער ווי אזוי אט די אויסגעדארטע סקעלעטן קאנען דאס באווייזן צו שלעפן די שווערע קאסטנס מיט אמוניציע, אויסצולאדן די וואגאנען קוילן און פראדוקט באקעט. בארוועס, הונגעריק, ברודיק, פארלייזיקט, שווער אין זיי צו דערקאנען די קרוין פון גאטס באשאף - דעם מענטש. נאך שווערער איז דאס צו דערקאנען אין די אויסגעפרעצט און אויסגעפרעסענע דייטשישע שעפן און זייערע פוילישע משרתים, די וועלכע האבן זיך פרייוויליק פארקויפט צום טייוול און האבן די יידן דערפירט צו זייער איצטיקן מצב

איך ארבעט אין דער בריגאדע פון טשארניעצקי. אין דרויסן איז קאלט און די קעל נעמט מיך איבגאנצן אדורך, די פאר צעריסענע שמאטעס אויף מיר שיצן איבגאנצן ג נישט מיין אויסגעדארטן גוף. קעגנאיבער דעם קוילן-פלאץ איז דער סניאראדן-שאפ, און איך גיי אריין אהין זיך א ביסל אנווארעמען. אין דעם מאמענט האב איך שוין וועגן גארנישט געקלערט, זאל זיין וואס עס וויל, זאל נעמען א סוף צו אזא געפלאגט לעבן. טשארניעצקי באמערקט דאס, קומט אריין אין שאפ און מיט א שופליע הויבט ער מיר אן שלאגן איבערן קאפ. ער שלעפט מיך ארויס אין דרויסן און פרעגט, צי איך ווייס נישט, אז יידן טארן אהער נישט גיין זיך ווארעמען. איך שטיי א צעבלוטיקטער און ווונדן, וואס צו ענטפערן האב איך נישט. דאן רופט זיך אפ טשארניעצקי: "ווייסט, צעלינסקי, ווען דו ביזט נישט קיין סקארזשיסקער וואלט אי דיר איצט פארטיק געמאכט. איך זאג אים, אז גענוג וואס די דייטשן מאכן אונדז פארטיק, איז פארוואס דארפן נאך די פאליאקן זיי העלפן. זעט אויס, אז מיינע רייד האבן א ביסל געווירקט אויף טשארנעצקין און ער צעלאזט זי מיט א גאנצער טיראדע: הער, צעלינסקי, עס קאן נאך אמאל זיין, אז דו וועסט איבערלעבן די קריג, איז געדענק, אז דער פאר-ארבעטער טשארניעצקי איז נישט געווען דער ערג

טער פאליאק.איך באדויער וואס איך האב דיר בעשלאגן.עס איז אנבעקומען אויף מיר א בייזער מאמענט און איך האב אויף דיר אויסגעגאסן מיין כעס,אבער איך בין נישט אזוי שלעכט ווי דו שטעלסט זיך פאר.נאך דעם דאזיקן ווידוי האט ער מיר געגעבן א שטיקל ברויט,געבראכט וואסער איך זאל זיך ארומוואשן און מיר געגעבן די האנט,אז איך זאל נישט זיין בייז אויף אים און בלייבן גוטע לאנדסלייט. ביז היינט ווייס איך נישט פון וואנען דער דאזיקער אויסגוס איז געקומען צו אים.אפשר האט זיך אין אים דערוועקט א מענטשלעך פונק,אדער די מורא,אז איך קאן בלייבן לעבן און נאכן קריג אים באשולדיקן.

## א בייער לאגער-שעף

א שטיקל צייט נאכן אריבערציען זיך אין די נייע באראקן איז דער לאגער-שעף אימפליבג פארשווונדן און אויף זיין ארט האט זיך באוויזן א צווייטער,מיטן נאמען קילערמאן.דער נייער שעף איז געווען א נידעריקער מיט א גרויסן הויקער,און שטענדיק איז ער געגאנגען אין באגלייטונג פון א גרויסן שיפער-הונט.צום הונט האט ער זיך געווענדן מיטן נאמען מענטש און אנגעווייזן אויף ארנדז:נאפ די היבש!דער דאזיקער פיזישער קריפל,דער העסלעכער הויקער איז איצט געווען דער באלעבאס איבערן לעבן און טויט פון די עטלעכע טויזנט יידישע לאגער-איינוווינער און דא האט ער אויסגעלאזן זיין כעס און פארביטערטקייט דורך פייניקן און מארדן די העפטלינגען.

אויב אימפליבג האט זיך באגרענעצט בלויז מיט ארויסנעמען די קראנקע פון שפיטאל און זיי ארועקפירן אויף ווערק צע איז עס פאר קילערמאנען געווען ווייניק.צאצ פון צייט צו צייט באווייזט ער זיך אין לאגער,פארט ארום מיטן אויטא פון באראק צו באראק און הייסט אלע קראנקע,וועלכע זיינען נישט ארויס צו דער ארבעט,ארויפ-צאשמייסן אויפן אויטא און זיי ארועקפירן אויף ווערק צע.

קילערמאן האט ליב אליין צו שיסן זיינע קרבנות,ער וויל נישט דעם דאזיקן פארגעניגן אפטרעטן אנדערע.באלד זוכט ער אויס צווישן די יידישע ארבעטער סאבאטאזשניקעס און שעדיקער און ער אליין פירט אויס די עקזעקוציע איבער זיי.

קילערמאן איז געווען אויף ווערק א' ביזן ליקווידירן דעם לאגער,ביזן ארויספירן די קאצעטניקעס טיפער אין לאנד.אפילו דעמלט,ווען ס'איז שוין געווען קלאר,אז דאס דריטע רייך וואקלט זיך און קראכט,איז ער אויף קיין איין האר נישט אפגעטרא-טן פון זיין בלוטיקן וועג,פארקערט ער האט זיך נאך מער געקלאמערט צום רעוואל-ווער,ווי צום איינציקן מיטל וואס קען איינהאלטן די נאצישע הערשאפט.

[illegible]

דער טראנספארט שעף,לעפלער,קומט אפט אין דער פרי אויפן אפעל-פלאץ געבן באא אנווייזונגען וועהין צו שיקן די שקלאפן-ארבעטער.אxxxxxא בעת אייבעם פון זייבע באזוכן פרעגט ער צי עם געפינט זיך צווישן אונדז אזעלכער וואס קאן שיין שרייבן אדער צייכענען.איך מעלדע זיך צו אים,אז איך בין א שילדן-מאלער און קאן שיין שרייבן.ער פירט מיר אוועק אין מאגאזין,$$$$$$$$$$$$ וווּ עס ליגן אxx די קעסטלעך פארטיקע אמוניציע צום ארויסשיקן.מיין ארבעט באשטייט אין xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx שרייבן אדער דרוקן די אדרעסן וועהין די קעסטלעך דארפן ארויסגעשיקט ווערן. ס'רוב זייבען זיי געווען אדרעסירט קיין האמבורג,דיסעלדארף און ברעמען.

פאר מיר זייבען די עטלעכע שעה,וואס איך האב געארבעט ביים שרייבן די אדרעסן,געווען אן אמתער אפרו.קייבער האט מיר דא בישט געאיילט,געיאגט.איך בין זיך געפעסן במנוחה ביים טיש און געלאסן געציקלט די אותיות.xxxxxxxxxxxxxxxxxxxx לעפלערן איז מיין ארבעט געפעלן און זייער אפט פלעגט ער אין דער פרי ארויס-קומען אויפן פלאץ און מיר רופן:מאלער,קאמען זי/ מיט! פטור ווערן אויף עטלעכע שעה פון מיין ארבעט ביים קוילן-טראנספארט איז פאר מיר געווען א גרויסער גע-ווינס.דאס זייבען געווען די איינציקע שעהען ווען איך האב כמעט ווי פארגעסן, אז איך געפין זיך אין א דייטשישן לאגער.

## תליות און דערשיסונגען

דערשיסן א ייד אין לאבער איז געווען א געוויינלעכע זאך.קיינער האט זיך דער פאר נישט געדארפט אפרעכענען,אפגעבן א חשבון.פארקערט וואס מער אכזריות אימיצער פון די נאצי-לייט האט ארויסגעוויזן לגבי די יידן אלץ מער איז ער עולה לגדולה געווארן,אלץ מער איז ער געשטיגן אין אנזען און ראנג.ביי טייל נאציס איז עס געווען א מין ספארט צו שיסן אויף יידן און זיך דערבאך באריימען פאר זיי-נע חברים,אז ער האט שוין אויף זיין קאנטע אזויפיל און אזויפיל יידישע קעפלעך.

די דערשיסונגען האבן אויך געהאט פאר אן אויפגאבע צו האלטן אין שטענדיקער שרעק די לאבער-איינוווינער און דער ארומיקער פוילישער באפעלקערונג.דורך דעם הפקרדיקן שיסן אויף יידן האבן די דייטשן געגעבן צו וויסן די פאליאקן,די פויל-שע ארבעטער אויף דער פאבריק,זייער כוח און אויף וואס זיי זיינען פעיק.די צעשי-סונגען פון די יידן האט געדארפט זיין אן אנזאג פאר די פוילישע ארבעטער,אז זיי זאלן זיך נישט דערוועקן אויפהויבן די קעפ,ווייל אנדערש דערווארט זיי דאס זעלבע. אזעלכע דערשיסונגען זיינען געווען נישט קיין צופעליקע,ווי ביים "פרווון צו אנט-לויפן",נאר צוגעגרייטע עקזעקוציעס,ביי וועלכע דער גאנצער לאבער האט געמוזט ביי-זיין.וועגן אזעלכע עקזעקוציעס זיינען געווען אפיציעלע מעלדונגען אויף דער פאב-ריק,אז די פוילישע ארבעטער זאלן וועגן זיי וויסן.

א געוויסן פארנאכט ווען די דייטשישע וואך האט רעווידירט די יידישע ארבעטער, וועלכע האבן זיך אומגעקערט פון דער פאבריק,האבן זיי ביי איינעם, וואס האט געארבעט אין דער קוילן-אפטיילונג,געפונען אין די קעשענעס און אין די מאנ-קעטן פון די הויזן,עטלעכע קוילן.דער יונגערמאן האט דערקלערט,אז די קוילן זיינען צופעליק אריינגעפאלן צו אים אין די קעשענעס בעת דער ארבעט און ער האט דאס נישט באמערקט.אזא זאך האט בעת דער ארבעט געקאנט געשען.די דייטשן האבן די דאזיקע דערקלערונג נישט גענומען אין אכט און האבן דעם יידישן יונגנמאן באשול-דיקט אין סאבאטאזש.אין אלע אפטיילונגען פון פאבריק האבן זיך תיכף בא-וויזן גרויסע פלאקאטן אין דייטש און פויליש,אז א יידישער קריגס-פארברעכער האט זיך פארנומען מיט סאבאטאזש און האט ארויסגעטראגן קוילן פון דער אמוניציע פאבריק.דער דאזיקער פארברעכער וועט לויט די פארשריפטן פון קריגס-צייט אויפגעהאנגען ווערן.דאס דארף זיין א ווארענונג פאר אלע ארבעטער פון פאבריק צו רעספעקטירן דער דייטשישער מאכט און

לאיאל אויספירן די ארבעט.

2 טעג האבן די נאציס געהאלטן דעם קרבן און אים געמאטערט מיט די שרעקלעכסטע יסורים, דערנאך איז פארגעקומען די עפנטלעכע עקזעקוציע. עטלעכע טויזנט יידישע קא- צעטניקעס זיינען געווען פארזאמלט אויפן פלאץ, ווו עס איז געווען צוגעגרייט די תליה און האבן זיך געמוזט צוקוקן, ווי אזוי מען פירט זייער חבר און ברודער צום טויט.

ס'איז מיר שווער צו זאגן, צי זיינען דערקלערונג, אז די קוילן זיינען אים צופעליק אריינגעפאלן אין די קעשענעס. מעגלעך, אז דאס איז געווען נישט צופעליק. מעגלעך, אז

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

xxxxxxxxxxxxxxxxx

ער האט די קוילן (געגנבעט) קעגן די דייטשישע מערדער, אז ער איז געווען פארבונדן מיט א גרופע, וועלכע האט זיך געגרייט צו א ווידערשטאנד אדער אויפשטאנד און צו דעם צוועק ~~געגנבעט~~ און געזאמלט אמוניציע. אין אזא פאל איז זיין טויט נאך מער פאר דראסיק און ווייטאקדיק. מיט שטומען צער און ווייטיק האבן א פאר טויזנט יידישע קאצעטניקעס זיך געמוזט צוקוקן ווי אזוי די נאצישע תליינים פארציען די פעטליע אויפן האלדז פון זייער ברודער.

דער הונגער שטייגט איבער די מורא פאר טויט. כדי צו שטילן דעם הונגער, און באצאלן זייער בלויז אויף איין קורצע ווייל, ריזיקירן אפט די לאגער-איינוווינער מיט זייער לע- בן. וויפל פאלן זיינען געווען, ווען צוליב א ביסל שאלעכץ פון קארטאפל, וועלכע די קאצעטניקעס האבן צונויפגעקליבן ארום די קיכן, זיינען זיי דערשאסן געווארן דורך די נאציס.

אויך ביי ארבעט אין לאגער האט דער הונגער געטריבן מענטשן צום טויט. ~~די קעסט-~~ ~~לעך, אין וועלכע~~ ~~xxxxxxxxx~~ מהאט געארבעט די קוילן האבן געהאט מעבטלעך פון ווייל- ~~xxxx~~ פאסקעס. פון די דאזיקע פאסקעס האט מען געקאנט ציען פעדים און זיי פארקויפן די וואס האבן זיך אין לאגער פארנומען מיט שניידעריי און שוסטעריי. די טראנספארט-ארבעטער האבן אין דעם געפונען א מקור פון חיונה. אין לעצטן מאמענט, ווען די קעסט- לעך האבן זיך שוין געפונען אין די וואגאנען גרייט צום אפשיקן אויף די פראנטן, האבן זיי ~~אראפגעשניטן~~ פון זיי די פאסקעס. א צייט לאנג איז דער דאזיקער ענין אנ- געגאנגען; די קעסטלעך זיינען אוועק אויף די פראנטן אן פאסקעס און די שניידער און שוסטער אין לאגער האבן געהאט מיט וואס צו לאטען און נייען.

צי ס'איז אויך וואס פאר אן עס איז אופן דערגאנגען פון די פראנטן, אז די קעסטלעך קומען אן אהין אן די פאסקעס, אדער מען האט זיך געכאפט אויף אן ארט, איז מיר ניט באקאנט. א געוויסן טאג האבן די דייטשן קאנטראלירט די קעסטלעך אין די וואגאנען און פעסטגעשטעלט, אז עס פעלן אין זיי די פלאמבעס ~~די פאסקעס זיינען פון די ארויסגעשיקטע~~. זיי האבן
6
גלייך אויפגעקליבן די טראנספארט-גרופע און זיי רעווידירט. מען האט ביי זיי גארניש געפונען. די דייטשן האבן זיך אבער מיט דעם ניט באגנוגנט, זיי זיינען אוועק זוכן די פאסקעס אין פאבריק און דא זיי געפונען. די ארבעטער האבן געהאט שענקלעך אין פאבריק און ניט וועלנדיק ~~האבן~~ טראגן די פאסקעס ביי זיך האבן זיי דאס ארייגעלייגט אין די שענקלעך מיטן רעכענונג, אז זיי אין אוונט ארויסנעמען און ארייננשמוגלען אין לאגער. איצט האבן די דייטשן פעסטגעשטעלט צו וועמען די שענקלעך, ווו זיי האבן גע-פונען די פאסקעס געהערן, און זיי האבן די דאזיקע פארהאלטן. צווישן די פארהאלטענע איז דא איינער פון מיין בריגאדע, טישלער, וועלכע איז איינגאנצן צופעליק ארייגעפאלן צווישן דער גרופע "סאבאטאזשניקעס". אימיצער פון די טראנספארט-ארבעטע האט ארייגעלייגט זיינע פאסקעס צו באהאלטן ביי טישלערן אין שענק, וועלכע ער האט פארגעסן צו פארשליסן. איצט פירט מען אים צוזאמען מיט די אנדערע ארבעטער א שטרענגער וואך אין לאגער אריין.

אלע בריגאדעס, וועלכע מארשירן אריין פון דער ארבעט, ווערן פארהאלטן אויפן
8
אפעל-פלאץ. דא דרייט זיך שוין ארום דער העסלעכער הויקער קילערמאן און זיין סוויט צונויפגעזאמלט אלעמען אויפן פלאץ האלט קילערמאן א רעדע, אז די גרופע מענטשן האט זיך פארנומען מיט סאבאטאזש און זיי וועלן דערפאר דערשאסן ווערן. באלד דערנאך פירט ער אליין אויס דעם אורטייל, שיסנדיק זיי אין די קעפ. דער קליינער הויקער איז אליין דער ריכטער און אליין דער תלין.

א שטיקל צייט שפעטער האבן מיר ווידער אן עפנטלעכע עקזעקוציע. בעתן רעווידירן האט מען ביי א יידישן ארבעטער, וואס האט געארבעט אויף דער עלעקטרא-סטאציע געפונען א שטיקל לעדערנעם פאס. ער האט דעם שטיקל פאס אפגעשניטן כדי צו האבן דערפאר א ~~שטיקל~~ פעקעלע ברויט פאר זיך און זיין מיידל, ~~וועלכער ער האט געהאט~~. ביי די דייטשן איז דאס סאבאטאזש און דער פסק-דין איז א פארטיקער, קילערמאן קאן אן קרבנות ניט לעבן

זונטיק אין דער פרי, ווען די לאגער-איינוואוינער ווילן זיך נעמען צו זייער גע-וויינלעכער באשעפטיקונג: וואשן, לאטען, זיך לויזן, באזוכן באקאנטע אין אנדערע באראַ-קן, קומען אריין אין לאגער עס-עס מיט מאשין געווער און באפוילן, אז אלע זאלן זיך

שטעלן אויפן אמעל-פלאץ.

פנים אל פנים מיטן קרבן שטייט אויך זיין תלין, דער העסלעכער הויקער קילער, פאר דעם לאגער-עלטסטן איז דער הייגטיקער זונטיקדיקער רו-טאג א באזונדערס שיי-לעבדיקער - שוין באלד איין דער פרי וועט ער קאנען צילעוועז און אדורכלעכערן א יידישע קאפ. שטייט ער א געמיטלעכער און שמייכלדיקער און שפילט זיך און ליאשטשעט זיין גרויסן הונט, וועלכן ~~ער רופט אז מיטן~~ נאמען "מענטש". אויך די עס-עס איז אין א געמיטלעכער און פרייליכער שטימונג, פונקט ווי זיי וואלטן זיך דא פארזאמלט אויף א זונטיק-פארוויילונג, וועלכע דארף זיך באלד אנהויבן. בלויז מיר, די פאר טויזנט פארזאמלטע יידן שטייען מיט אונטערגעדזעגטע פיס און מיט הערצער פול צער און טרויער. צוזאמען מיטן קרבן לעבן מיר אלע איבער די ~~יידן פון חיבוט הקבר~~. מיר שטייען אלע ווי פארמשפטע צום טויט.

די מינוטן ציען זיך לאנג, ווי א גאנצע אייביקייט. דער הויקער איילט זיך נישט, ער וויל זיך וואס לענגער קוויקן מיט זיין קרבן און וואס לענגער מאטערן די פארזאמלטע יידן. ס'איז הייגט זונטיק - א טאג פון רו און געגוס, וויל ער וואס לענגער געניסן ~~זיך צוקוקנדיק צום~~ פיין און יסורים פון די יידן!

~~דער העסלעכער פידישער און גייסטיקער קריפל קללערמאן דעקט איצט אויף פאר אונדז אין דער פולער באקעטקייט די "העכערקייט פון דער דייטשישער ראסע".~~

זיך גענוג אנגעשפילט מיט זיין קרבן, האלט קילערמאן א רעדע, אז דער דאזיקער פארפלוכטער יודע" האט זיך פארגומען מיט סאבאטאזש און דערפאר וועט ער דערשאסן ווערן. זאלן אלע יידן דאס נעמען אין זינען, אז פאר סאבאטאזש-אקטן וועט ער אלע אויס שיסן, אלע ביז איינעם!

נאך דער דרשה הייסט מען דעם קרבן זיך אויסדרייען. קילערמאן האט ליב צו שיסן פון הינטן. פאמעלעך, נישט געאיילט נעמט ער ארויס דעם רעוואלווער און צילט אין קאפ אריין. אלע אין אונדז ווייגט, קלאגט, יאמערט און מיר מוזן שטיין ביזן סוף און זיך צוקוקן...

מיר צאלן פאר די דייטשישע מפלות

די ידיעות, וועלכע דערגייען צו אונדז וועגן דער לאגע אויף די פראנטן זיינען זייער דערפרייענדע. די דייטשן ליידן אומעטום רויזיקע מפלות און פארלוסטן, די רוסישע און די אליאירטע ארמייען גיבן זיי פעסטע קלעפ און יאגן פון די אקופירטע גע-ביטן. די מפלה פון דייטש איז שוין כמעט א זיכערע.

ביי ארבדז אין לאגער האט זיך אבער באַרבישט געביטן,אלץ איז אזוי ווי פאר
פאר צוויי יארן,ווען די דייטשן האבן מיט אזא זיגערקייט געדעט וועגן דער טויז־
יעריקער הערשאפט פון דריטן רייך,וועלכע זיי גייען איינשטעלן איבער דער וועלט.די דייטשישע שעפן,
די עס־עס,געסטאפא,די אוקראינישע עס־עס,גיבן מיט באַרבישט צו פילן,אז דער באדן
הויבט זיך אן וואקלען אונטער זייערע פיס.זיי האלטן זיך אזוי ווי שטעג־
דיק פאררייסן,אזוי ווי זיי וואלטן נאך אלץ געווען די באלעבאטים פון אייראפע.דער
לאגער איז א וועלט פאר זיך,עס באקומט זיך טיילמאל דער איינדרוק,אז
ווען אלץ ארום וועט שוין זיין באפרייט פון די נאציס,וועלן מיר נאך אלץ זיין פאר־
שפארט אונטער די שטעכיקע דראטן און קילערמאן דער הייקער וועט נאך אלץ ארומגיין
מיטן רעוואלווער און ווען ער וועט וועלן וועט ער פון הינטן אריינשיסן א קויל
אין קאפ.

אין לאגער איז אלץ ווי געווען.די אויסגעהונגערטע,אפגעריסענע קאצעטניקעס לויפן
ארום פון איין באראק אין צווייטן און זוכן ווי אזוי צו פארדינען אויף א פערטעלע
ברויט.די שניידער,שוסטער,בלעכערס זיצן און מייסטערווען,לייגן זאל לאטע אויף א
לאטע,די בלעכערס זוכן אויס שטיקלעך בלעך,פושקעס פון קאנסערוון און מאכן
דערפון שעפעלעך און קעסעלעך אויף אפזאגקאכן עסעס,אדער אויפצוזידן וואסער.די
"העגדלער"יאגן ארום פון איין באראק אין צווייטן און שרייען אויס זייער סחורה:
הייסע קאווע!זופ,מחיהדיקע זופ!די וואס האבן נאך א פאר גראשן וויקלען דאס
ארויס פון די שמאטעס און דערכאפן זיך דאס חיות מיט עפעס וואַרעמס.אנדערע קוקן
אויף זיי מיט קנאה,זיי האבן נישט פארוואס צו קויפן אפילו א טעפעלע קאווע און
א באנצע נאכט וועט זיי נאגן דער הונגער און נישט לאזן צומאכן אן אויג.

שפעט ביינאכט ווערט שטיל אין די באראקן.אין די זאכן קריכט מען ארויף
אויף די פריטשעס און מען לייגט זיך אוועק אויסצורוען די צעווייטאקטע גופים.
א גאנצע נאַכט ארומלייט באפאלט דיר גלייך,זיי פארטרעטן איצט די נאציס,און זויגן
אויס דאס לעצטע ביסל לעבן פון די קאצעטניקעס.די ביינאכטיקע שטילקייט ווערט
איבערגעריסן דורך כסדרדיקע געשרייען.א מאן וועקט זיך פלוצים אויף פון שלאף און
שרייט ארויף אויף די אויבערשטע פריטשעס:געוואלד,ווער גיסט דאס וואַ־
סער,ס'רינט דאך מיר אויפן פנים.איבער אים ליגט אן,וועלכע קאן נישט
איינהאלטן די אורין און דערליידיקט זיך אויפן געלעגער.באלד הערט מען א
צווייט געשריי:כאפט דעם גנב!מען גנבעט איינער ביים אנדערן,מען שלעפט ארויס דאס

שטיקל ברויט ביי יענעם פון אונטערן קאפ.די יידישע פאליציי יאגט נאך דעם גנ און פירט אים אוועק אין זייער באראק.דארט וועט ער זיך זען מיט יענער וועלט, אבער דאס וועט נישט אפהאלטן אנדערע צו טאן דאס זעלבע.די נעכט אין די באראקן זיינען אזוי קאשמארפול ווי די טעג,איינס דערגענצט דאס צווייטע.

די ידיעות פון די פראנטן זיינען דערפרייענדיקע,איין מפלה יאגט די צווייטע. ביים גאנצן שווערן לעבן אין לאגער טראגט עס פונדעסטוועגן אריין א געוויסע אויפ מונטערונג צווישן די קאצעטניקעס,עס וואקסט אויף א פונק פון גלויבן,אז אפשר וועלן מיר נאך דערלעבן די באפרייאונג און זען די מפלה פון אונדזערע פיינטקער.די דייטשן דערפילן די דאזיקע שטימונג אין לאגער.זייער ענטפער איז נאך מער צו פארשארפן דעם טעראר,צו האלטן אין נאך מער מורא די קאצעטניקעס איצט ווילן מיר, אז וועג קילערמאן און זיין כאנדע צעהוליען זיך אין לאגער אדער אין פאבריק,ווילן זיי דורך אונדז זיך טרייסטן פאר זייערע א מפלה אויף די פראנטן.

פריער האבן מיר געצאלט פאר די דייטשישע נצחונות,איצט צאלן מיר פאר זייערע מפלות.

<u>איך זע זיך דאס לעצטע מאל מיט מיין שוועסטער</u>

פון מיין גאנצער משפחה איז מיר געבליבן בלויז מיין איינציקע שוועסטער.די ארבעט די גאנצע צייט אויף ווערק צע.פון צייט צו צייט זע איך זיך מיט איר.יעדן חודש ווערן די פרויען פון ווערק צע געבראכט אויף ווערק א' אין באד אריין און מען דיזענפעקצירט דא זייערע זאכן.איך כאפ זיך דאן צו זען מיט מיין שוועסטער און טיילמאל געלינגט דאס מיר.יעדע אזא באגעגעניש מיט מיין שוועסטער איז א פרייד און נאך מער א טרויער.עס שניידט מיך ביים הארצן קוקנדיק אויף אויף איר. אויב מיר האבן באטראכט ווערק א' און אונדזער לאגער ווי דעם גיהנום אויף דער וועלט האט ווערק צע בעתאם דערצו נאך מער רעכט.דארט זיינען די באדינגונגען ביי דער ארבעט און אין לאגער געווען אויף א סך ערגער ווי ביי אונדז.דער טעראר פון דער דייטשישער און אוקראינישער עס-עס איז געווען א סך א שארפערער ווי ביי אונדז,אויך די יידישע שטאן און פאליציי האבן באנגעטאן זייער ביישפיל און האבן מיט אכזריותדיקער קאלטקייט געמאטערט די קאצעטניקעס.אויף ווערק צע זיינען געווען די שווערערע און שעדלעכערע אפטיילונגען פון אונדזער פאבריק. די ארבעט ביי די כעמישע מאטעריאלן ווי טראטיל און (פיקרין) האט ממש לעבעדיקערהייט

אויפגעגעסן די מענטשן.

מיין שוועסטער האט.די גאנצע צייט בעארבעט ביי טראטיל און מיר איז שוין גע-
ווען שווער,קוקנדיק אויף איר געלן אויסזען,זיך דערמאנען איר באטירלעכן
קאליר פון אמאל.זי איז שוין א לענגערע צייט געווען קראנק און האט זיך קוים
געהאלטן אויף די פיס.דאס לעצטע מאל ווען איך האב איר געזען האט זי געוויינט
פאר מיר ווי א קליין קינד,אז זי קאן עס שוין מער נישט אויסהאלטן און זאל זיין
וואס עס וויל זי וועט גיין אין שפיטאל אריין. איך האב געוויינט צוזאמען מיט איר און געבעטן,אז זי
זאל דאס נישט טאן,אז זי זאל זיך האלטן מיט אלע כוחות און נישט גיין אין שפי-
טאל,ווייל פון דארטן וועט מען איר ארויסנעמען און דערשיסן.מיין הארץ איז גע-
ווען נאך מער צעווייטאקט,ווייל איך האב גארנישט געקאנט טאן און מיט גארנישט
געקאנט העלפן מיין איינציקער קראנקער שוועסטער. איך אליין בין געווען נישט אין
קיין סך בעסערן מצב ווי זי.
מער האב איך שוין מיין שוועסטער נישט געזען.

אין אויגוסט,1944,ווען די נאציס האבן ליקווידירט דעם לאגער אויף ווערק צע
און די העפטלינגען ארויסגעפירט טיפער אין לאנד,איז מיין שוועסטער געלעגן א
קראנקע אין שפיטאל.צוזאמען מיט אלע קראנקע האט מען איר ארויסגענומען פון
שפיטאל און דערשאסן. (עמ' 106 לו"ז,ה,ו,ז,ח.)

וואס וועט זיין מיט אונדז?...

דער רוסישער פראנט דערנענטערט זיך צו סקארזשיסק.כאטש די דייטשן באמיען זיך
צו דערשטיקן זייער אומרויקייט און נישט-זיכערקייט פילן מיר
דאס גוט ארויס. מיר זייען נאך מער אומרויק
ווי די דייטשן,אונדזער גורל ווייגט זיך איצט אויף משקלות,וואס וועט זיין מיט
אונדז,וואס האבן די דייטשישע מערדער בדעה צו טאן מיט די עטלעכע טויזנט יידישע
קאצעטניקעס פון ווערק א'?מענטשן זאמלען זיך אין גרופן און רעדן ארום די לאגע,
מען זוכט עצות און פלענער ווי אזוי אין לעצטן מאמענט זיך צו קאנען ראטעווען,
אנטלויפן, זיך פארלאזן אויפן חסד פון די דייטשן איז נישטא וואס,זיי וועלן
אונדז ביז דער לעצטער מינוט פייניקן און א מינוט פארן
אנטלויפן און ראטעווען זייערע אייגענע פעל,וועלן זיי אונדז אלע אויסמאר-
דן.וואס טאן?פון איין זייט איז די באפרייאונג אזוי נאנט,ממש מיטן האנט אנצוטאפן און פון
דער צווייטער זייט שטייען מיר פנים אל פנים מיטן טויט.

## <u>ווערק צע</u>

ווערק צע איז געווען דאס שרעק־ווארט פון סקארזשיסקער לאגער. די וואס האבן נישט באצאלט מיטן גאלדיקן טויט, פאר א וועלכן עס איז "חטא", אויף ווערק א און בע זיינען אלס שטראף איבערגעפירט געווארן אויף ווערק צע, וואס דאס איז אויך געווען כמעט ווי א טויט־אורטייל.

אין דער צייט וואס איך האב געארבעט אין דער טראנספארט־אפטיילונג אויף ווערק א איז מיר עטלעכע מאל אויסגעקומען צו זיין אויף ווערק צע און זיך א ביסל באקענען מיט די דארטיקע באדינגונגען. דערגענצט דאס בילד האבן די דערציילונגען פון מיין שוועסטער בעת אונדזערע באגעגענישן.

ווערק צע איז להיפוך צום ווערק א, וואס איז געלעגן ביים סאמע וועג, געווען אריינגערוקט און פארמאסקירט אין א וואלד. דא זיינען געווען די הויפט־צעכן פון דער פאבריק, וואס האבן אויסגעארבעט וויכטיקע מלחמה־פראדוקציע ווי אונטערוואסער מינען, גראנאטן א.א. די דאזיקע אמוניציע איז אנגעפילט געווארן מיט פיקרין און טראטיל, כעמישע שטאפן, וואס האבן אלץ ארום זיך פארסמט. אין די צעכן 58,15,13,6 א.א. האט מען די דאזיקע כעמיקאליען געשטויסן, געמאלן, געקאכט אין קעסלען, דאס האט בסדר פארסמט די לופט ארום און די יידישע שקלאפן ארבעטער האבן אין משך פון געציילטע וואכן אדער חדשים באצאלט מיט זייער לעבן.

שוין דער ערשטער טאג ארבעט ביי פיקרין און טראטיל האט געלייגט זיין שטענדיקן חותם אויפן מענטש. נישט בלויז די זאכן אויף אים זיינען באלד געווארן געל און פארברענט, נאר אויך זיין אויסזען האט זיך גלייך געענדערט: די האר זיינען געווארן געל, דאס פנים באדעקט מיט געלע פלעקן, די הענט פארברענט און אין וואונדן. גלייך הויבט זיך אויך אן די איבערלעבנע פארסמונג פון ארגאניזם: דער מאגן הערט אויף צו פארדייען און גיט אלץ אפ צוריק, די ענגי ברעכן זיך און די פיס ווערן ווי אנגעגאסן מיט בליי. דאס עסן און אלץ וואס דו נעמסט אריין אין מויל איז ביטער, די ~~[illegible]~~קע לופט, וועלכע דו עטעמסט אריין איז אויך אנגעפילט מיט ביטערניש, א זאך וואס פארפאלגט דיך בסדר אן אויפהער.

אין פארמלחמהדיקן פוילן האבן די ארבעטער פון די דאזיקע שעדלעכע צעכן גענאסן פון באזונדערע פריווילעגיעס. אלע האבן געארבעט אין שוץ־מאסקעס, וואס האט אין א גרויסער מאס פארהיט, אז די שעדלעכע גאזן זאלן זיך נישט אריינבאקומען אין ארגאני·

זם,זיי האבן אויך געבאקן פון ספעציעלע צוגאב-שפייזן,ווי מילך,פעטס א.א. אייגס פון די וויכטיקסטע מאכמיטלען,וואס האט בייטראליזירט די שעדלעכקייט פון דער ארבעט איז געווען דאס,וואס נאך 2 שעה זיך געפינען אין איינעם פון די דאזיקע צעכן האט מען די אנדערע צוויי שעה געהוט אויף דער פרייער לופט. אויף אזא אופן איז מען אין די דאזיקע צעכן געווען באשעפטיקט בלויז פיר שעה א טאג.די באשעפטיקטע האבן אויך באקומען צוגעפאסטע ארבעטס-זאכן,שוך-הענטשקעס און אנדערע בויטיקע זאכן,וואס האט זיי ווי ווייט מעגלעך פארהיט דאס געזונט.

פאר די ידישע שקלאפן-ארבעטער האבן די דאזיקע עלעמענטארע שוץ-מיטלען נישט עקזיסטירט.דאס איז נאך געווען ווייניק פאר די דייטשן,האבן זיי אלץ געטאן כדי נאך מער צו פארערגערן די אזוי אויך אוממענטשלעכע באדינגונגען.

האלע 13

צווישן די עטלעכע צענדליק האלעס אויף ווערק צע איז די האלע 13 געווען א שם דבר,וואס האט אויף אלעמען אנגעווארפן א פחד.אין האלע 13 האט מען אויסגע-ארבעט אונטערוואסער מינען,וועלכע זיינען געווען אנגעפילט מיט פיקרין.אויסגע-קליבן אהער האט מען די יינגסטע און שטארקסטע בחורים און מיידלעך.אין א פאר טעג ארום האט מען זיי שוין נישט געקאנט דערקענען,זיי האבן פארלוירן זייער אינדיווידועלן אויסזען און געשטאלט,זיי זיינען געווארן,ווי מען האט זיי גע-רופן אין לאגער:פיקרינער.

א פיקרינער האט זיך אויסגעטיילט פון אלע איבעריקע לאגערניקעס און קיינער האט אים נישט געדארפן פרעגן אין וועלכן צעך ער ארבעט.זיין געלער אויסזען און אנטאן האט עס שוין געזאגט פאר אים.צוליב דעם,וואס די כעמישע שטאפן האבן פאר-ברענט און פארניכטעט די בגדים,זיינען די פיקרינער געווען אנגעטאן אין די ערגסטע לאכעס און שמאטעס.ס'רוב איז זייער אנטאן באשטאנען פון א געמיש פון שמאטעס און פאפיר,די אויסגעברענטע לעכער זיינען געווען פארלאטעט מיט פאפיר און אלץ צוזאמען ארומגעבונדן און צוגעשפעפט מיט דראטן.אין דאזיקן הי-לוך האט מען געקאנט טרעפן דעם פיקרינער צו יעדער צייט אין מעת-לעת.קיין העמד האט קיינער פון זיי נישט פארמאגט,אויך נישט קיין אנדער בגד איבערצוטאן,איז צוליב וואס זיך אויסטאן אויף בייטאכט,בפרט ווען דאס אפדראטעווען און אראפנע-מען פון זיך די שמאטעס איז נישט פון די לייכטע זאכן און האט געפאדערט צייט.

די פיקריינער האבן געווידנט אין באזונדערע באראקן נומער 11 און 12,ווו די לופט איז געווען אדורכגעזאפט און פארסמט מיט דער שלעכטער ביטערניש וואס אין צען.די ראזיקע באראקן זיינען געווען די איינציקע אין אלע דריי ווערק וווּ עס זיינען נישט געווען קיין לייז און אנדערע אומפלייט.אין דער ראזיקער פארסמטער לופט האבן זיי נישט געקענט אויסהאלטן.די פיקריינער זיינען געווען איזאלירט און מען האט זיי גענומען ווי מצורעים.אפילו די אייגענע קאצעטניקעס האבן זיי אויס געמידן און זיך געהאלטן פון זיי פון דער ווייטנס.אז א פיקריינער פלעגט אריינקומען אין אן אנדער באראק האט מען איידער מ'האט אים אאאאא געזען פריער דערשפירט לויטן ריח.

די פיקריינער האבן נישט געקאנט פירן א ווועלכן ס'איז אויסטויש-האנדל.אלץ מיט וואס זיי זיינען געקומען אין בארירונג איז גלייך אדורכגעזאפט געווארן מיט דעם ביטערן ריח און פארלוירן זיין נאטירלעכן אויסזען און טעם.ברויט,זופ,אלע שפייז-ארטיקלען,וועלכע די פיקריינער האבן געגעסן,האבן געהאט איין און דעם זעלבן טעם - ביטער.

דער מייסטער פון צעך איז קיינמאל נישט אריינגעקומען אינעווייניק אין האלע. זיין אנווייזונגען אין צעך איז טיידור געווען איבעריק,די נארמע האט מען געמוזט מאכן,אנדערש איז מען גערן דארט נישט ארויס.די נארמע איז בסדר פארגרעסערט געווארן.פארן קריג האט מען אין משך פון טאג געמאכט דריי קעסטלעך,איצט איז די נארמע בסדר געשטיגן און האט דערגרייכט עלף קעסטלעך א טאג.דאס אלץ צוזאמענגענומען: די איבערמענטשלעכע נארמעס,בסדרדיקע קלעפ,שלעכטע דערנערונג האבן זייער שנעל ארויסגעעבדיקט די פיקריינער.אזוי זיינען פון 26 העפטלינגען,וועלכע האבן געארבעט ביי די קעסלען מיט פיקרין,17 געשטארבן אין משך פון עטלעכע חדשים.

ביים ליקווידירן דעם לאגער,ווען מען האט די איבערגעבליבענע העפטלינגען ארויסגעפירט טיפער אין דייטשלאנד,האט מען די פיקריינער,די געלע מענטשן,נישט געוואלט ווייזן פאר דער וועלט און מען האט זיי אלע דערשאסן.

האצע 28

פון 2.200 בראנאטן אין א שיכט איז די נארמע בסדר געשטיגן און לסוף דערגרייכט די ציפער 5.500.פינף טויזנט פינפהונדערט בראנאטן האבן טעגלעך געמוזט אדורכגיין די הענט פון יעדן ארבעטער אויף דער האלע 58.5.500 בראנאטן האבן געוואגט אין א

ווילדן געיעג איבער דעם אבדערן, אן אריפהער, אן אפשטעל. קיין סעקונדע אפרו, קיין סעקונדע אפגרייכן פון דער ארבעט איז נישט מעגלעך געווען – די מאשטע האט געיאגט. און ווען ביי איינעם פון די ארבעטער האבן די געשוואלענע הענט נישט אזוי שנעל מאנעווירירט ביים בראנאט האט די בייטש פון אויפזעער מאמענטאל זיך אריינגע-שניטן אין זיין גוף. פון גוף, פון פנים טריפט בלוט, נישט ווען עס אפגעווישן, די אויפזעער שטייען גרייט מיט די פייטשעס; נאך א שמיץ, נאך א שמיץ, אלסט אוועק און דעמאלט איז דער איינציקער וועג צום שיס-פלאץ.

דער געדאנק וועגן שיס-פלאץ האלט די מענטשן געשפאנט אין גאנג פון פיר און צוואנציק שעה אין מעת-לעת. די מורא פארן שיס-פלאץ איז די טרייב-קראפט וואס פירט אן מיטן לעבן אין לאגער. דער שיס-פלאץ איז א קאמפליאוש וואס פארשטעלט פאר די אויגן פון די העפטלינגען אלע אנדערע וועגן וועלכע פירן צום טויט. אין געיעג אויסצופירן די איבערמענטשלעכע נארמעס האט מען איינגאנצן פארקוקט אויף די מינני-מאלסטע פארזיכטס און פארהיטונגס מיטלען ביי דער ארבעט. זייענדיג דעריבער עקספלא-זיעס אן אפטע דערשיינונג אין די האלעס וווּ מען ארבעט ביי אויפרייס-שטאפן, און זיי נעמען צו xxxxxxxxxxxxxxx נישט ווייניק מענטשלעכע לעבנס. דערביי מיידן די קרבנות xxxxxxxxx נישט אויס אין לעצטן מאמענט דעם שיס-פלאץ. נישט לאנג נאך דעם ווי מען האט געבראכט קיין סקארזשיסק א טראנספארט פון קראקע איז אויף דער האלע 58 פארגעקומען אן אויפרייס. די פארווונדעטע פויליש ארבעטער האט מען באלד אפגעפירט אין שפיטאל. דאקעגן די יידישע פארוווּנדעטע האט מען געלאזן זיך כאטערן אויף אן ארט ביז וואנען די קאמיסיע, וואס האט אויסגעפארשט דעם אויפרייס, האט בעענדיקט איר ארבעט און דעמאלט האט מען xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx אבט פארברענטע יידישע העפטלינגען אפגעפירט אויפן שיס-פלאץ און זיי דארטן xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx אויסגעענדיקט.

אויף האלע 58 האט געארבעט א געוויסע צאל עלטערע פרויען. זייער גורל איז געווען נאך שווערער און טראגישער ווי פון די איבעריקע העפטלינגען. נישט קיין סך עלטערע מענטשן האבן זיך געפונען אין די לאגערן. זיי זייענען ביי די פארשיידנסטע סעלעקציעס געווען די ערשטע וואס זייענען באשטימט געווארן אין די גאז-אויוונס און שיס-פלעצער. דאך איז איינצלנע פון זיי געלונגען זיך אדורכצושליסן דורך די ענגסטע אויגן פון די דייטשן. xxxx מיטן פלאשאווער טראנספארט וואס איז אנגעקומען קיין סקארזשיסק האבן זיך אויך געפונען עלטערע פרויען. שוין ביים ערשטן אפעל, ווי

מען האט די ביי־געקומענע פארטיילט צו דער ארבעט האבן די"עלטערע פריער זיך געזען מיטן פלאן – חברה. די מייסטערס פון די צעכן האבן זיי נישט געוואלט נעמען צו דער ארבעט און אזא מיט וואס דאס שמעקט האבן זיי זייער גוט געוואוסט – די וועלכע זיינען נישט כאטשיטס געווארן צו קיין ארבעט + זיינען געגאנגען גרב טויט. גרם טורף האט זיך ארויף זיי "מרחם"געווען דער מייסטער פון האלע 58 און זיי גענומען צו זיך אין צעך. די דאזיקע פריען ווייסנדיק ווי אזוי מען קוקט אויף זיי האבן געארבעט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג. געהאלפן האט עס זייער ווייניק. זיי זיינען געווען דער שעיר לעזאזל, אזא די צום מערסטן פארפאלגטע און געפייניקטע. פאר זיי איז דאס לעבן אין לאגער געווען טאפלט שווער ווי פאר זייערע יינגערע אח לצרה, און זייער קאמף פארן לעבן, פאר איבערן לעבן, איז געווען א פיינלעכער און טראגישער.

טויט און פארוויילונג

טויט און פארוויילונג איז ביי די דייטשן געגאנגען האנט בא האנט. פאר צייטן די טעפליצע אויף די העלדזער פון זייערע קרבנות האבן זיי ליב געהאט ארבעטער די קלאנגען פון מוזיק, ביקסן־זאלפן און לעצטע גסיסה־קרעכצן האבן זיך אויסגעמישט מיט טרויעריקע נארישן אדער סענטימענטאלער ציגיינער מוזיק, וואס דער ארקעסטער האט דערביי געשפילט מיט דער גרעסער פייערלעכקייט.

אין טאל פון פיין און טויט, וואס ווערט צו האט מיט זיך פארגעשטעלט, אין דאזיק גיהנום פון מענטשלעכע ליידן, האבן די דייטשן נישט פארגעסן איינצוארדענען ארטיסטישע ארויסטרעטן און קאנצערטן אויסגעפירט דורך די יידישע העפטלינגען. די דאזיקע קאנצערטן האבן געדארפט דינען נאך א צילגערייטן דעם לאגער פאר דער דורכזיכטיקער וועלט אין דער פארקערטער ליכט אין וועלכער ער האט זיך פאקטיש געפונען. די קאנצערטן זיינען פארגעקומען אויף א פרייער לאנקע הינטער די באראקן און פון יעדער זייט דראטן האט די פוילישע באפעלקערונג פון סקארזשיסק זיך געקאנט צוקוקן צו די פארוויילונגען. אויסטיילנדיק דערפון וואס זיי האבן דא געזען, האט קיין אנדער מיינונג און איינדרוק נישט געקאנט זיין, אז די יידן לעבט זיך דא נישט שלעכט, אויב זיי ליגט אין זינען איינצוארדענען אזעלכע קאנצערטן און אונטערנעמונגען.

צווישן די העפטלינגען האבן זיך געפונען א סך טאלאנטירטע מענטשן מיט ארטיסטישע פעיקייטן: זינגער, רעציטאטארן, שרייבער א.א. זיי האבן עס צונעמענדיק און אויס

געפירט זעג פראגראם פון ארבעט.אין פראגראם זיינען געווען כאראלע ארויסטריטן, סצענען,רעציטאציעס אין יידיש,העברעיש און פויליש.

די טקעסטן האבן אפט באהאנדלט דאס לעבן אין לאגער און אין א בילדיקער פארם ארונטערגעריסן די יידישע פראמינענטן,די אלערליי מאכער,וועלכע האבן אנגעפירט מיטן איבערלעבן לעבן אין לאגער,פון וועלכע די העפטלינגען האבן געהאט ארויסגעשטיי-בערענטע צרות.די ארטיסטן,וועלכע האבן ארונטערגעריסן די יידישע לאגער-עלטסטע האבן דערנאך טייער באצאלט - די פראמינענטן האבן זיך מיט זיי ביטער אפ-גערעכנט,זיי איבערגעשיקט ארבעטן אין די ערגסטע האלעס,זיי געטריבן אויף שריט און טריט.

די פוילישע באפעלקערונג פון ארום האט זיך צוגעקוקט צו די פארוויילונגען, געזאגט און גענץ-נאענט און האט געקוועטשט מיט די פלייצעס:צי זיינען עס די זעלבע העפטלינגען,וועגן וועלכע מען דערציילט,אז זיי לעבן אין די ערגסטע באדינ-גונגען,אז זיי זיינען אלע פארשטאפט ארום טויט,אז זיי ווערן מאסנווייז פארניכטעט און אומגעבראכט?!וואס גלויבן:די קרוסירנדיקע קלאנגען,אדער דאס וואס די אויגן זעען?!

אויך ביי די העפטלינגען גופא האט דאס געשאפן פאלשע אילוזיעס,געוועקט האפענונ-גען,אז פון פארוויילונג ביז צום טויט איז דא א געוויסער מרחק,ריכטאנג.זיי האבן אין דעם מאמענט ווי פארגעסן,אז ביי די נאציס איז טויט און פארוויילונג געבונ-דן געווארן,אז מענטשלעכע ליידן און טויט איז פאר די דאזיקע "איבערמענטשן" געווארן א טייל פון זייער פארוויילונג.

<u>בראנאמן אנגעפילט מיט זאמד</u>

אין די שפילערלעכע באדינגונגען פון די דייטשישע לאגערן איז כמעט ווי אוממעג-לעך געווען צו ארגאניזירן א ווינקל ס'איז ווידערשטאנד און דאס זעלבע אויך סא-באטאזש-אקטן.די העפטלינגען זיינען אין משך פון פיר און צוואנציק שעה אין מעה-לעת געווען אונטער דער כסדרדיקער אבסערוואציע און טעראר פון די דייטשן.אנקניפן א פארבינדונג מיטן דרויסן איז געווען כמעט אן אוממעגלעכע זאך,אפילו צווישן זיך אין זעלבן לאגער איז אפט שווער געווען זיך צו קאמוניקירן,מען האט אויף קיין סעקונדע ניט געקאנט פארלאזן דעם ארבעטס-פלאץ.און דאך זיינען אין די לאגערן, ניט געקוקט אויף דעם אלעמען,פארגעקומען אקטן פון ווידערשטאנד און אויפשטאנד,

אקטן פון סאבאטאזש,פון די לאגערן איז געגאנגען הילף פאר די פארטיזאנער.

אויך אין סקארזשיסקער לאגער xxxxxxxxxxxx איז אנגעגאנגען א ספאנטאנע xxx די אויך אן ארגאניזירטע סאבאטאזש-ארבעט,פון דאנען האט אויך געשטראמט הילף צו די פארטיזאנער.

אין יאנואר 1944,אין מיטן חעלן אג בעתן מיטאג-איבערייס,זיינען פלוצים פאר שוואונדן פון מאגאזין צוויי קאסטנס מיט אמוניציע.באלד זיינען געקומען צולויפן די דירעקטארן פון פאבריק און ס'האט זיך אנגעהויבן אן אויספארשונג.זיי האבן פארהאלטן עטלעכע עלטערע יידישע פרויען,גלייכנדיק אז פון זיי וועט זיין צומלייכ טסטן עפעס ארויסצופרעסן וועגן די פארשוואונדענע קאסטנס.די פרויען האט מען גע-פייניקט מיט אלערליי עינויים און געשראקן מיט דערשיסן,אויב זיי וועלן נישט ארויסגעבן,ווער ס'איז באטייליקט אין פארשווינדן פון די אמוניציע.

אין לאגער האט מען געשמועסט,אז דאס איז נישט דער ערשטער פאל פון ארויסגעבנ נען אמוניציע,וואס ווערט איבערגעגעבן צו די פארטיזאנער.מ'האט אויך גערעדט ווע-גן א געהיימער ארגאניזאציע,וועלכע ארבעט צווישן אונדז און וועלכע איז זייער גוט פארקאנספירירט.

פון די געפייניקטע פרויען האבן די דייטשן גארנישט געקאנט ארויספרעסן וועגן די פארשוואונדענע קאסטנס.דאן האבן זיי איינעם פון די מאגאזינירן דערשאסן אויף אן ארט און צוויי אנדערע זיינען אוועקגעפירט געווארן קיין קעלץ,וווּ זיי זיינען ווארשיינלעך פארפייניקט געווארן. *) ([illegible])

אין מייל צעבן איז אנגעגאנגען א סיסטעמאטישע סאבאטאזש-ארבעט אין רעזולטאט פון וואס די ארויסגעשיקטע אמוניציע אויף די פראנטן האט מיט זיך פארגעשטעלט ווערטלאזן שמעלץ:די קוילן, גראנאטן און מינעס האבן נישט אויפגעריסן.

אין דער זעקסטער און דריי און פופציקסטער האלע האט מען אין די קעסטלעך מיט טראטיל געשאטן זאמד און אין די קעסטלעך ווו דער טראטיל האט זיך געקאכט,האט מען געגאסן וואסער.אין די קעסטלעך האט מען געפאקט נאסעדיקן טראטיל,וואס האט צו גארנישט געטויגט.

אין דער פיר און צוואנציקסטער און פינף און אכציקסטער האלע איז די סאבאטאזש-ארבעט באשטאנען אין דעם,וואס מען האט די גראנאטן נישט צוגעדרייט אזוי פעסט ווי ס'איז נייטיק געווען.אזעלכע גראנאטן זיינען געווען נישט מער ווי שמעלץ - זיי האבן קיינמאל נישט אויפגעריסן.

די מייסטערס האבן כסדר קאנטראלירט די פראדוקציע, אבער ווי נאר זיי זיינען אפגעגאנגען פון איין ארט, האט מען די גראנאטן ווידער נישט געגעבן שטארק צוגעדרייט און זיי ארויף נעבעל איינגעפאקט אין די קאסטנס.

די שטענדיקע טויט-געפאר, וואס איז געהאנגען איבער די קעפ פון די דאזיקע העלדישע יידישע הפטלינגען — מענער און פרויען — האט זיי נישט איבערגעשראקן, האט זיי נישט אפגעהאלטן פון טאן זייער הייליקע ארבעט.

*) לויט די קלאנגען, וואס האבן קורסירט אין לאגער, זיינען די יידן געשטאנען אין פארבינדונג מיט א פוילישן באן-מאשיניסט, וועלכער האט מיטגעארבעט מיט די פארטיזאנער. ער האט געהאלפן ארויסשמוגלען און איבערגעבן די פארטיזאנער די אמוניציע, וועלכע די יידישע ארבעטער האבן אויף די פארשידנסטע אופנים און שטענדיק אונטער טויט-געפאר, ארויסגעטראגן פון די צעכן.

ארבדזער גאנצער טראכטן און זוכן עצות פירט צו גארנישט.מיר זייבען אין א טייב ~~צו~~ די דייטשן ~~אין די העכט און~~ זיי קאנען טאן מיט ארבדז וואס זיי ווילן. די מערסטע פון ארבדז זייבען צעבראכענע שארבנס,וועלכע זייבען נישט בכוח נישט נאר ארבטערצובעמען וועלכע ס איז שריט,באר אפילו צו באשליסן עפעס.דערפאר האבן די באציא געטראכט וועגן ארבדז.ביז צו די לעצטע קאבוואלסיעס זייערע האבן זיי דעם יידיש קרבן נישט ארויסגעלאזן פון xxxxxxx די העבט.אליין אנטלויפנדיק צו ראטעווען זייער פעל האבן זיי די יידישע קאצעטניקעס געפירט מיט זיך כדי זיי ארויסצומארדן.

דעם פינפטן אויגוסט 1944 קומט א באפעלא ,אז אלע xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx פרויען און מענער,ביז איינעם,זאלן זיך גלייך שטעלן אויפן גרויסן פלאץ נישט ווייט פון לאגער.צווישן די עטלעכע טויזנט יידישע קאצעטניקעס ברענט אויס א פאניק און יללה:צי איז דאס נישט ארבדזער סוף?טראכטן איז נישטא ווען,די יידישע פאליציי לויפט ארום און יאגט:שנעל,שנעל!

אפר פלאץ איז פול מיט דייטשישער און אוקראאינישער עס-עס,מיט מאשין-געווער אין די העבט.מיר ווערן אויסגעשטעלט צו 5 אין א ריי,מענער באזונדער און פרויען באזונ-דער.באלד לויפן אן לאסט-אויטאס מיט באוואפנטע עס-עס און זיי פירן ארויס אלע קרא-קע פון שפיטאל.מיר שטייען ~~אלע~~ מיט אפגעשטארבענע הערצער,אין דער לופט שפירט זיך דער אטעם פון טויט,צי זייבען מיר אלע פארמשפט צום אומקום?די קראנקע ווערן אנגע-לאדן אויף די אויטאמאבילן.צווישן זיי איז אויך דא א סקארזשיסקער מיידל,נחום קצבס טאכטער,וועלכע האט געלאמט א ביסל אויף א פוס.זי בעט זיך ביי קילערמאנען ער זאל איר לאזן לעבן,אז זי האט די גאנצע צייט אין לאגער געארבעט און וועט ווייטער אויך קאנען ארבעטן.זי קושט קילערמאנען די הענט און ווייבט,ער זאל איר נישט שיקן צום טויט.דער הויקער גיט אפילו נישט קיין פינטל מיטן אויג און הייסט די אוקראאינער איר ארויפשמייסן אויפן וואגן.

אין טראנספארט האט געארבעט א יונגערמאן,מאיר,מיט א שטיקל צייט צוריק איז אxxx ביי דער ארבעט געשען מיט אים אן אומגליק,א שטיק אייזן איז אים ארויפגעפאלן אויפן פוס און איר צעבראכן.קילערמאן הייסט ~~אויך~~ אים ארויפגיין אויפן אויטא.מאיר ווייסט, xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx וואס עס באדייט דאס ארויפגיין אויפן אויטא און ער בעט זיך רחמים ביי קילערמאנען,אז ער האט עטלעכע יאר שווער געארבעט אויף ווערק א' איז פארוואס שיקט ער אים איצט צום טויט?!קילערמאן חזרט אים איבער דעם באפעל ארויפ

צוגיין אויפן אויטא.מאיר פירט דעם באפעל נישט אויס,באר שטעלט אן א געביילן

פויסט צום לאגער-שעף און רופט אויס צו אים:דו הויקער,דו מעלעיער,איך וועל אויס

אויטא נישט ארויף!קילערמאן כאפט ארויס זיין פיסטאלעט און עטלעכע קוילן לעבערן

אדורך די קאפ פון העלדישן יידישן יונגעבמאן.

די אויטאס מיט די קראנקע ווערן אויף שנעל אנגעלאדן און גייען אוועק אין דער

ריכטונג פון ווערק צע.אונדז פירט מען צו די וואגאנען,וועלכע שטייען אוועקגעשטעלט

אויף די באן-רעלסן.

<u>אין די וואגאנען</u>

מיר ווערן איינגעשטופט צו 50 מאן אין וואגאן,מענער באזונדער און פרוי-

ען באזונדער.די עס-עס יאגט און שלאגט:שנעל,שנעל!נאכן אנלאדן די וואגאנען ווערן

זיי פארמאכט און פארשלאסן.אין די וואגאנען ווערט באלד שרעקלעך היים און שטיקנדיי

נישטא מיט וואס צו אטעמען.דאס רופט ארויס א שטארקן דורשט,אבער שטילן

דעם דורשט איז נישטא מיט וואס.אונדזער גאנצער זאפאס באשטייט פון 2 עמער

וואסער און קיינער פון אונדז ווייסט נישט ווי לאנג מען וועט זיין אין די וואגאנ-

נען,האבן מיר באגרענעצט דאס נוצן וואסער צו 2 טעפעלעך א טאג.כמעט דעם ערשטן מאל

טרעף איך זיך אן אויף אזא דערשייגונג,אז קאצעטניקעס זאלן נישט איינשלינגען פאר

איין מאל דאס ברויט וואס זיי האבן.דא אין וואגאן האב איך דאס געזען,ווי מען האט

האלט דאס ברויט און מען קאן אים נישט אראפשלינגען צוליב דער מאטערנדיקער שטיקע-

נישט און דורשט.עס פאלט צו די נאכט,פאר אלעמען איז נישטא קיין ערטער זיך

צולייגן.טוישט מען זיך:איין גרופע לייגט זיך צו כאפן א דרימל און

די צווייטע גרופע ווארט אויף איר ריי.וור צו דערלייזיקן די פיזיאלאגישע באדערפע

נישן איז נישטא.מענטשן באקומען קרעמפן און האלטן זיך ביי די ביינער.

א אורין לאזט מען אויף אן ארט.די לופט ווערט נאך מער פארסמט און יעדן מאל פאלט

אימיצער אוועק אין חלשות.דאס וואסער איז שוין אויסגעגאנגען און סאיז נישטא מיט

וואס אפצוטינטערן די פארחלשטע.

דורכן איינציקן קליינעם פענסטערל קוקן מיר ארויס אין וועלכער ריכטונג און

וווהין מען פירט אונדז.ס'איז שווער זיך צו אריענטירן און יעדער איינער רוקט

ארויס אנדערע השערות.דער גרעסטער טייל איז אזוי אויסגעשעפט און אפגעשוואכט,אז

זיי ווייזן שוין נישט ארויס קיין שום פאראינטערעסירונג און א סך פון זיי בעטן,

אז זאל שוין זיין וואס עס וויל אבי פטור ווערן פון די צרות.

נאך א טאג און א נאכט זיך שלעפן זיינען מיר אנגעקומען קיין טשענסטאכאו,
xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx די וואגאנען ווערן אויפגעשלאסן און מען פירט אונדז ,
דערליידיקן די מענטשלעכע באדערפענישן.א סך מענטשן האלטן זיך קוים אויף די פיס,
זיי וואקלען זיך אזוי ווי שיכורים.נאך עטלעכע שעה שטיין אין טשענסטאכאו ווערן
מיר צוריק פארשפארט אין די וואגאנען.די שעהען ציען זיך ווידער פיינלעך לאנג,די היץ,
די שטיקעניש און דער דורשט מאטערן אונדז אויס ביז צום רעשט.xxxxxx

מיר פארן פארביי ברעסלאו,בערלין און קומען אן קיין לייפציק.דא ווערן אלע
פרויען אויסגעלאדן און אוועקגעפירט.מיט שטומען ווייטיק קוקן זיך די מענער צו
ווי עס ווערן אוועקגעפירט זייערע טייערסטע,די איינציק נאנטע וועלכע זיי האבן
נאך.א סך מענער זיינען מיט דער צייט געווארן זייער צוגעבונדן צו די "קוזינקעס"
און איצט שטייען זיי הילפלאזע און קוקן ווי מען פירט זיי אוועק און ווער ווייס
צי xxxxx מען וועט זיך נאך אמאל טרעפן.די השערות זיינען,אז די פרויען וועלן דא ארבעטן אין די אמוניציע-פאבריקן און אויך אונדז פירט מען אויף ארבעט.
אבער ווער ווייסט די נאצישע פלxxx,וואס זיי האבן פארטראכט וועגן אונדז און
וועלכע נאך טייוולאנישע פלענער זיי קאנען פארטראכטן?!

נאך עטלעכע xxxxxxxxxxxx קאשמארפולע טעג און נעכט זיינען מיר בע-
בליבן שטיין אין בוכענוואלד.

## 3. ב_ו_כ_ע_נ_ו_א_ל_ד

### וואס דערווארט אונדז דא?

דער נאמען בוכענוואלד איז מיר גוט באקאנט.די עקזיסטענץ פון לאגער ציילט זיך ~~פון זינט היטלערס קומען צו דער מאכט~~ באלד פון יאר 1937.דא אחער זיינען באלד אין די ערשטע ~~טעג~~ יארן פון דער נאצישער הערשאפט פארשיקט געווארן די פאליטישע קעגנער,אין דער ערשטער ריי די ~~ליבקע~~ ארבעטער-טוער. אין די מלחמה-יארן,ווען די נאציס האבן אקו-פירט א סך אייראפעישע לענדער,האבן זיי אויך די דארטיקע אר-בעטער און לינקע טוער אהער ארויסגעשיקט.ווען מען האט אונדז געבראכט קיין בוכענ-וואלד האבן זיך דארטן געפונען ארום 60.000 פאליטישע העפטלינגען פון גאנץ איי-ראפע.

מיר געפינען זיך אויף א גרויסן פלאץ פון בוכענוואלדער לאגער. ~~נבי~~ פארמאטערט און חלושותדיק ארויסגעשעפט ~~מיר זיינען נישט~~ זיינען דאך אלע אונדזערע חושים געשפאנט און זוכן אן ענטפער אויף דער פראגע:וואס דערווארט אונדז דא?מיר קוקן זיך ארום אין אלע זייטן,זעען די באראקן ~~פון לאגער~~,זעען פיל מענטשן זיך באוועגן,אבער קומען אין קאנטאקט מיט זיי זיך עפעס דערוויסן קאנען מיר נישט.מיר שטייען אויס-געשטעלט אין רייען און ווארטן אויף די באפעלן פון דער ~~לאגער~~-מאכט.אין משך פון די ~~לאגער~~-יארן האט ~~מיר זיך שוין צוגעוווינט צו~~ מען געווינט אויסצופירן טאן אלץ אונטער א קאמאנדע:שטיין, מארשירן,עסן,שלאפן,דערליידיקן די מענטשלעכע באדערפענישן,אלץ טוען מיר לויט א באפעל.איצט שטייען מיר לויטן באפעל ארויסגעשטעלט אין רייען און ווארטן וואס מען וועט אונדז הייסן ווייטער טאן.

ענדלעך קומט די ווייטערדיקע פארארדענונג צו פירן אונדז אין באד און די ערשטע רייען ווערן אוועקגעפירט.צוריק קערן זיי זיך ~~שוין~~ נישט אום,זיי ווערן ארויס-געפירט דורך אן אנדער אריינגאנג,אזוי אז מיר קאנען זיך נישט דערוויסן וואס פארא פראצעדור מען גייט דארט אדורך.עס קומט אויך מיין ריי.איך גיי אריין אין א ריזיקן בנין,וווּ מען הייסט מיר אראפווארפן די זאכן און גיין אונטערן פרישניץ זיך ארומוואשן.פארן וואשן זיך דערזע איך א קראן פון קאלט וואסער,איך כאפ זיך צו טרינקען און קאן זיך ~~פשוט~~ נישט אפרייסן,אלץ אין מיר איז פארטריקנט פון די עטלע-

כע טעג פארן אן וואסער.זיך אבגעטרונקען,ביי איך ארבעטער מיט פרישביץ און
דערפיל באלד דעם ווונדערבארן כוח פון וואסער,איך פיל ווי דאס לעבן הויבט אן
צוריק צו פולסירן ביי מיר פונקט ווי איך וואלט באקומען א טראנספוזיע פון פריש
בלוט.ביים ארויסגיין פון פרישביץ שטייט א העפטלינג ביי דער וואנט
און הייסט אפטונקען דעם קאפ אין דער רויטער פליסיקייט,וואס געפינט זיך דארט.
די רויטע פליסיקייט שרעקט מיך און איך קאן זיך נישט אנטשליסן דערויף.דער העפטל
לינג קלערט נישט לאנג און טונקט מיר מיט כוח אפ דעם
קאפ אין דער פליסיקייט,וואס איז א דעזינפעקציע מיטל.פון באד פירט מען אונדז
אין די קליידער-מאגאזינען,ווו מיר באקומען נייע לאגער-קליידער.
דער ווייטערדיקער וועג פירט אונדז אין לאגער-קאנצעליאריע.דא ארבעטן בלויז פא-
ליטישע העפטלינגען,וועלכע פירן אדורך די רעגיסטראציע פון די ניי-אנגעקומענע.
מען פארשרייבט מיין נאמען,פראפעסיע און מען פרעגט מיר אויך,ווי אזוי מען האט
אונדז באהאנדלט אין סקארזשיסקער לאגער און צו וואס פאר א פארטיי איך האב געהערט.
איך ענטפער דאן,אז איך בין אן אומפארטייאישער און האב נישט באלאנגט צו קיין שום
פארטיי.זיי דערקלערן מיר,אז דא האב איך נישט וואס מורא צו האבן און קאן זאגן
דעם אמת אויב איך האב געהערט צו אן ארבעטער-פארטיי,דא בין איך שוין נישט ארבעטער
דער ממשלה פון די נאצים און ס'וועט מיר קיין שום בייז נישט געשען.מיין דערקלערונג
האט געשטימט מיטן אמת און איך האב איר נישט געענדערט,און ווען זי שטימט נישט
מיטן אמת וואלט איך איר אויך נישט געענדערט.ווער ווייסט וואספארא דייטשישער
טריק דאס איז און וואס פאר א טייערן פרייז דו וועסט דערנאך דערפאר באצאלן!

פון קאנצעלאריע פירט מען אונדז אויפן גרויסן לאגער-פלאץ ווו מיר באקומען
ברויט-פארציעס און זופ.אין פארגלייך מיט די סקארזשיסקער זופן איז די געשמאקער
און נארהאפטער.פאר אונדז איז עס א געוויסער קאמפאס,וועלכער ווייזט אונדז אויף
די באדינגונגען אין דעם לאגער.לויט דער צאל שטיקלעך קארטאפל אין דער זופ
מעסטן מיר וועלכער לאגער איז בעסער. דערווייל פאלט צו די נאכט.מען פירט אונדז
אריין אין די באראקן.קיין פרישעס זייבען דא נישטא און מיר וועלן דארפן שלאפן
אויף דער ערד,דערפאר באקומען מיר אבער קאלדרעס זיך צוצודעקן,די קאלדרעס האבן
פאר אונדז א צווייענדיקע באדייטונג:זיי שיצן פון קעלט און זיי גיבן צו
חשיבות דעם העפטלינג,ער האט עפעס אין זיין פערזענלעכן רשות,טיילמאל איז

דאס די איינציקע זאך, וואס ער פארמאגט.

א מידער, א צעבראכענער ליב איך אויף מיין געלעגער און מיין מוח איז פארנומען מיט איין איינציקער מחשבה, מיט איין און איינציקן געדאנק: וואס דערוואַרט אונדז דא אין בייעם לאגער? לויט די ערשטע קארגע איינדרוקן איז שווער צו משפטן, שווער צו באַשטימען, דאך וואלט איך שוין דא געוואלט בלייבן צוזאמען מיט די 60.000 פאליטישע העפטלינגען.

## איך ראטעווע מיינעם א בעל-טובה

דעם צווייטן טאג, גלייך אין דער פרי זיינען געקומען צו אונדז די פאליטישע העפטלינגען און געהייסן אלע פון סקארזשיסקער טראנספארט זיך אויסשטעלן צו אן אפעל. זיי ציילן צי ס'שטימט די צאל, וואס איז אבגעגעבן געווארן מיט די וועלכע געפינען זיך אויפן פלאץ. נאכן פעסטשטעלן, אז די ציפער שטימט ווענדן זיך די פאליטישע העפטלינגען צו אונדז מיר זאלן זיי אנווייזן אויף די יידישע פאליציאנטן, שעפן און אנדערע פראמינענטן, וועלכע האבן אונדז אין סקארזשיסקער לאגער שלעכט באהאנדלט און געשלאגן. דא האבן מיר נישט וואס מורא צו האבן און מיר קאנען דרייסט אנווייזן אויף זיי און זיי וועלן דערפאר טייער באצאלן. א סך פון אונדז האבן אנגעהויבן אנווייזן [illegible] און אויף וועמען אנצווייזן איז געווען, לײדער, האבן זיך צווישן [illegible] דער יידישער פאליציי, פאר-ארבעטער, שפיטאל-אויפזעער געפונען אזעלכע וואס זיינען אונדז גוט אריין אין די ביינער. די דאזיקע האט מען איצט געהייסן ארויסגיין פון די רייען. די פאליטישע העפטלינגען האבן זיי אוועקגענומען און מיר האבן זיי מער נישט געזען.

צווישן די אויף וועלכע מען האט אנגעוויזן איז אויך געווען דער געוועזענער פון סקארזשיסקער לאגער, מיין לאנדסמאן, אלבירט, דער זעלבער וואס האט מיר אמאל [illegible] דורך געבן געזונטע פעטש אפגעראטעוועט פון טויט. איצט האט ער זיך אויף דעם פאררופן און אנגעוויזן אויף מיר, אז איך קאן דאס באשטעטיקן. איך האב תיכף באשטעטיקט, אז אלבירט האט מיר געראטעוועט פון טויט און אז ער איז אן אנשטענדיקער מענטש. אזוי ווי קיינער האט נישט געזאגט דאס פארקערטע האט מען אלבירטן אפגעלאזט. שפעטער איז ער צוגעקומען צו מיר און מיט טרערן אין די אויגן בעדאנקט פאר דעם וואס איך האב זיך געשטעלט פאר אים.

## פון בוכענוואלד קיין שליבן

נאך נישט באוויזן קומען צו זיך פון דער אדורכגעמאכטער רייזע קיין בוכענוואלד. און מיר זיינען שוין ווידער אין וועג. אלע פון סקארזשיסקער טראנספארט ווערן אפ-געשיקט קיין שליבן, שווינהאפענער קרייז, אן ערך 100 קילאמעטער פון לייפציק. די רייזע דויערט נישט לאנג און דעם זעלבן טאג געפינען מיר זיך אין שליבן. מיר ווערן געבראכט אין לאגער און די דייטשישע קאפאס סעגרעגירן אונדז אין פארשידענע ארבעטס-בריגאדעס ווי באן-טראנספארט, ~~קייט לעהמאן~~, אמוניציע-טראנספארט א.א. איך ווער באשטימט צום טראנספארט. דער מייסטער פון אונדזער "פלאצווורקע" איז לעהמאן, א דייטש.

נאכן סעגרעגירן און צוטיילן יעדן איינעם צו א פלאצווורקע ווערן מיר אוועקגע-פירט אין די באראקן. שוין דער ערשטער קבלת פנים פון די דייטשישע קאפאס זאגט אונדז קיין גוטס נישט אן. אנשטאט מיטן מויל רעדן זיי צו אונדז מיטן שטעקן, וועלכער גייט כסדר אין גאנג איבער אונדזערע קעפ. אונדזער שווארצע נביאות האט זיך, ליידער, ארויס-געוויזן צו זיין ריכטיק.

5 אזייגער פארטאג ווערן מיר מיט געשרייען און קלעפ ארויסגעיאגט פון די בא-ראקן. ווען ווו צו דערליידיקן די מענטשלעכע באדערפענישן און זיך ארומוואשן איז נישטא, דו מוזט וואס שנעלער יאגן זיך צום אפעל. פאר דער קלענסטער פארשפעטיקונג קריגט מען געשלאגן מכות רצח. נאכן אפעל ווערן די האפטלינגען ארויסגעשטעלט לויט זייערע בריגאדעס און די קאפאס פירן זיי אפ צו דער ארבעט. צו אונדזער בריגאדע זיינען צוגעטיילט די קאפאס עריק און פאול. נאך שטייענדיק אין די רייען זיינען זיי יעדן מאל אימיצן אנדערש מכבד מיט די גומענע שטעקנס, דאס זעלבע איז אויך אויפן וועג צו דער ארבעט און ביי דער ארבעט גופא. א גאנצן טאג לויפן זיי ארום ווי די פארסמטע מייז און האלטן אונדז אין איין יאגן און שלאגן: שנעל! שנעלער, פארפלוכטע יודען! אזוי גייט דאס אן גאנצע 12 שעה, 12 שעה שווערע ארבעט און קלעפ. אויך דעם הונגער פילן מיר דא אפ מער ווי ביז איצט, כאטש מיר באקומען די זעלבע פארציע ברויט און די זעלבע 2 וואסערדיקע זופקעס. דער אונטערשיד איז אבער דער, וואס אין סקארזשיסק האט א גרויסער טייל פון די העפטלינגען צוגעקויפט ~~זיך~~ וועלכע עס איז שפייז, וואס די פוילישע ארבעטער פלעגן ברענגען. דא איז נישט געווען ווו צו באקומען עפעס און ~~אפילו~~ די וואס האבן געהאט ביי זיך פועטפולע זאכן האבן ~~אויך~~ געהונגערט צוגלייך מיט אלעמען.

קוים, ~~זיך~~ נאך די 12 שעה קאטארגע-ארבעט, זיך דערשלעפט אין לאגער,בליאפשעט מען ~~xxxxxxx~~ אויף דער שנעל אריין די אורנט-זופ און טויט מידע גיט מען זיך א ווארף אויף די געלעגערס.אבער אויך ~~דאן~~ געפינט מען נישט קיין רו.ווי נאך די קאפאס האבן אפגעגעסן זייער זאטן מאלציים קומען זיי זיך פריילעך מאכן איבער די יידישע קאצעטניקעס,און דאס וואס עס מאכט זיי צוממערסטן פריילעך איז ~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx~~ צו פייניקן די מענטשן און זען ווי אזוי זיי קווילן זיך אין ווייטאגן.דער קאפא פאול קומט צו צו מיר און ווייזט אן,אז מיין פריטשע איז נישט גוט פארבעט,די קאלדרע ליגט נישט גלייך.באלד ליג איך א צעבלוטיק-טער אויף דער ערד און ער טרעט נישט אפ פון מיר ביז איך בלייב ~~נישט~~ ליגן אין חלשות.

אזוי שלעפן זיך ביי אונדז שווערע טעג און נעכט.טאג-איין,טאג-אויס דאס זעלבע, שווערע ארבעט,קלעפ,הונגער,קיין שום שטראל פון האפענונג,קיין שום אויסקוק אויף א פארבעסערונג.די טראנספארט-ארבעטער ~~וואס ארבעטן~~ ביי דער באן קומען,וואס אן אמת,יעדן טאג מיט פריילעכע בנים.זיי דערציילן וועגן טראנספארטן פון פארווונדעטע דייטשישע זעלנער,וועלכע קומען יעדן טאג אן פון די פראנטן.לויט דעם וואס זיי גיבן איבער ~~xxxxxxx~~ באקומט זיך,אז די גאנצע דייטשישע ארמיי ליגט שוין באלד אין די שפיטאלן. טעארעטיש איז דאס פאר אונדז א טרייסט,פראקטיש גיט דאס אונדז גארנישט.דער רעזשים אין לאגער ~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx~~ איז א געוואלדיק שארפער,אזוי ווי די נאציס וואלטן געוואלט מיטן ארויסווייזן דא זייער שטארקייט פארדעקן זייערע מפלות ~~xxxxxxxxxxxx~~ און נידערלאגע אויף די פראנטן.צי וועלן מיר אין אזעלכע באדינגונגען קאנען אויסהאלטן און דערלעבן די מפלה פון די היטלערישע מענטשן-פרעסער?...

## דער ווילן צו לעבן איז שטארקער פון טויט

דאס איז קעגן יעדער לאגיק,דאס איז שווער צו פארשטיין און באגרייפן און דאך איז אזוי געווען:וואס שווערער דאס לעבן איז געווארן אלץ שטארקער האבן מיר זיך געריסן צו אים.אין סקארזשיסקער געטא,ביי אלע צרות,ליידן און פייַנען איז מיר נישט באקאנט קיין פאלן פון זעלבסטמארד.אין סקארזשיסקער לאגער,ווו דאס לעבן איז גע-ווען נאך שווערער און גיהנומדיקער האט זיך קיינער פרייוויליק נישט איבערגעגעבן צום טויט.אויך דא אין שליבקן,ווו מען האט אונדזער עקזיסטענץ שוין אפילו ~~נישט~~

בישט געקאנט אנרופן מיטן נאמען לעבן האבן מיר זיך געקלאפערט אין דעם מיט די לעצטע כוחות.אין משך פון אט די שווערע יארן האט טיף אין אונדז געטליעט א פונק פון גלויבן און האפענונג ,אז די ממשלה פון היטלערן איז א צייטווייליקע,א פאריבער גייענדיקע.איצט האט שוין דער דאזיקער גלויבן געהאט אונטער זיך א פעסטע באזע, א גרונט און דאס,ווען וואס מען האט געגלויבט בעת היטלערס בצחובות איז אין מאמענט פון זייער רידיקע מפלות געווען א רעאליטעטדי פראגע איז בלויז געווען פון קאנען אויסהאלטן,אין דעם האט זיך איצט מער ווי שטענדיק אויסגע-דריקט דער קאמף פארן לעבן.אויך די דייטשן האבן געוווסט דעם דאזיקן חשבון,אויך פאר זיי איז שוין געווען קלאר,אז די צייט ארבעט נישט לטובה זיי נאר פארקערט צום גונסטן פון זייערע קרבנות.האבן זיי אלץ געטאן אויסצונוצן די צייט וועלכע איז נאך דערוויייל אין זייער רשות.זיי האבן אלץ געטאן כדי צוצואיילן דעם טויט פון די קוים-לעבעדיקע יידישע קאצעטלער און מיר האבן מיט אלע אונדזערע שוואכע כוחות אים אפגעשטויסן.ביי די דאזיקע גרוליק-שווערע באדינגונגען איז קעגן יעדער לאגיק געוואקסן ביי אונדז דער ווילן צום לעבן,דאס איז געווען אונדזער ענטפער און ווידערשטאנד קעגן די נאצים און נאציזם. צום אינסטינקט פון לעבן איז ביי אונדז צוגעקומען דער ווילן צו לעבן און צוזאמענגענומען האט עס מיט זיך פאר-געשטעלט א מעכטיקע דאמבע קעגן טויט,וועלכער האט געלויערט אויף אונדז ,איז אונדז נאכגעאנגען פוס-טריט.

<u>איך ווער שווער פארוונדעט</u>

שוין באלד 2 חדשים ווי מיר געפינען זיך אין שליפן.איך ארבעט די גאנצע צייט אין טראנספארט.די ארבעט איז פארטיילט אין 2 שיכטן:פון 7 אין דער פרי ביז 7 פאר-נאכט ארבעט די טאג שיכט און די נאכט שיכט פון 7 אוונט ביז 7 אין דער פרי. אין משך פון 12 שעה אן איבערהער שלעפ איך אויף מיינע שוואכע אקסלען די שווערע משאות.פון וואנען עס נעמען זיך צו מיר אזויפיל כוחות ווייסט בלויז איין גאט.אין בארמאלע צייטן וואלט איך קיין איין טאג בישט אויסגעהאלטן ביי דער דאזיקער ארבעט. אין אונדזער אפטיילונג לייגט מען צונויף פאנצער פאסטנס.דאס דאזיקע וואפן איז שוין בישט באשטימט פאר די פראנטן,נאר פארן געברויך פון דער ציוויללער בא-פעלקערונג.די פאנצער פאסטנס שיקן נישט ווייט און דארפן דינען אלס דער דייטשישער באפעלקערונג אלס זעלבסטפארטיידיקונג קעגן די אנגרייפנדיקע רוסישע און אליאירטע

ארמייען.די דייטשן גרייטן זיך, זעט אויס,צו שטעלן א ווידערשטאנד ביז צום לעצטן מאמענט,פארן פרייז פון אריינציען דער גאנצער ציווי-לער באפעלקערונג אין די קריגס-אפעראציעס.

דעם 13 אקטאבער ארבעט איך אין דער נאכט-שיכט ד.ה. פון 7 אין אוונט ביז 7 אין דער פרי.אן אויפהער,אונטער די שארפע בליקן און קלעפ פון די קאפאס,שלעפ איך ~~אויף מיינע שוואכע אקסלען~~ די שווערע קאסטנס מיט די טיילן פון די פאנצער פאטסנס.די ערשטע שעהען פאלט מיר נאך נישט די ארבעט אזוי שווער,אבער וואס ווייטער ווערן אלע מיינע גלידער ווי פארבלייוועט און אנגעגאסן מיט בליי.אזייגער 1 ביינאכט קאן איך שוין קוים באוועגן מיט די פיס און די הענט לאזן זיך אפ צו הויבן די שווערע קאסטנס.איך רוף זיך אפ צו מיינע ארבעטס-חברים,אז ווען גאט העלפט און עס פאלט איצט אריין א באמבע אין פאבריק וואלטן מיר פטור געווארן פון אונדזערע צרות.מיינע פריינד קוקן אויף מיר מיט שרעקן צער און העלפן מיר אנלאדן א פרישן קאסטן אויף מיינע אקסלען.אין מאמענט ווען איך האב די קאסטן אריינגעטראגן אין פאבריק און אוועקגעלייגט אויפן טיש האט א מעכטיקער קנאל פארהילכט די גאנצע לופט ארום.

איך ליג אויף דער ערד.א פייכטע פליסיקייט רינט מיר אין מויל:בלוט.דער קאפ און דאס רעכטע אויג ברענען מיר ווי פייער.איך פיל אויף זיך א שווערע משא ווי פון טויזנטער פונטן.פון אלע זייטן הער איך קרעכצן און געשריי:ראטעוועט!איך פרוביר רירן מיט א פוס,א האנט,איך קאן נישט,איך ליג איינגעפרעסט אונטער א שווערער משא. פלוצים דערפיל איך,אז עס פאלט עפעס פון מיר אראפ,עס ווערט מיר לייכטער.איך גיב א ריר מיטן ~~מיין~~ רעכטן פוס,עס הויבן זיך אן אראפצושיטן פון אים שטיקער גרוז און ער ווערט פריי.מיט מיינע לעצטע כוחות גיב איך זיך א ריס און שטעל זיך אויף די פיס. ערשט איצט דערזע איך,אז די גאנצע פאבריק איז אין פלאמען.דער ארויסגאנג איז נאך ~~א~~ פריי,איך גיב זיך א ווארף אהין און באלד בין איך אין דרויסן.

איך בלוטיק איבעראנצן.דער קאפ איז מיר געשוואלן,דאס רעכטע אויג הענגט מיר נאך און איך האלט עס אונטער מיטן האנט ס'זאל נישט ארויספאלן,די זאכן און די שיך זיי-נען ~~פארברענט אויף מיר~~.איך שלעפ זיך צו צו א בוים און שפאר זיך אן ~~איך אים~~ נישט אומצופאלן.א דייטשישער זעלנער,אן דער רעכטער האנט,וועלכע ער האט ווארשיינלעך

פארלוירן אויפן פראנט,דערנענטערט זיך צו מיר און זיין ערשטע פראגע איז:
ביסטו יודע,וווהין גייסטו?איך ענטפער אים,אז איך בין שווער פארוואונדעט און בוי-
טיק זיך אין באלדיקער הילף.ער הייסט מיר גיין פאראויס און ער גייט נאך פון הינטן
איך גיי אויף קוק זיך כסדר ארום פון הינטן צי ער נעמט נישט ארויס דעם רעוואלווער
ארייננצושיסן מיר א קויל אין קאפ.איך האב זיך גאר אנדערש נישט פארגעשטעלט,אז דאס
איז זיין כוונה.מיר גייען דורך א וועלדל.ס'איז פינסטער,איך טאפ קוים אן דעם
וועג.פאר די אויגן שווינדלט מיר,דער קאפ ברענט,איך וואלט זיך גערן אוועקגעלייגט
און געבליבן ליגן,נאר דער באוווסטזיין,אז הינטער מיר גייט נאך א דייטשישער זעל-
נער האלט מיר אויף די פיס און גיט מיר צו כוחות זיך צו באוועגן.

איך דערזע הייזלעך און מענטשן זיך באוועגן.איך הויב אן שרייען:ראטעוועט!
2 מענער דערנענטערן זיך צו מיר און פרעגן ווער איך בין.איך רוף זיי אן מיין
נאמען.די 2 מענער זיינען געווען מיינע סקארזשיסקער לאנדסלייט:ירחמיאל וואלפא-
וויטש און מאיר וואַרדי,זיי האבן מיר אין ערשטן מאמענט נישט דערקענט,ווייל איך
בין איינגעווען געווען א צעבלוטיקטער און xxxxxxxxxxxxxxxx אין וואונדן.זיי האבן
מיך צוגעפירט אויף א שטיקל פרייען פעלד,און אוועקגעלייגט אויפן גראז און גע-
לאפן זוכן א דאקטער.ס'האט לאנג נישט גענומען און זיי האבן זיך צוריקגעקערט מיטן
לאגער דאקטער.ער באטראכט מיר און שטעלט פעסט,אז איך בין אינגאנצן אין וואונדן,
קיין סך העלפן קאן ער נישט,דאס איינציקע וואס ער טוט איז צו באנדאזשירן דעם
קאפ און דאס אויג,ער האט אפילו נישט קיין מעגלעכקייט ארויסצוציען די וואונדן
און טוט אן דעם באנדאזש אויף די שמוץ.

איך בלייב ליגן אויפן פעלד ביז אין דער פרי.עס טרייסלט מיר פון קעלט און
איך ווער פארברענט פון היץ.די גאנצע צייט פארפאלגט מיר דער איינציקער געדאנק,
אז איך דארף זיך געזעגענען מיטן לעבן,איך בין מער ווי זיכער,אז די דייטשן וועלן
מיר נישט היילן,נאר ארייננשיסן א קויל אין קאפ.

ווי נאר ס'האט אנגעהויבן טאגן פירט מען מיר אפ אין לאגער.דער לאגער-דאקטער
באטראכט מיר און זאגט,אז ער קאן מיר גארנישט העלפן,ער וויל דעם באנדאזש נישט
אראפנעמען ווייל ס'קאן זיך מאכן א בלוט-פארגיפטיקונג.ער האט טעלעפאנירט קיין
בוכענוואלד מען זאל ארויסשיקן אן אויטא אפצופירן אלע שווער-פארוואונדעטע
אין שפיטאל און ער האפט,אז זיי וועלן נאך היינט אים ארויסשיקן.

אxxxxxxxxxxxx פון דאקטער דערשלעפ איך זיך קוים צו מיר אין באראק.דאנקב

איך גיב א קוק אין שפיגל  און זע וואס ס'איז פון מיר געווארן,איך דערשרעק
זיך פאר מיין אייגענעם אויסזען.איך וויל שטילן דעם דורשט,וואס מאטערט מיך
ביז גאר שטארק,אבער אפילו א קליין לעפעלע וואסער איז מיר שווער אראפצושלינגען.עס בא-
הערשט מיר א טויטע מידקייט,איך לייג זיך אוועק אויף דער פריטשע און שלאף
איין.

אויפגעוועקט האבן מיר די געשרייען פון די קאפאס עריק און פאול,אז אלע
זאלן גליין ארויס אויפן לאגער-פלאץ.כאטש איך קאן נישט רירן מיט קיין אבר,גיב
איך זיך איינשטינקטיוו א ריס און וויל ארויסגיין אויפן אפעל.עריק גיט א קוק
אויף מיר און הייסט מיר בלייבן אין באראק.

נאכן קאנטראלירן די צאל מענטשן אין לאגער ווייזט זיך ארויס,אז 200 העפט-
לינגען האבן די נאכט פארלוירן זייערע לעבנס אין אויפרייס און אין די פלאמען.
xxxxxxxx אין מיין באראק,ווו נעכטן האבן מיר געציילט 30 פערזאן זייגען
היינט דא בלויז 10.

לויט די קלאנגען וועלכע האבן קורסירט אין לאגער איז דאס געווען א סאבאטאזש-
אקט פון קאמוניסטן.זיי האבן אונטערגעלייגט א באמבע אויפצורייסן די אמוניציע-
פאבריק.

## אין בוכענוואלדער שפיטאל

פארנאכט קומט צופארן א גרויסער אויטאמאביל אויפצונעמען אלע שווער-פארווונ-
דעטע און זיי אפפירן אין בוכענוואלדער שפיטאל.דער לאגער-שעף ציילט איבער
$$$$$$$$$$$ 30 שווער-פארווונדעטע העפטלינגען,א סך פון זיי מיט אפגעריסענע
הענט און פיס,האלב-פארקוילטע גלידער,מיט אויסגעברענטע אויגן.פון דאנען קיין
בוכענוואלד איז 240 קילאמעטער.די רייזע,דאס טרייסלען פון אויטא,פארשאפט אונז
אויסטערגעווייגלעכע יסורים.די פארוואונדעטע קרעכצן און יאמערן,מען בעט אויף זיך דעם טויט
וואס זאל אויסלייזן פון די איבערמענטשלעכע יסורים.7 שווערע,מאטערנדיקע שעהען
דויערט די רייזע און ערשט 12 ביינאכט קומען מיר אן קיין בוכענוואלד.די פאלי-
טישע העפטלינגען ווארטן אונדז אפ,די וועלכע קאנען זיך אליין באוועגן גייען
אראפ פון אויטא און די איבעריקע ווערן xxxxxxxx אראפגענומען אויף טראג-
בעטלעך.קיין דאקטער איז ביינאכט אין שפיטאל נישטא און ביז אין דער פרי בלייב
מיר ליגן אן שום הילף.א רוסישער העפטלינג פרעגט מיר צי איך וויל טיי און באלד
ברענגט ער צו א טעפל ווארעמע טיי,דאס איז אלץ וואס ער האט געקאנט טאן פאר

מיג.א גאנצע נאכט ליגן מיר אין יסורים און ווארטן עס זאל אנהויבן טאגן און קריגן מעדיצינישע באהאנדלונג.

אין דער פרי קומען די דאקטוירים און באטראכטן די פארוואונדעטע.מיר הייסן זיי ארייננגיין אין באד און נעמען א פרישגיץ. א פאר שעה בין איך געשטאנען אונטערן ~~פרישגיץ~~ ביז איך האב זיך אביסל ארומגעוואשן און אפגעווייקט דעם באנדאזש מען זאל אים קאנען אראפנעמען.דאס רעכטע אויג הענגט נאך און איך האלט עס אונטער מיטן האנט.נאך דער באד ווער איך אריינגענומען אין שפיטאל.עטלעכע דאקטוירים פון פארשידענע נאציאנאליטעטן מיטן דייטשישן ~~שעף~~ בראש באטראכטן מיר און אייבער פון זיי רופט זיך אפ:גאט מיין ליבער,ווי שווער פאר וואונדעט דו ביסט!דער דייטשישער שעף פרעגט מיך,צי איך זע אויפן רעכטן אויג.איך ענטפער אים,אז איך זע נישט. - מיר וועלן דאס אויג גלייך ארויסנעמען - ~~איז דער ענטפער פון דייטשישן שעף.~~

- עס גייט נישט אזוי שנעל,מיר מוזן פריער פרווורן אלע מיטלען - רופט זיך אפ א טשעכישער דאקטער און ער הייסט דעם פראנצויזישן אויגן-ספעציאליסט מיך נעמען אויפן אפעראציע-טיש.מען מאכט עטלעכע רענטגען-פאטאגראפיעס און מען גיסט אריין טראפנס אין אויג.איך באקום צוריק די ראיה אין רעכטן אויג און הויב אן זען.איצט נעמט מען מיר אפערירן.קיין שלאף-בעטראנק באקום איך נישט.עטלעכע דאקטוירים האלטן מיר ביי די הענט און פיס און די איבעריקע אפע-רירן.2 שעה האבן זיי געשניטן און געניייט דעם אויג און דעם קאפ.די ווייטאגן זיינען געווען נישט צום אריבערטראגן און איך האב געשריגן,אז איך וויל בעסער שטארבן איי-דער אריבערטראגן אזעלכע יסורים.די דאקטוירים ~~האבן מיך~~ באערויקט,אז אלץ גייט צו אין בעסטן ארדענונג און איך וועל צוריק זיין א געזונטער מענטש.איבערגעקומען די אפעראציע נעמט מען מיר אראפ פון טיש און 2 העפטלינגען פירן מיר אריין אין שפיטאל פון קליינעם רעוויר.איך באקום א בעט מיט ריינע בעטגעוואנט וואס איך האב שוין נישט אנגעקוקט אין משך פון א פאר יאר. די בעטן זיינען 2 שטאקיקע און איך וויל זיך לייגן אונטן.דער רוסישער קאלפאקטאר ווייזט מיר אן, אז איך זאל ארויף אויבן,ווייל אונטן איז פאר קראנקע וואס האבן נישט קיין פיס. איך לייג זיך אין בעט.איך בין דארשטיק.איך באקום א טעפעלע טיי,איך בעט נאך איינעם - און באקום עס.ווי שווער דאס איז צו גלויבן,אז אויף דיין בקשה,דיין פארלאנג באקומסט א טעפעלע זיס טיי...

## צווישן לעבן און טויט

איך בין שוין 2 חדשים אין שפיטאל.איך ליג די גאנצע צייט מיט הויכער טעמפע-ראטור און אין שרעקלעכע ווייטאגן.איך קאן דעם קאפ נישט אויפהייבן אויפן קישן, און אין משך פון וואכן שלאף איך נישט.די דאקטוירים האלטן מיר אונטער אין מוט און פארזיכערן,אז איך וועל אלץ איבערטראגן און בלייבן לעבן,ווייל

די דאקטוירים און דער גאנצער מעדיצינישער פערסאנאל אין שפיטאל באשטייט פון פאליטישע העפטלינגען פון פארשידענע נאציאנאליטעטן.זיי באציען זיך זייער גוט צו די קראנקע,טוען אלץ צו לינדערן זייערעליידן און צו ראטעווען זיי פון טויט.דער דייטשישער הויפט-דאקטער איז באצייכנט מיט א רויטן ווינקל אויף זיינע בגדים.יעדן טאג קומט ער אריין צו מיר,באטראכט מיינע וווּנדן און פרעגט ווי איך פיל זיך.מיין ענטפער איז:שלים,שלעכט.ער טרייסט מיך,אז ס'ווערט שוין בעסער און הייסט מיר יעדן טאג נעמען א באד און איבערדרייען די באנדאזשן. די טשעכישע דאקטוירים ווייקלען מיר יעדן טאג איבער די באנדאזשן און שניידן פון צייט צו צייט ארום דאס ווילד-פלייש,וואס וואקסט אן ארום אויב.די טשעכישע דאק-טוירים זייגען זייער פריינדלעך צו מיר און זייער אפט באטאנען זיי,אז איך דארף זיין גליקלעך,וואס איך בין אריינגעפאלן אין שפיטאל,אויך איז דא א באפעל פון בערלין צו היילן די קראנקע העפטלינגען,פריער האט מען א קראנקע נישט געהיילט נאר דערשאסן.

נאך 2 חדשים זיין אין שפיטאל ווערט דאס אויב אביסל פארהיילט איך הייב אן פילן בעסער,און קאן זיך שוין ארומקוקן ארום זיך.דער צימער אין וועל-כן איך ליג זעט אויס כמעט ווי א נארמאלער שפיטאל-צימער.שוין א פאר יאר,אז איך האב נישט געלעגט אין אזא ריינקייט.עטלעכע מאל אין וואך באקומען מיר ריינע ליילע-כער און העמדער.מיר זיינען פטור געווארן פון די לייז,וואס איז ממש אומגלויבלעך. די גאנצע צייט פון מיין לאגער-לעבן האבן זיי פונקט ווי די נאציס נישט צורו געלאזן אויף קיין איין מינוט און ס'איז שווער צו גלויבן,אז דו ביסט פטור געווארן פון דער דאזיקער פלאג.אין צימער איז דא א ראדיא און הערט לייכטע מוזיק און קאנצערטן,ווידער שווער צו גלויבן,אז די נאציס האבן פאר די "פארפלוכטע יודען", פאר די "קריגס-פארברעכער",אויפגעשטעלט א ראדיא ער זאל זיי פארווײלן,מאכן אביסל פארגעסן אין זייערע ווייטאגן.שווער צו גלויבן אין דעם אלעמען,ווען פאר דיינע

שטייען די אלע גרויליקע בילדער וועלכע דו האסט צוגעזען און מיטגעמאכט די לעצטע יארן.שווער צו גלויבן אין דעם ווען ארום באוועגן זיך דייטשן,וועלכע זיי נען פאר אונדז די פארקערפערונג פון רשעות און בייז,פון מארד און טויט.

דאס אויג ווערט בסדר בעסער און איך פיל שוין איינגאנצן גוט.אבער פלוצים ווער איך צוריק א חולה מסוכן און ראנגל זיך ווידער מיטן טויט.ביינאכט,נישט ווייסנדיק ווי אזוי,האב איך אנגעריבן דאס קראנקע אויג.אין דער פרי האב איך זיך אויפגעוועקט מיט אן אנגעשוואלענעם קאפ.דער דייטשישער דאקטער קומט באטראכטן די חולאים און דערשרעקט זיך פאר מיין אויסזען.ער שטעלט פעסט, אז דאס איז א רויז און ער שיקט מיר גלייך איבער אין דער אפטיילונג פון אנשטעקנדיקע קראנק-הייטן.אליין אריבערגיין אהין קאן איך נישט און מען פירט מיך אריבער.עטלעכע טעג ליג איך אין גרויס היץ און ווייטאגן.די דאקטוירים וואכן ארום מיר און גיבן מיר בסדר איינשפריצונגען.נאך א פאר טעג הויבט אן אראפצוגיין די געשווילעכץ און עס פאלט אויך די טעמפעראטור.

שוין 4 חדשים ווי איך געפין זיך אין שפיטאל.דאס אויג און דער קאפ זיינען שוין צוגעהיילט,אבער אין קאפ פיל איך א שטענדיקן גערויש און פון אויער רינט מא-טעריע.מען נעמט מיר אין שפיטאל פון גרויסן רענטגען-בילדער ווייזן, אז בעת דעם אויפרייס האט אין איין אויער געפלאצט די טרומייל און א ביינדל אין נאז האט זיך אויסגעקרימט.אפערירן קאן מען דאס נישט,און אויב איך וועל בלייבן לעבן,וועל איך דעם דאזיקן אויפרייס האבן צו געדענקען.

## מיינע שכנים אין שפיטאל

דער שפיטאל אין בוכענוואלד שטעלט מיט זיך פאר אן אינטערנאציאנאל.דא ליגן העפטלינגען פון פארשידענע,לענדער,פעלקער,ראסן.שטענדיק האבן די נאציס זיך באמיט צו האלטן איזאלירט איין עטנישע גרופע פון דער צווייטער און וואס שייך יידן,דער לויט דער היטלעריסטישער לערע די נידעריקסטע ראסע - האט מען זיי שטענדיק געהאלטן באזונדער און אין די ערגסטע באדינגונגען.דא האבן זיי אזוי ווי פארגעסן אין זייער ראסן-טעאריע און אלע קראנקע העפטלינגען האבן געלעבט אין די זעלבע באדינגונגען. קאן זיין,אז אין א געוויסער מאס האט מען דאס צו פארדאנקען די דאקטוירים און מע-דיצינישן פערסאנאל,וועלכע האבן ארויסגעוויזן די זעלבע מענטשלעכע און ווארעמע באציונג צו אלע קראנקע,אן אונטערשייד פון זייער נאציאנאלער אנגעהעריקייט.אין צי-מער,וווּ איך ליג,געפינען זיך דייטשן,פאליאקן,יידן,רוסן,אונגארן א.א.

אין שכנות פון מיר ליגט א יידישער יונגערמאן,א געבוירענער אין ענגלאנד.
פארן קריג איז ער געקומען קיין פוילן און האט חתונה געהאט מיט זייגען א קוזינע.
זיי האבן געזאלט ארויספארן קיין ענגלאנד,ווו ער האט רייכע עלטערן,איז פלוצים
ארויסגעבראכן די קריג און זיי האבן זיך שוין נישט בעקאנט ווירן. נאכן
ליקווידירן די געטא,ווו ער און זיין פרוי האבן זיך געפונען,ווערט ער דורך די
דייטשן ארויסגעפירט אין א לאגער.ווו זיין פרוי איז אהינגעקומען ווייסט ער נישט,
איר האט מען ארויסגעפירט באזונדער.אין די לאגערן האט ער אדורכגעמאכט אלע שבעה
מדורי גיהנום,וואס אלע יידן.געבראכט קיין בוכענוואלד האט מען אים מיט אפגעפרוי-
רענע פיס.א באקעטן,א בארוועסן האט מען אים,געטריבן צו דער ארבעט און אין די
מארשן,אין די פרעסט און שנייען.דא האט מען אים אפערירט,אבער אויב ער וועט אפילו
איבערלעבן די קריג,בלייבט ער א קאליקע אויפן גאנצן לעבן.שווער פאר אים שלום צו
מאכן מיטן דאזיקן געדאנק אין זיין עלטער,א פאר און צוואנציק יאר,נישט אין זיין
היימלאנד,נישט אויף די פראנטן,נאר דורך א צופאל האט ער זיך ארייבגעדרייט אין
מלחמה-ווירדוואר,אין די נאצישע חענט,און דארף דערפאר צאלן אזא טייערן פרייז.
בעת ארבדזערע לאנגע שמועסן האב איך זיך באמיט אים טרייסטן,אונטערהאלטן אין מוט.
איך האב אים כמעט ווי בארזיכערט,אז מיר וועלן איבערלעבן די קריג,אז ער וועט
זיין געזונט,אפגעפינען די פרוי און די משפחה און לעבן גליקלעך.
איך בין נישט זיכער צי אפילו די עושטע פון
מיינע פארזיכערונגען איז מקוים געווארן,ווייל אינגיכן האבן מיר זיך צעשיידט
און זיין ווייטערדיקער גורל איז מיר אומבאקאנט.

דעם גורל פון מיינעם א צווייטן שפיטאל-שכן האב איך געזען ביז צום סוף.פון
נאציאנאליטעט איז ער געווען אן אונגאר.איך האב אים געשאצט אויף א יאר 40,אבער
ס'קאן זיין,אז ער איז געווען א סך יינגער.אין לאגער איז שווער געווען צו בא-
שטימען אימיצנס עלטער.לויטן ארויסזען און האלטונג האסטו יעדעם געשאצט אין די
פופציקער און אין דער אמתן האט ער קוים אריבערגעשפריידט די צוואנציקער.מיין
שכן איז געווען שווער פארוווּנדעט אויפן גאנצן קערפער און איז די גאנצע צייט גע-
לעגן מיט גרויס היץ.אראפגיין פון געלעגער האט ער נישט געקאנט,ער איז געווען
כמעט ווי געליימט.ליגנדיק דערנעבן האב איך ווי ער רעדט און שרייט פון היץ,אדער
פון שלאף,און פלוצים גיט ער זיך א הויב אויף און גייט אראפ פון געלעגער.גייענ-
דיק פרעגט ער ביי די ארומיקע חולאים,ווו זיין ליבע פרוי און קינדער זייגען,ער

וויל מיט זיי רעדן.

די דאקטוירים האבן באמערקט דעם ארבּבארישן חולה זיך באוועגנדיק איבערן שפּיטאל-צימער און זיי זיינען געבליבן ~~איבערראשט~~ [illegible] פון וואנען האבן זיך צום דאזיקן מענטש גענומען כוחות אראפּצוגיין פון בעט. זיי נעמען אים ארנטערן האנט און בעטן ער זאל אריין צוריק אין בעט. דער חולה ווייזט אן שרייט, אז ער וויל זיך זען און רעדן מיט זיין פרוי און קינדער און דאן וועט ער גיין צוריק אין בעט. די דאקטוירים באוריקן אים און זאגן צו, אז ער וועט רעדן מיט זיי, אז זיי וועלן צוקומען צו זיין בעט. דער קראנקער לאזט זיך איינרעדן און לייגט זיך אין בעט. ער שלאפט מאמענטאל איין און א פאר מינוט שפּעטער שטעלן די דאקטוירים פעסט, אז ער ~~שלאפט שוין~~ [illegible] אויף אייביק. א שעה שפּעטער האט זיין אויסגעדארטער גוף געברענט אין די קרעמאטאריע-אויוונס און אין הימל האט זיך געטראגן א שווארצער, עסעדיקער רויך.

צוזאמען מיט מיר אין צימער ליגן עטלעכע פאליאקן, צווישן זיי א פּראפעסאר פון ווארשעווער אוניווערסיטעט. ער איז צוזאמען מיט ~~אנדערע~~ [illegible] ארויסגעפירט געווארן אויף צוואנגס-ארבעט קיין דייטשלאנד. מיט א שטיקל צייט צוריק איז ער קראנק געווארן און מען האט אים געבראכט קיין בוכענוואלד אין שפּיטאל. מיר קומט אפט אויס צו שמועסן מיטן פּראפעסאר, וועלכער ווייזט זיך ארויס צו זיין א ליבעראלער מענטש.

פון פּראפעסאר דערוויס איך זיך צום ערשטן מאל וועגן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא. ער דערציילט, מיט באוואונדערונג, ווי אזוי די יידן פון ווארשעווער געטא האבן געשטעלט א באוואפנטן ווידערשטאנד ~~קעגן~~ די דייטשן און א פאר וואכן זיינען אנגעגאנגען ~~די~~ קאמפן. פון דער צווייטער זייט געטא מויער האט ער געזען ווי אזוי די דייטשן באמבארדירן און באשיסן די געטא. מען האט אויך געקאנט אבסערווירן גרויליקע בילדער אויף די געטא-גאסן; ברענענדיקע הייזער, און אין די פלאמען מענטשן; מאמעס ווארפן זייערע קינדער דורך די פענצטער פון די פלאמענדיקע הייזער. זיי האבן אויך געזען דייטשישע פגרים אויף די גאסן פון ווארשעווער געטא. לאנגע טעג און נעכט האבן די יידישע אויפשטענדלער געפירט א פארביסענעם קאמף קעגן די נאצים און האבן ארויסגעוויזן איבערמענטשלעכע גבורה.

פון פּראפעסארס רייד האט זיך ארויסגעפילט באוואונדערונג און אכטונג צו די יידישע קעמפער, וועלכע זיינען ארויס אין אן אפענעם קאמף קעגן די מעכטיקע דייטשישע כוחות ~~און האבן~~ און האבן בעהאלטן די פאן פון אויפשטאנד ביזן לעצטן אטעם-צוג. אויך אויף מיר האט דעם פּראפעסארס דערציילן געמאכט א געוואלדיקן רושם.

ביז איצט האב איך נישט געזען און נישט געהערט אז יידן זאלן שטעלן אן אקטי-
באוראפנטן ווידערשטאנד די דייטשן.דער יידישער וואפן,וועלכער איז מיר געווען
באקאנט האט זיך אויסגעדריקט אין א פאסיוון ווידעבשטאנד,אין אויסדויערן,אויסהאל
טן און בלייבן לעבן.דער דאזיקער פאסיווער ווידערשטאנד איז נישט געווען בלויז
דער נאטירלעכער אינסטינקט פון דערהאלטונג,נאר אויך דער באוווסטזיניקער ווילן
און קאמף xxxxxxxxxxxxxx איבערצולעבן דעם היטלעריזם און זיך נישט לאזן אויס-
ראטן אלס פאלק.איצט האב איך זיך xxx דערוווסט,אז די גרעסטע יידישע קהילה,אז
דער גייסטיקער צענטער פון פוילישן יידנטום,ווארשע,האט אויך געשטעלט אן אקטיוון
ווידערשטאנד און איז ארויס אין א פארמעסט מיטן ריזיקן דייטשישן קלאס.xxxxxx
אין בובענוואלדער לאגער האט אויף מיר א ווייע געטאן א פריש ווינטל.

דער פוילישער פראפעסאר אריענטירט זיך זייער גוט אין דער לאגע אויף די פראנ-
טן.ער האט ביי זיך א ~~געאגראפישע קארטע~~ און ער פירט איבער איר מיטן פינגער און
ווייזט די פראנט-ליניעס.די לאגע איז באמת א דערפרייענדיקע.פוילן איז ~~שרייך באלד~~
איינגאנצן באפרייט פון די היטלעריסטן און דער פראנט וועט זיך ~~שרייך~~ באלד אריבער-
טראגן אויף ~~דער~~ דייטשישער טעריטאריע.~~אויך פון דעם רעדט פוילעבער אויפן הארצן~~
~~און נישט בלויז פון דעם,וואס דער זיג איז שוין נענטער נאר אויך פון דעם,וואס~~
~~איצט~~ xxxxxxxxxxxxx איצט וועט די דייטשישע באפעלקערונג דערפילן דעם טעם פון
מלחמה,די סבאראדן און קוילן וועלן ~~איצט~~ פליען איבער די דייטשישע שטעט און דער-
פער.אנשטאט די פעקלעך מיט כל טוב,וואס זיי האבן ביז איצט דערהאלטן פון אוקראינע
ווארשע,פאריז,פראג וועלן זיי אנהויבן שמעקן דעם רויך פון רוסישן און אמעריקאנער
פולווער.

דער פראפעסאר xxxxxxxx קאמענטירט מיר בסדר די נייסן פון פראנט און איך
כּדי אויף אזא אופן
פיל,אז ער איבערטרייבט אפילו.ער טוט דאס מיט א כוונה מיר אונטערצוהאלטן אין
מוט,צו הויבן ביי מיר די שטימונג. אין דער וועלט פון שנאה,אין וועלכער מיר הא-
בן געלעבט,האט דער דאזיקער פוילישער פראפעסאר איינגעהאלטן אין זיך דעם גלויבן
און ליבשאפט צום מענטש און מיינע שמועסן מיט אים זיינען געווען ווי באלזאם פאר
מיין אנגעווייטאגט הארץ.

דער קאליפאקטאר,וואס באדינט אונדזער צימער איז א רוס.ער גיט אונדז ארויס
די זופ.ווען עס בלייבט אים ~~איבער~~ נאכן צעטיילן א ביסל זופ באקומען מיר אלע
צוגאב-פארציעס.א געווינסן טאג,ווען דער קאליפאקטאר וויל מיר געבן א ~~xxx~~ צוגאב-

פארציע זסס רופט זיך אפ איינער פון די פאליאקן,וועלכער ליגט ביי אונדז אין צימער,אז ער זאל דעם זשיד נישט געבן קיין צוגאב.דער רוסישער קאליפאקט טאר איז אויפגעשפרונגען פון כעס און האט א לאנגע צייט זיך נישט געקאנט בארויקן. ער האט דעם אנטיסעמיטישן פאליאק דערציילט,אז ביי זיי אין רוסלאנד איז נישטא קיין זשיד נאר יעווריי,אז אלע מענטשן זיינען גלייך,מיטן אויסנאם פון אזעלכע ווי ער. פארשטייט זיך,אז איך האב די צוגאב-פארציע באקומען און דער פאליאק האט מיט קנאה-דיקע אויגן געקוקט ווי איך עס און ער האט געשלונגען די שפייעכץ.מער זיינען שוין אזעלכע אנטיסעמיטישע אינצידענטן נישט פארגעקומען.

## "דויטשלאנד איבער אלעס"

אין דרויסן איז א שיינער ווינטערדיקער טאג.די זון-שטראלן שפיגלען זיך אין דער שניי-ווייסקייט און צעשיטן זיך אין טויזנטער פינקלדיקע שטערנדלעך.אונטערן ווייסן שניי-צודעק און אין זון-שיין פארלירט דער בובענוואלדער לאגער אויף א מאמענט זיין שטענדיקע גרויקייט און שטרענגקייט און הילט זיך איין אין מנוחהדיקער שטילקייט,ווי דא וואלט געווען אן ארט,וווּ מען קומט צו פארברענגען דעם זונטיקדיקן רו-טאג.

אויך ביי אונדז אין שפיטאל-צימער פילט זיך א רויקע געמיטלעכקייט. פון אלע ווינקעלעך בלאנקט מיט ווייסקייט און ריינקייט.אונטער די קלאנגען פון לייכטע מוזיק,וואס טראגט זיך פון ראדיא, ליגן די קראנקע אין האלבן דרימל,ווי דאס וואלטן געווען קור-געסט,וועלכע רוען נאך אן אנגענעמען שפאציר אין פראסטיקן דרויסן.

פלוצים ווערט די מנוחהדיקע געמיטלעכקייט איבערגעריסן.אנשטאט דער גלעטנדיקער מוזיק טראגט זיך פון ראדיא א בייזערדיקער קול,וועלכער שרייט:דויטשלאנד ווע זיגן אין דיזן קריג,דאס דייטשישע פאלק דארף ארומגיין מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ און נישט פארלירן דעם מוט.דער פירער איז מיט אונדז און דער זיג איז מיט אונדז. דאס איז דער קול פון דייטשישן פראפאגאנדע מיניסטער געבעלס.אויף אלע פראנטן לייך די דייטשישע ארמייען איין מפלה גרעסער פון דער צווייטער און געבעלס שטייט און רעדט וועגן דער אומבאזיגבארקייט פון דער דייטשישער ארמיי,פון דריטן רייך.מיט ליגן,דעמאגאגיע,שווינדל האבן זיי ארייגנעארט דאס דייטשישע פאלק אין דער היטלער פאסטקע און מיט די זעלבע מיטלען ווילן זיי אים האלטן ביז צום סוף.פאר זיי איז קיין שום פרייז נישט צו טייער,אפילו דאס בלוט פון אייגענעם פאלק,אבי זיך צו

צא האלטן ביי דער מאכט.די רוסישע און אליאירטע ארמייען דערנעענטערן זיך שוין צו דער דייטשישער טעריטאריע.דייטשישע שטעט און זייערע אייננווינער וועלן ליגן אין אש און חורבות,זיי וועלן איצט טייער צאלן פאר דעם חורבן וואס זיי האבן אנגעמאכט אין איירשאפע,פאר די מיליאנען פארשניטענע לעבנס אויף די פראנטן און פאר די אויסגעקוילעטע פרידלעכע איינוווינער אין די אקופירטע לענדער.היטלער-גערינג-געבעלס וויסן דעם דאזיקן חשבון,אבער שטעלן זיך פאר קיין זאך נישט אפ,זאל דייטשלאנד אונטערגיין צוזאמען מיט זיי.

געבעלסעס ריטשען אין ראדיא רייסט אונדז ארויס פון ~~ארנדער~~ האלבן דרימל,פירט אונדז צוריק אריין אין דערווירקלעכקייט,דערמאנט ~~אונדז~~ ווידער,אז מיר געפינען זיך אין די נאצישע נעגל.צי וועט אונדז געלינגען זיך ארויסרייסן פון זיי לעבעדיקע?

<u>אין שאָרנגס בלאָק 48</u>

די גוטע מעדיצינישע אויפזיכט ~~איבער מיר~~ טוט דאס אירע און ביסלעכווייז שטעל איך זיך צוריק אויף די פיס.אין ארומיקן מבול פון הפקר און טויט איז נאך בולטער געקומען צום אויסדרוק די געווויסנהאפטע און מענטשלעכע באציונג פון די דאקטוירים צו די קראנקע.זייער ארבעט,זייער איבערגעגעבנקייט צום קראנקן איז געווען אין א שרייענדיקן דיסאנאנס צום גאנצן ארום.דא אין שפיטאל,צווישן שווער-קראנקע און פארווונדעטע איז דער מלאך-המות געלעגן א געפענטעטער און הילפסלאזער אין דער צייט ווען אומעטום איז ער געווען דער האר און מושל.שווער אפצושאצן די הומאניטארישקייט פון די דאקטוירים וועלכע האבן מיט אזויפיל איבערגעגעבנקייט און מי געזארגט פאר די קראנקע וויסנדיק,אז אויף יענער זייט שפיטאל איז זייער לעבן ווידער קיין גראשן נישט ווערט,די אלע וועלכע זיי האבן ארויסגעריסן פון מלאך-המות הענט ווערן ווידער איבערגעגעבן אין זיין רשות און ער וועט זיי ווייט נישט שאנעווען.די אלע וועלכע זיינען געלעגן אין בוכענוואלדער שפיטאל און די איינצלנע פון זיי וואס זיינען געבליבן ביים לעבן געדענקען זיכער די דאזיקע דאקטוירים,וועלכע האבן אין היטלעריסטישן מדבר פון בלוט און טויט געשאפן אן אאזיס וווּ דער נאמען מענטש איז נישט געשענדעט געווארן.

א געוויסן טאג קומט אריין דער דייטשישער הויפט-דאקטער און זאגט מיר אן די נישט פריילעכע בשורה,אז איך ווער חיינט ארויסגעשריבן פון שפיטאל.די ידיעה צערודערט מיר איננאנצן און

איך פרווו איינגעטנבחן מיטן ~~דאקטער~~, אז איך בין נאך קראנק און ער זאל מיר לאזן אין שפיטאל. דער דאקטער פילט מיר מיט, באשטעטיקט אז איך בין נאך קראנק, נאר איך בין שוין 4 חדשים אין שפיטאל און איצט איז אנגעקומען א פרישער טראנספארט מיט שווער־פארווונדעטע און זיי מוזן האבן דעם ~~ארט~~.

אין שפיטאל־קאנצעלאריע גיט מען מיר ארויס צעריסענע לאגער זאכן און הילצערנע האלענדער שיך. מען גיט מיר ~~ארויס~~ א צעטל מיט וועלכן איך דארף זיך מעלדן צום בלאקאוון, ער זאל מיר אריינבעמען צו אים אין ~~בלאק~~. מיט וואקלדיקע טריט פארלאז איך אצא דעם שפיטאל. דער קאלטער דרויסן, וועלכער האט דורך די שפיטאל־פענסטער, אויסגעזען אזוי שיין, ליבלעך בעמט מיר בלייך אדורך און איך קורטשע זיך פון קעלט. די האלענדערקעס פאלן מיר בסדר אראפ און יעדעס מאל צי איך צוריק ~~מיינע~~ נאקעטע פיס פון בריענדיקן שניי. קוים זיך דערשלעפט צום ~~בלאק~~. דער בלאקאווו בעמט דעם צעטל פון שפיטאל קוקט זיך ארום אין אלע זייטן און זאגט, אז ער האט נישט קיין ארט פאר מיר.

איך גיי צוריק אין שפיטאל און ~~זאג~~, אז אין בלאק האט מען מיר נישט צוגענומען. איך באקום א צווייטן צעטל צו גיין אין 48 שאאונגס בלאק, זיך צו דערהאלן נאך דער קראנקהייט

דער נאמען און די אויפגאבע פון בלאק 48 האט אבסאלוט נישט אנטשפראכן די ווירקלעכקייט נאר איז געווען דער היפוך. אויב פון שפיטאל איז מען געקומען א ביסל א צוגעהיילטער האט מען דא זייער שנעל צוריק געקאנט פארלירן דאס געזונט. קעלט, שמוץ, הונגער זיינען דא א נישט־צעטיילבארע דריי־איינקייט, וואס פארפאלגט דיך 24 שעה אין מעת־לעת. פאר מיר איז זייער שווער אריינצוגיין צוריק אין דאזיקן לעבן. די 4 חדשים אין שפיטאל זיינען ~~דאך~~ אין א געוויסער מאס געווען אויסער דעם תחום פון דעם אלעמען אויף וואס איך טרעף זיך איצט ווידער אן, אויף דער רויער ווירקלעכקייט פון נאצישן לאגער.

א רוסישער העפטלינג, וועלכער גייט אנגעטאן אין האלענדערקעס, טראגט ארום אין באראק צו פארקויפן א פאר גוטע מיליטערישע שיך. איך מעסט זיי אן און נעם זיי שוין צוריק נישט אראפ. איך פרעג דעם רוס וויפל ער וויל פאר זיי. דעק פרייז איז 2 פייקעס ברויט. איך האב נאך ברויט פון שפיטאל און ~~איך~~ גיב אים ~~ארויס 2 פייקעס ברויט~~.

דער רוס קוויקט זיך מיטן ברויט און איך קוויק זיך קוקנדיק אויף מיינע שיך. א

צווייט מאל האט עס בעקאנט זיין פארקערט.כאטש פון באראק ביי איך במעט ווי
ארויס,דערהאלטן מיר דאך די שיך ביים לעבן.פון צייט צו צייט ווערן מיר ארויסגע-
יאגט אויפן אפעל-פלאץ.מען האלט אונדז אין איין ציילן,צי עס פעלט נישט אימיצער.
ווי אזוי און וווהין קאן א ייד אנטלויפן פון בובענוואלדער לאגער,און דאך האלט
מען אין איין ציילן,אין איין קאנטראלירן די צאל העפטלינגען.בעת איינעם אזא
אפעל זע איך לעם זיך אן אונגארישן ייד,וועלכער שטייט מיט א קליין סידורל און
דאוונט.איך וועגד זיך צו אים ער זאל באהאלטן דאס סידורל אין קעשענע ווייל מיר
קאנען אלע זייער טייער באצאלן דערפאר.דער פרומער אונגארישער ייד ענטפערט מיר:
איך פארלאז זיך אויף גאט,אז ער וועט אונדז איינהיטן.סארא שטארקע אמן בלינדע
אמונה דער דאזיקער ייד האט אין זיך פארמאגט!

<u>העפטלינג נומער 000</u>

דעם 15טן [illegible] הייסט דער בלאקאווע אלע יידן נעמען זייערע פעקלעך און מען
פירט אונדז אריבער אין בלאק 62.דאס איז א ריזיקער בלאק אין וועלכן ס'געפינען
זיך טויזנטער העפטלינגען.די ענגשאפט איז א געוואלדיקע.20 מענטשן שלאפן אויף
איין פריטשע.דאס ווארט שלאפן איז דא נישט איינגאנצן אויף אן ארט,ווייל זייער
ווייניק האפטלינגען שלאפן באמת.מען ליגט איינגעפרעסט איינער אין אנדערן,זיך
נישט קאנענדיק געבן א ריר.איבערדרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער
מוזן אלע צוזאמען און א פאר מאל אין דער נאכט דרייט מען זיך ווי אויף א קאמאנ-
דע,איבער פון דער רעכטער זייט אויף דער לינקער און פארקערט.צווישן די העפטלינ-
גען זיינען דא פיל קראנקע,אזעלכע וואס האבן הויכע טעמפעראטור.זיי אליין ליגן
אין יסורים און וויטאגן,קרעכצן און שרייען און פארביטערן אויך דאס לעבן פון
די ארומיקע.די שטערבלעכקייט צווישן אונדז איז א געוואלדיק גרויסע.יעדן אין דער
פרי/~~טראגט~~ מען פון די באראקן ~~ארויס~~ צענדליקער מתים.זיי ווערן אוועקגעפירט אין
קרעמאטאריום פון וואנען עס טראגט זיך בסדר א שטיקנדיקער שווארצער רויך,וואס
ווארפט אויף אונדז אן אן אימה.

די טעג איז מיינער א באקאנטער פון שילאוויעץ אוועק אין קרעמאטאריע.ער איז
געשטאנען נעבן מיר אין דער ריי צו באקומען זיין ברויט-פארציע.ער האט נישט בא-
וויזן אריינצושטעקן די ציין אינעם ברויט,ווי ער האט זיך געגעבן א וואקל אויף
די פיס.ער האט נאך ~~באוויזן צו~~ זאגן:אשר איך פיל נישט גוט,און אין זעלבן מאמענט
איז ער שוין געלעגן ~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx~~ אויסגעצויגן אויף דער ערד,מיט

## מיר באקומען פעקלעך פון אינטערנאציאנאלן רויטן קרייץ

אין 48-טן שאלדנגס-בלאק געפינען זיך העפטלינגען פון פארשידענע נאציאנא-ליטעטן. אהער האט די דייטשישע ראסן-טעאריע און ראסן-שנאה כמעט נישט דערגרייכט די היטלעריסטישע לערע וועגן די נידעריק ראסיקע יידן, וועלכע זיי האבן ווי אפקלאנג. א פעסט פארשפרייט איבער גאנץ אייראפע, האט דא נישט געפונען קיין מיר לעבן זיך גוט צוזאמען מיט די העפטלינגען פון פארשידענע נאציאנאליטעטן. אונדז פארייניקט דער בשותפותדיקער גורל פון ליידן און די בשותפותדיקע האפע-נונגען און טרוימען וועגן דער צוקונפט. ווי טיף די דאזיקע פריינדשאפט ווארצלט ביי די דאזיקע העפטלינגען האבן מיר אין גיכן געהאט א מעג-לעכקייט זיך צו איבערצייגן.

אין איינעם פון די ערשטע אפעל-טעג האבן מיר געזען אריינפארן אין לאגער א סך אנגעלאדענע לאסט-אויטאס. באלד האט זיך פארשפרייט אן אויסערגעוויינלעכע ידיעה, אז דאס האט דער אינטערנאציאנאלער רויטער קרייץ אריינגעשיקט פעקלעך פאר די קאצעטניקעס. די ידיעה האט זיך ארויסגעוויזן פאר ריכטיק, דער רויטער קרייץ האט אריינגעשיקט פעקלעך מיט פארשידענע פראדוקטן צו פאנאנדערטיילן עס צווישן אלע קאצעטניקעס.

~~ווען אונדזער בלאקאדער, א דייטשישער פאליטישער העפטלינג, האט באקומען~~ די פעקלעך פאר זיין בלאק האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט באקומען בלויז פאר די אנדערע העפטלינגען, די יידישע העפטלינגען האבן די נאציס אויסגעשלאסן פון חשבון.

דער בלאקאווער האט גערופן צו זיך די יידישע העפטלינגען און האט זיי איבער-געגעבן ווי אזוי די לאגע מיט די פעקלעך זעט אויס און אז ער האט א שטרענגע פארארדענונג פון די נאציס, אז די יידן טארן אין קיין שום פאל נישט געניסן פון די פעקלעך. איבערגעגעבן אונדז ווי אזוי די נאציס ווילן פארטייל די פעקלעך ~~האט ער אונדז~~ גלייך געמאלדן זיין פלאן

פאר די נאציס וואלט דאס געווען צופיל, אז אויך די יידישע קאצעטניקעס זאלן געניסן פון די פעקלעך, און זיי האבן [illegible] אויסגעשלאסן פון חשבון,

די בלאקאווע האבן באקומען פעקלעך בלויז פאר די ארישע מיט א ווארענונג, אז די יידישע העפטלינגען טארן אין קיין פאל נישט געניסן דערפון.

דער בלאקאווער פון אונדזער שאוונגס-באראק, א ~~דייטשישער~~ פאליטישער העפטלינג וועלכער געפינט זיך שוין דא פון ~~1933~~ יארן, האט פארופן צו זיך די יידישע העפט-לינגען און אונדז איבערצעגעבן ווי אזוי די מיט די פעקלעך זעט אויס. ער האט אונדז גלייך דערקלערט, אז ער וועט דערצו נישט דערלאזן. ביי אים - האט ער אונדז ~~דערקלערט~~ גערעדט - זיינען אלע מענטשן גלייך, צוליב דעם, וואס ער האט נישט אנערקענט די היטלעריסטישע ראסן-טעאריע אפן די העכערקייט פון דער דייטשישער ראסע זיצט ער שוין ~~דא 12~~ יארן אין בוכענוואלד. די נאצים האבן ארויסגעגעבן 1 פעקל אויף 2 פערזאן, ער וועט פארטיילן איין פעקל אויף 3 פערזאן און די יידישע העפטלינגען וועלן ~~אויף אזא אופן~~ באקומען גלייכע חלקים מיט אלע אנדערע. דערביי האט ער אונדז געבעטן, אז מיר זאלן אין די אנדערע בלאקן נישט דער-ציילן וועגן דעם, ווייל דאס קאן דערגיין צו די נאצים און דאן דראט אים צו באצאל דערפאר מיטן לעבן. מיר האבן דעם בלאקאווון געדאנקט פאר זיין טיף-מענטשלע כער האנדלונג, און אים צוגעזאגט צו האלטן דאס בסוד און היילק אפגעהיטן אונדזער צוזאג.

אין די פעקלעך זיינען געווען ~~פלייש און פיש~~ קאנסערוון, קאווע, שאקא-לאד, ~~פאפיראסן און אנדערע~~ פראדוקטן, וועלכע מיר האבן שוין נישט געזען אין משך פון יארן. פאר אונדז איז אפילו געווען שווער זיך פארצושטעלן, אז זאכן עקזיסטירן נאך אויף דער וועלט און עס זיינען דא אזעלכע מענטשן וואס גע-ניסן דערפון. די דאזיקע אלע גוטע זאכן זיינען פאר אונדז געווען א גרויסער געבנס אבער נאך מער סאטיספאקציע האט פאר אונדז פארגעשטעלט די טיף הומאניטארע האנדלונג פון אונדזערע "אורישע" העפטלינגען, וועלכע האבן אונטער דער דראונג פון טויט אפגעווארפן און געטראטן מיט די פיס די נאצישע טעאר-יעם און לערעס פון מענטשן-שנאה.

שטשקל ברויט פארקלעמט אין זיין טריטער האנט.

אויך מיר דערווארט דער זעלבער סוף.איך בין איבגאנצן אן אויסגעשעפטער.דער הונגער מאטערט מיר געפערלעך.און דער ווילן צום לעבן גייט אויס און שטארבט אפ אין מיר.

צווישן די דייטשישע העפטלינגען אין בוכענוואלד איז דא א גרויסע צאל אינטעליגענץ:פראפעסארן,אדוואקאטן,אינזשינירן א.א.איך טרעף דא א העפטלינג וואס טראגט דעם נומער 100,מיין נומער איז 67.722.ער דערציילט מיר אז ער איז א פראפעסאר און געפינט זיך פון יאר 1933.שוין 12 יאר ווי ער און טויזנטער אנדערע אנטי-נאצים שמאכטן אין בוכענוואלדער און אנדערע לאגערן. היטלער - דערציילט ער מיר - האט זיינע פאליטישע קעגנער נישט געשוינט און ער האט טויזנטער פון זיי פארשפארט אין קאנצענטראציע לאגערן און אומגעבראכט.דו - וועגדעט ער זיך צו מיר - דארפסט זיין גליקלעך,וואס דו ביסט געקומען אהער אין א גוטער צייט.דו זעסט דא רויכערן די קרעמאטאריע אויוונס - היינט ברענט מען דא בלויז מתים,פריער האט מען דא געברענט לעבעדיקע מענטשן.יא,לעבעדיקע מענטשן! דיינע פריינד,חברים,נאנטע ירבנ און אלט זיינען אין משך פון געציילטע מינוטן פארוואנדלט געווארן אין אש און רויך.שטעלסטו זיך פאר,וואס מיר האבן דא איבערגעלעבט?!

פון שמועס מיטן העפטלינג נומער 100,דעם דייטשישן פראפעסאר, שווינדלט מיר אין קאפ.ביין,איך שטעל זיך נישט פאר ווי אזוי מען האט לעבעדיקע מענטשן געברענט אין די קרעמאטאריע-אויוונס...ס'איז מיר אויך שווער צו פארשטיין דאס וואס דער פראפעסאר האט אזוי אונטערשטראכן,אז איך בין אריינגעפאלן אהער אין א גוטער צייט,ווען דער מלאך-המות בייט מיר נאך פוס-טריט און צענדליקער פון אונדז פאלן יעדן טאג אוועק פון הונגער,קראנקהייט און אויסגעשעפטקייט...דעם פראפעסארס רייד פארפאלגן מיר,גיבן מיר נישט קיין רו. ...לעבעדיקע מענטשן...ירבנ און אלט...פארבאזט,פארסמט,געברענט אין די קרעמאטאריע אויוונס..א קאלטער שוייס באדעקט מיר,איך שפאר זיך אן עפעס אן נישט אומצופאלן.

## די הימלען בעהערן צו די אליאירטע

אויב די דייטשישע ערד בעהערט נאך צו היטלערן,זיינען שוין אבער די הימלען אין רשות פון די אליאירטע.איבער אונדזערע קעפ טראגן זיך פראנק און פריי הונ-

דערטער באמבארדיר-עראפלאנען פון די אליאירטע ארמייען,וועלכע שיטן ארויס פון זייערע איבערווייידן טאנען מיט אויפרייס-מאטעריאל.

ס'דערמאנט זיך מיר די ערשטע טעג פון היטלערס מארש אויף פוילן,אין יאר 1939. דעמלט איז געווען א פארקערטע סיטואציע:די ערד איז געווען פויליש,מיט פויליש מיליטער און אדמיניסטראציע,אבער אין דער לופטן,איבער דער פוילישער ערד, האבן געהערשט די נאציס.זייערע מעסערשמידס האבן פראנק און פריי ארומגעקרייזט דאס פוילישע ערד,געזייט טויט און חורבן,בהלה און פאניק.אדאנק דאס באהערשן די הימלען איז דער דייטשישער ארמיי געלונגען אין אזא שנעלן טעמפא צו באהערשן און אקופירן דאס לאנד.איצט האט זיך די ראד פון דער געשיכטע א דריי געטאן - איבער דער דייטשישער ערד פליען פראנק און פריי די עראפלאנען פון די אליאירטע - זיי זיינען די הערשער אין דער לופט.אנאלאגיש געגומען איז עס די פרעלודיע צו אונדזער באפרייונג.

איבער אונדזערע קעפ,איבערן בוכענוואלדער לאגער,טראגן זיך הונדערטער אליאירטע עראפלאנען.מיר פארדרייען די קעפ און קוקן מיט טרערן אין די אויגן ווי אונדזערע באפרייער שוועבן אין דער לופטן.די עס-עס,געסטאפא,וועלכע ווייזט שטענדיק ארויס אזויפיל טרפעט,צעדוקט זיך איצט אין די ווינקעלעך,פארלירן זייער זיכערקייט און גלאנץ.מיר דאקעגן שטייען און קוקן אויף זיי פול מיט האפענונג און דערוואַרטונג. דעם לאגער באשיסן זיי נישט.די ערשטע עסקאדרע עראפלאנען פליט אריבער און מאכט געזאלין צייכנס איבער בוכענוואלד,אז די ווייטערדיקע עסקאדרעס זאלן וויסן,אז דא איז דער פאליטישע לאגער בוכענוואלד און זיי זאלן נישט באמבארדירן. א פאר מינוט שפעטער דערטראגן זיך צו אונדז דעטאנאציעס פון אויפרייסן. די אויפרייסן ווערן אלץ גע- דיכטער און שטארקער.די לופט ארום אונדז וויברירט און דער באדן אונטער די פיס טרייסלט ווי אבן אן ערד-ציטערניש.דאס באמבארדירט מען נישט ווייט פון אונדז, די היסטארישע שטאט ווייַמאר.אין ווייַמאר זיינען אין 19טן יאר,נאך דער ערשטער וועלט- מלחמה,געלייגט געווארן די יסודות פון דער דייטשישער דעמאקראטישער רעפובליק, וועלכע היטלער האט מיט א פאר צענדליק יאר שפעטער געטראטן מיט די פיס.ווייַמאר איז געווען די שטאט,ווו ס'האבן געוווינט געטע,שילער,אויך, אויך זייער זכראון ירושה האט היטלער געטראטן מיט די פיס און זייערע שאפונגען געברענט אויף די אויטא-דא־פעס.איצט האבן די איינוווינער פון ווייַמאר געצאלט דעם רעכענ

נונג דערפאר,דעם רעגענבוגן פאר xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx בישט האלטן זיך אין די ראמען פון זייער רעפובליק וועלכע איז אנגעצייכנט געווארן ביי זיי אין שטאט,דעם רעגענבוגן פאר טרעטן מיט די פיס די שיינקייט און הומאניטארישקייט פון געטע און שילער,~~וועלכע האבן געלעבט און געשאפן ביי זיי אין שטאט~~.טויזנטער איינ-וווינער פון ווייטאר האבן יענעם טאג באצאלט דערפאר מיט זייער לעבן און די שטאט איז געלעגן אין אש און חורבות.

שפיל ציגיינער...

יידן און ציגיינער האבן אין די נאצי-יארן xxxxxx ~~געהאט~~ דעם זעלבן גורל, זיי זיינען געווען פארמשפט צום טויט און אומקום.אין אלע לאגערן ווו ס'האבן זיך געפונען יידן,ווו סהאבן געברענט די היטלעריסטישע קאלך-אויוונס האבן זיך אויך געפונען ציגיינער.פון פוילן,פון ~~גאנץ~~ אקופירטן אייראפע,האט מען זיי פונקט ווי די יידן ארויסגעפירט אין אוישוויץ,מיידאנעק און אנדערע פארניכטונגס-לאגערן און דא זיי אומגעבראכט.לויט דער היטלעריסטישער ראסן-טעאריע האבן די ציגיינער גע-הערט צו דער נידעריקסטער ראסע און זיי האבן געדארפט אויסגעמעקט ווערן פון גאנס וועלט.

$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$

$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$

די ציגיינער זיינען באקאנט מיט זייער מוזיק,צווישן ~~די ציגיינער~~ זיינען דא ~~דייער~~ א סך טאלאנטירטע מוזיקער.די דייטשן קלויבן אויס די בעסטע מוזיקער פון צווישן זיי און אין אלע לאגערס שפילן ציגיינערישע ארקעסטערס.דאס איז געווען ממש טייוולאנישער חוזק,וואס בלויז די דייטשן האבן געקאנט אויסטראכטן אז פארן דעם טויט מיט מוזיק.אונטער די קלאנגען פון דער ציגיינערישער מוזיק זיינען די שקלאפן-ארבעטער פון די לאגערן ארויסבאגלייט געווארן צו דער ארבעט און ווען זיי xxxxxxxxxxxx האבן אין אוונט זיך צוריקגעקערט אפטמאל טראגנדיק מיט זיך xxxxxx טויטע וועלכע זיינען געפאלן אדער דערשאסן געווארן ביי דער ארבעט זיינען זיי ווידער אויפגענומען געווארן מיט ~~די קלאנגען פון~~ מוזיק.די קלאנגען פון דער ציגיי-נערישער מוזיק האבן זיך געטראגן איבערן לאגער ווען מען האט זייערע פרויען און קינדער געפירט אין די קרעמאטאריע-אויוונס,ווען א ביקסן-זאלפ האט אדורכגעלעכערט די קעפ פון צענדליקער העפטלינגען,די דייטשן האבן ליב געהאט דאס צו טאן אונטער די קלאנגען פון מוזיק,פון ציגיינערישער סענטימענטאלער מוזיק.

אויך אין בוכענוואלד געפינען זיך מאסן ציגיינער,וועלכע זיינען דא פארשפארט און קומען אום צוליבן איינציקן חטא וואס זיי זיינען געבוירן געווארן ציגיינער. ביזן אומקומען דארפן זיי דערווייל פארווײלן די נאציס מיט זייער שפילן.די עס-עס און געסטאפא אפיצירן ארדענען איין פון צייט צו צייט פארוויילונגען אין לאגער און זיי ~~ווײלן~~ זיך אונטער די קלאנגען,~~פון~~ ~~מרײקעא~~ פון די נידעריק-ראסיקע ציגיינער.די קאנצערטן רופן פאר אונטערן פרייען הימל פון וואגען עס דערטראגט זיך צו אונדז די שיינע מוזיק און דער וואלגארער געלעכטער פון די אויסגעפרעסענע היטלער-יונגען.די ציגיינערישע ראמאנסן טראגן אונדז אוועק אין אן אנדער וועלט.מיר פארגעסן אויף א ווייל ווו מיר געפינען זיך ~~און טראגן זיך אריבער~~ אין אן אויסגעחלומטער וועלט פון ליבע און שיינקייט.באלד וועקן מיר זיך אויף פון אונדזער זיסן דרימל,עס דערטראגט זיך צו אונדז דער קול פון א דייטשישן אפיציר:שפיל ציגיינער,וועסטו גוט שפילן,וועסטו א גוטן טויט האבן,וועסטו שלעכט שפילן – וועסטו א שלעכטן טויט האבן!

א פאר טעג שפעטער האט מען אלע ציגיינער פון אונדזער לאגער ארויסגענומען. צי האט מען זיי אומגעבראכט מיט א גוטן אדער שלעכטן טויט איז מיר נישט באקאנט...

אפשר אויך אונדזער פרילינג ?...

פרילינג אין בוכענוואלד.טויזנטער העפטלינגען האבן זיך אין די ערשטע פרילינג-טעג ארויסגעשאטן פון די שמוציקע,פארפעסטעטע באראקן.די זון וואריעמט און גלעט מיט אירע מילדע שטראלן.מיר וויקלען זיך ארויס פון אונדזערע שמאטעס און שטעלן ~~ארבס~~ אויסגעדארטע אברים ~~ארבעטער~~ די זון-שטראלן,זיי זאלן דערפילן צוריק דעם פולס פון לעבן. אין בוכענוואלדער לאגער זעט מען די ערשטע שפראצן פון פרילינג,די גרויקייט הויבט אן צו גרינען,צו בליען,צו שפראצן מיט נייע לעבן.אפילו אין בוכענוואלד האט דער פרילינג אין זיך א מעכטיקן כוח, אויך אין אונדז בלאזט ער אריין נייע כוחות,נייעם מוט,נייע האפענונגען:אפשר וועט עס זיין אויך אונדזער פרילינג,דער פרילינג פון די קאצעטניקעס,דער פרילינג פון די אויסגעמאטערטע פעלקער פון אייראפע,וועלכע לעכצן נאך שלום און פרידן צו קאנען געניסן פון גאטס שיינער וועלט,פון דער שיינער נאטור,וועלכע איז אזוי פרעכטיק שיין אין איר פרילינגדיקער יונגקייט.

בוכענוואלד איז איצט א צענטראלער טראנזיט-לאגער.יעדן טאג קומען אהער אן טראנספארטן מיט העפטלינגען פון די געביטן פון וואנען די דייטשן אנטלויפן,~~אבער~~ פון

דאנען ווערן זיי אפטראנספארטירט אין די אמוניציע-פאבריקן,צום בויען פארט-
פיקאציעס,צו העלפן דעם דייטשישן "זיג".

אין לאגער רוישט ווי אין א בינשטאק.טויזנטער מענטשן יאגן אין פארשידענע ריכ-
טונגען.xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxx זיי זיינען פארטיילט אין פארשידענע קאמאנדעס:ארבעטס-קאמאנדע,טויטן-
קאמאנדע,אפראוויזאציע,מאגאזין,סאניטארע,קעך א.א.הונדערטער אויטאס אנגעלאדן
מיט סחורות און פראדוקטן קומען כסדר אריין אין לאגער,זיי ווערן דא שנעל אויס-
געלאדן און פליען אוועק צו ברענגען פרישע פראדוקטן.די קיך ציט זיך אין דער
לענג פון עטלעכע בלאקן.דא ווערן צוגעגרייט זופן און קאווע פאר 60.000 העפט-
לינגען.2 מאל א טאג,פינקטלעך אין דער צייט,ווערט ארויסגעגעבן קאווע און 2 מאל
א טאג,פינקטלעך אין דער מיטאג ווערט ארויסגעגעבן די וואסערדיקע זופן.

א מאדנע וועלט שטעלט מיט זיך פאר די לאגער-שטאט בוכענוואלד.א שטאט אונטער
שטעכל-דראט.א שטאט פון בלויז מענער,אן פרויען און קינדער.א שטאט ווו אלץ ווערט
געטאן אונטער א קאמאנדע.6 אזייגער אין דער פרי גיבן זיך לויט א קאמאנדע א שאט
אראפ פון די פריטשעס די 60 טויזנט איינוווינער,אלע צוזאמען וואשן זיך,גייען
דערליידיקן זייערע מענטשלעכע באדערפענישן,xxxxxx טרינקען קאווע,שטעלן
זיך צום אפעל,גייען ארויס צו דער ארבעט,אלץ ווערט געטאן אונטער א קאמאנדע,אין
איין און דער זעלבער צייט. 60 טויזנט העפטלינגען פון פארשידענע לענדער,נאציאנא-
ליטעטן,גלויבן,עלטער,כאראקטער,רגילותן,פראפעסיעס,פאראינטערעסירונגען האבן דא פארלוירן
זייער אינדיווידואליטעט,זייערע נעמען;זיי זיינען דא געווארן נומערן,ציפערן.
60 טויזנט העפטלינגען,60 טויזנט איינוווינער ציילט די לאגער-שטאט בוכענוואלד.
צווישן זיי שרייבער,מוזיקער,מאלער,פראפעסארן,דאקטוירים,אדוואקאטן,אינזשיניערן,
טרוימער און רעאליזאטארן
ארבעטער,פויערים,מיטל-שיכט מענטשן,מענטשן פון גייסט און שיינקייט,פון דערהויבנע
און הומאניטארע אידעאלן xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx
איצט זיינען זיי נומערן,ציפערן,וועלכע שטעלן זיך אויס לויט דער קאמאנדע אויס
אין לאנגע רייען און שטייען מיט ציטערדיקע הענט צו באקומען די ביסל וואסערדיקע
זופ.ווי אזוי איז צו דעם דערגאנגען?!...

## <u>דער פרעמיער אונטער שטעכל-דראטן</u>

צווישן די דאזיקע טויטע נומערן און ציפערן האט זיך אויך געפונען דער געווע-
זענער פרעמיער פון פראנקרייך לעאן בלום.אין די יארן פון פאלקס-פראנט איז דער

ייד לעאן בלום, דער פירער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אוועקגעשטעלט געוו ביים רודער פון דער רעגירונג אלס פרעמיער-מיניסטער. שוין דעמאלט זעענדיק די געפאר פון אויפשפרייטונג פון היטלעריזם האט ער זיך אנטקעגנגעשטעלט די פרא-דייטשישע פאליטיק פון דער פראנצויזישער רעאקציע. ער איז אויך שארף ארויסגעטראטן קעגן מינכענער אפמאך, וועלכער האט פאר היטלערן געעפנט א טיר קיין אייראפע. נאך דער קאפיטולאציע פון פראנקרייך האט אים די פארעטערישע ווישי-רעגירונג איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן און אין 1942 איז ער פארשפארט געווארן אין בוכענוואלד. געפונען האט ער זיך אין גרויסן רעוויר, אין א בלאק, נישט ווייט פון שפיטאל. פאר דער צייט וואס איך בין געווען אין בוכענוואלד האב איך געהאט א שטארקן ווילן צו זען און זיך טרעפן מיטן גרויסן יידישן שטאטסמאן, אבער ס'איז מיר נישט געלונגען. דערפאר האב איך געהערט זייער א סך דערציילן וועגן אים און ספעציעל אין דער צייט וואס איך בין געלעגן אין שפיטאל.

א סך פון מעדיצינישן פערסאנאל זיינען געשטאנען אין נאנטן קאנטאקט מיט בלומען. זיי פלעגן זיך שטענדיק טיילן וועגן זייערע צוזאמענטרעפן און שמועסן מיט אים. איבערגעבן וועגן דעם פלעגן זיי אין א געהיימנעם טאן, אז זיי האבן זיך געזען און גערעדט מיט פרעמיער בלום. צי צוליב להכעיס די נאצים אדער צוליב דרך ארץ צו דער גרויסער פערזענלעכקייט האבן זיי אים טיטולירט מיטן נאמען פרעמיער. די פאליטישע העפטלינגען האבן אויך ארויסגעוויזן פיל זארג פאר בלומען זיך באמיענדיק, אז ער זאל האבן דאס נייטיקסטע פון אנטאן און שפייז. אין פולסטן ווידערשפרוך צו דער היטלעריסטישער ראסן-טעאריע און שאוויניסטישער לערע האט דער ייד און סאציאליסט לעאן בלום דא געפונען א ווארעמע סביבה און פולע סימפאטיע פון די דייטשישע און אנדערע פאליטישע העפטלינגען.

## עפעס גרייט זיך פאר די יידישע העפטלינגען

דעם ערשטן אפריל לויפן ארום די עס-עס און בלאקעלטסטע און הייסן אלע יידן זיך גלייך שטעלן אויפן אפעל-פלאץ. צווישן די יידישע העפטלינגען הערשט די לעצטע טעג אן אומרו און פאניק. דאס אריבערווארפן די יידישע קאצעטניקעס פון איין ארט אין צווייטן, דאס קאנצענטרירן זיי צוזאמען זאגט קיין גוטס נישט אן. צי האבן די דייטשן נישט בדעה אין דער לעצטער מינוט אדורכצופירן א מאסן-שחיטה איבער די יידישע העפטלינגען? דער איצטיקער אפעל פון בלויז יידישע העפטלינגען פארשטארקט דעם

אומרו.א סך פרווון זיך ~~צו~~ באהאלטן און נישט ארויסגיין אויפן אפעל.די עס-
נישטערט אדורך אלע בלאקן,שלעפן ארויס די פארשטעקטע און זייבען זיי מכבד מיט
די גומענע שטעקנס איבערן קאָפּ.

אויפן אפעל-פלאץ זייבען פארזאמלט א פאר טויזנט יידישע קאצעטניקעס,וועלכע
שטייען אויסגעשטעלט ,לויטן אנגענומענעם לאגער-פארשריפט,צו 5 אין א ריי.די עס-
עס קאנטראלירט די רייען,ציילט אונדז.נאכן ענדיקן די דאזיקע פראצעדור קומט א און
קאמאנדע מארשירן און אונטער דער וואך פון די עס-עס ווערן מיר אלע אריבערגעפירט
~~אין א נייעם ארט~~ אריינקומענדיק ~~אין נייעם ארט~~ בא-
פאלט ~~אונדז~~ אלעמען א פחד.דאס זייבען שוין נישט קיין בלאקן מיט פריטשעס,ווו צו
עס ווינען געווייבלעך די לאגער-איינוווינער.~~אבער~~ בעפינען מיר זיך אין א ריזיק
שטייגערנעם בנין,וווּ נישט נאר עס ~~זייבען נישטא קיין~~ פריטשעס,נאר קיין פאדלאגע
איז אפילו נישטא.לויט אלע סימנים איז דא געווען א שטאל פאר פערד.ס'איז פינצטער
נאס,מיר טרעטן אין וואסער.וואס באדייט דאס,וואס רעכענען די נאצים דא צו טאן
מיט אונדז?קיינער ווייסט נישט קיין ענטפער אויף דעם,מיר זייבען הילפסלאז און
אפגעשניטן פון דער גאנצער וועלט,אפגעשניטן אפילו פון נוכענוואלדער לאגער,פון
די דארטיקע העפטלינגען.

ס'רוקט זיך אן די נאכט.איך זוך אויס א פאר ברעטער און מאך אויף זיי מיין גע-
לעגער,כדי נישט צו ליגן אין וואסער.איין שלאף דערפיל איך אז עס ווערט מיר נאס
און קאלט.איך וועק מיך איבער און זע,אז די ברעטער זייבען נישטא און
איך ליג אין וואסער.קיין אנדערע זאכן צו טרישן האב איך נישט,טוליע איך זיך
איין אין א ווינקל און טרייסל זיך איבגאנצן פון קעלט.קוים דערלעבט דעם טאג.
אבער אויך דער טאג ברענגט נישט קיין פארלייכטערונג.מיר זיצן פארשפארט אין יסוּ-
רים און ווייטאקן.צווישן אונדז זייבען דא א סך קראנקע,זיי קרעכצן און שרייען
נאך הילף.קיינער פון דרויסן הערט נישט זייערע הילפס-רופן און מיר קאנען זיי מיט
גארנישט העלפן.א סך פון אונדז זייבען קראנק אויטן מאגן און די לופט איז ממש א
שטינקנדיקע און אומדערטרעגלעכע.

חוץ די פיזישע ליידן פון זיצן פארשפארט אין די דאזיקע באדינגונגען לגבי
וועלכע אונדזערע פריערדיקע באראקן האבן שוין אויסגעזען ווי לוקסוס-האטעלן,
פייניקט אונדז אויך די פראגע וועגן ~~אונדזער~~ ווייטערדיקן גורל.אלע סימנים האבן
געוויזן,אז היטלערס ממשלה גייט צו ענדע,אז דער דריטער רייך

קראכט און צעשיט זיך.אבער צי וועלן מיר דערלעבן דאס צו זען,צי וועלן זיי ~~איך~~
~~דער לעצטער מינוט אבער~~ נישט אומברענגען די לעצטע מאהיקאנער פון אויסגעהרגעטן
יידישן פאלק?...

## 5. ד ע ר  ט ו י ט - מ א ר ש

### מיר פארלאזן בוכענוואלד

נאך 48 שעה זיין פארשפארט אין פערד-שטאל אפגעשניטן פון דער גאנצער וועלט
ווערן געעפנט די טירן.דייטשישע און אונגארישע עס-עס מיט מאשין-געווער אין די
הענט שטייען אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן אין א שפאליער און יאגן אונדז ווידער
אויפן אפעל-פלאץ.טויזנטער יידישע העפטלינגען זיינען אויסגעשטעלט
אויפן פלאץ צו 5 אין א ריי.די עס-עס לויפט ארום צעווילדעוועט און טיילט דער מחנה
אין 2 גרופן,איינע רעכטס און איינע לינקס.וואס זיינען זיי אויסן מיט דער איצטי-
קער סעלעקציע ,וואס פאר א גורל איז באשטימט פאר דער גרופע פון רעכטס,פון לינקס,
קיינער ווייסט נישט.אלץ ווערט געמאכט שנעל,אין א טעמפא,נישטא ווען צו
פארטראכטן זיך,נאכצוקוקן,דער עס-עס ווייזט דירא אן מיטן האנט רעכטס אדער לינקס
און דו דארפסט מאמענטאל זיך געפינען אויף דיין אנגעוויזענעם ארט,ווען דו ווייסט
אפילו אז די דאזיקע גרופע איז באשטימט צום אומקום האסטו אויך נישט קיין ברירה
און אויסוועג.ביים מינדסטן פרווו פון נישט אויספאלגן דעם באפעל,פון פרווון זיך
אנטקעגנשטעלן באקומסטו א קויל אין קאפ.און שטענדיק טליעט דאך ביי דיר א פונק
פון האפענונג,אז אפשר איז די גרופע פון רעכטס אדער פון לינקס,
אין וועלכער דו געפינסט זיך,באשטימט נישט צום אומקום
נאר צום לעבן.

צעטיילט ~~אבער~~ אין 2 טראנספארטן,באקומט יעדער פון אונדז איין פייקע ברויט,
צידה לדרך,און מיר מארשירן ארויס פון בוכענוואלד.דער ערשטער טראנספארט
פון עטלעכע טויזנט יידישע העפטלינגען ווערט געטריבן אין דער ריכטונג פון טיראל

און 90 פראצענט פון זיי וועלן אויסגעשאסן ווערן און אומקומען אויפן וועג און
דער צווייטער
אxxxxx טראנספארט פון 1650 העפטלינגען,אין וועלכן איך געפין זיך,ווערט געטריבן
אין דער ריכטונג פון טירינגען.דאס איז געווען דעם דריטן אפריל,1945,עטוואס מער
פון א חודש פאר דער קאפיטולאציע פון דער דייטשישער ארמיי.דייטשלאנד איז שוין
געלעגן אין גסיסה-ווייען,זייערע שטעט און דערפער זיינען שוין פארוואנדלט גע-
ווארן אין אש און חורבות אונטער וועלכע עס זיינען געלעגן באגראבן טויזנטער
דייטשן,xxxxx
די אליאירטע ארמייען טרעטן זיי שוין ממש אויף די פיס,אבער דעם יידישן קרבן הא-
בן זיי נאך אלץ נישט ארויסגעלאזן פון זייערע בלוטיקע הענט.ווי אזוי קאן מען
פארשטיין די דאזיקע בלוטדורשטיקייט פון די דייטשן,מיט וואס לאזט זיך דערקלערן
וואס איצט,ווען פאר זיי איז שוין געווען קלאר,אז דייטשלאנד פארשפילט די קריג
און מען וועט דארפן אפגעבן א חשבון פאר אלע מעשים העתועים,האבן זיי זיך נאך גע-
ווייקט אין יידיש בלוט.פריער xxxxx
איז דאס פאר דער גרעסטער טייל פון זיי געווען א פראגע פון רויב,דער גאנצער ייד-
שער פארמעגן איז אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט;ס'איז געווען א פראגע פון קאר-
יערע,וואס ברוטאלער מען איז געווען צו די יידישע קרבנות אלץ העכער איז מען
געשטיגן אויפן היטלעריסטישן לייטער,איצט איז דאך דאס שוין נישט געווען,איצט
האט זיך די דאזיקע ברוטאלקייט און רציחות מיט גארנישט אפגעצאלט,איז פארוואס הא-
בן די עס-עס,די געסטאפא,די דייטשן עס געטאן ביז צו דער לעצטער מינוט?! איצט הא-
בן זיי געהרגעט לשם הרגענען,צי ווייסט די געשיכטע נאך אזא פאל פון אראפגידערן
צו אזא שטופע פון פארברעכערישקייט און בלוטדורשטיקייט?!

## דריטער אפריל

פארויס רייט אויף א פערד דער אבערשטורעמפירער,פון ביידע זייטן דייטשישע און
אונגארישע עס-עס מיט מאשין-געווער אין די הענט און טשאטעס הינט,און אין דער
1650 יידישע העפטלינגען. מיר מארשירן אין א שנעלן טעמפא.פאר די אויסגעפרעסענע
עס-עס יונגען ,וועלכע זיינען דערצו געהעריק אנגעטאן,איז דאס א שפילכל צו גיין
אין אזא מארש.פאר אונדז די אויסגעהונגערטע,אויסגעמוטשעטע,האלב-נאקעטע און באר-
וועסע קאצעטניקעס איז עס פון דער ערשטער מינוט א פארשפילטער פארמעסט מיטן טויט.
מיר מארשירן.שטייסטו אפ גיבן זיך אויף דיר א לאז די צווילדעווטע עס-עס און

באשיטן דיר מיט קלעפ,וועסטו זיך אויסקלייבן און ווייטער נישט קאנען גיין,א דערוואַרט דיר א קויל אין קאפ.מיר מארשירן.פון פאראויס דער אבער-שטורעמפירער,פון ביידע זייטן די עס-עס מיט די טשאטעס הינט און אין דער מיט 1650 יידישע קאצעטניקעס האלב נאקעט,באָרוועס,אזא פאראד,אזא מארש האט נאך די וועלט נישט געזען.

מיטאג צייט ווערט אונדזער קאלומנע פארהאלטן.מיר באקומען א וואסערדיקע זופ און אין א האלבע שעה ארום מארשירן מיר ווייטער.אין משך פון גאנצן טאג באקומען מיר מער גארנישט. דער מארש,דער שטויב,רופט ארויס ביי אונדז א שטארקן דורשט.קיין טרינקען באקומען מיר נישט.שפעט אין אוונט קומען מיר אן אין א דערפל און מען טרייבט אונדז אריין אין ~~דער~~ פויערישע שטאלן אויף נאכט-לעגער.ווי מיד מיר זיינען אלע פון מארש,נעמט אונדז נישט קיין שלאף.אלעמען מאטערט דער געדאנק,וואוהין מען טרייבט אונדז און וואס רעכענען די דייטשן צו טאן מיט אונדז.צו ענטפערן אויף דער פראגע איז קיינער פון אונדז נישט בכוח.

פערטער אפריל

באגינען ווערן מיר ארויסגעטריבן פון די שטאלן און ~~וועדן בלייבן~~ ארויסגעשטעלט צום מארש.קיין ברויט,קיין קאווע,קיין שום פראסוקטן באקומען מיר נישט.דער הונגער און דארשט הייבן אן ~~צו~~ מאטערן.מיטאג-צייט גיט מען אונדז ארויס צו 3 רויע קארטאפל און דאס איז די איינציקע שפייז אויף א גאנצן טאג.אדורכגייענדיק דורך די דייטשישע שטעטלעך און דערפער ווארפן מיר זיך אויף די מיסט-קאסטנס און שלעפן פון דארט ארויס אלע מינים עסן-אפפאל.די עס-עס שלאגט און יאגט אונדז אוועק.מיר רעכענען זיך אבער נישט מיט די קלעפ - דער הונגער איז שטארקער. ביז איצט האט זיך די עס-עס נאך נישט באנוצט מיט הייס געווער, ווען מיר געפינען זיך אין באוווינטע ישובים זיינען זיי אביסל צוריקגעהאלטענער מיט זייער אכזריות און דא ווילן זיי נישט שיסן.איך האב פון א מיסט-קאסטן ארויסגעשלעפט ברודיקע קארטאפל שאלעכץ און אנדערן אפפאל און אין איינעם דאס ~~ארויסגעגעסט~~.ס איז מיר באלד געווארן נישט גוט און איך האב באקומען גרויסע שמערצן.א סך מענטשן קורטשען זיך אין ווייטאגן פון הונגער און פון די פארשידענע חזירייען וואס זיי שלעפן ארויס פון די מיסט-קאסטנס.

<u>אכטער אפריל</u>

מיר זיינען שוין 5 טעג אין מארש.א גאנצן טאג מארשירן מיר אן אויפהער.די איינציקע שפייז,וואס מיר באקומען זיינען 3 רויע קארטאפל א טאג.אויך צא טריבקען באקומען מיר כמעט ווי נישט.צי ווילן די דייטשן אויף אזא אופן אונדז ארויסעבדיק אויף די זייטן פון די וועגן אויף וועלכע מען פירט אונדז וואקסט טיילמאל גראז, האבער,געדשטן.בגנבה,די עס-עס זאל נישט זען,רייסן מיר גראז און זאגנען און דער-נערן זיך.היינט האט עס די עס-עס באמערקט און האט געעפנט א געדיכטע שיסעריי אוי אונדז.טיל מענטשן האבן פארלוירן זייער לעבן.די טויטן-קאמאנדע באשיט זיי מיט א ביסל ערד און מיר מארשירן ווייטער.

ביינאכט פירט מען אונדז אריין אין פארמערישע שטאלן,די טירן ווערן פארהאקט און פון דרויסן שטייט אן עס-עס וואך מיט מאשין-געווער אין האנט גרייט צו שיסן. אין שטאל זייבען געווען זעק.א סך פון אונדז טוען זיך אן די זעק כדי צו פאר-שטעלן דאס נאקעטע לייב.אנדערע צעשניידן זיי און וויקלען ארום די פיס,ווייל די שיך האבן זיך שוין איבגאנצן צעשאטן.אין דער פרי באמערקט דער פארמער,אז אים פעלן זעק.ער מעלדעט וועגן דעם די עס-עס.זיי נעמען ארויס די ערשטע 10 קאצעטני-קעס,פירן זיי ארויס אויפן פעלד און דערשיסן.xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx xxxxxxxxxxx איך לעב אויך איבער טויט-שרעק:ביינאכט האב איך אין שטאל געפונען זעקלעך מיט תבואה און אביטל האב איך אריינגעשאטן אין די xxxxxx הויזן און פאר-בונדן מיט שטריקלעך,עס זאל זיך נישט ארויסשיטן.ווען די עס-עס באמערקט דאס בא-קום איך גלייך א קויל אין קאפ.

<u>צענטער אפריל</u>

אונדזערע רייען ווערן מיט יעדן טאג שיטערער.פאר דער וואך צייט xxx אין מארש זייבען מיר פולשטענדיק אויסגעשעפט.מענטשן פאלן אוועק אין מיטן גיין.אזעל-כער באקומט גלייך א קויל אין קאפ.מיר ליידן אלע אויף די מאגנס,אבער ארויסגיין זיך דערליידיקן איז נישט דערלויבט.די וואס טוען דאס באצאלן דערפאר מיטן לעבן. חוץ דעם הונגער פייניקט אונדז די גאנצע צייט דער דארשט.היינט זייבען מיר פאר-ביי א טייכל מיט שמוציק וואסער.א סך האבן זיך א ווארף געטאן צום וואסער.די עס-עס האט געעפנט א שיסעריי און צענדליקער מענטשן xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx זייבען געבליבן ליגן מיט אדורכגעלעכערטע קעפxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx פאר

מיינע אויגן אנטפלעקט זיך אן אומגלויבלעך בילד,וועלכן איך וועל שוין קיינמאל נישט פארגעסן:די עס-עס שיסט אין די חעפטלינגען ליגן ווי צוגעשמידטע צום וואסער און קאנען זיך נישט אפרייסן.און א סך פון זיי שליסן ~~שבאן~~ אן אייביקן בונד מיטן וואסער באפארבנדיק דאס טייכל מיט זייער בלוט.

איך דערהאלט דאס חיות מיט די קארן און גערשטן,וועלכן איך האב אנגעשאטן אין די הויזן.דערפאר איז ביי מיר מיטן מאגן שטארק נישט גוט,~~דער מאגן איז ביי מיר~~ פארשטאפט.די הינטערשטע קישקע איז ביי מיר ארויס און איך קען זיך נישט דערליידיקן,איך ווער צעזעצט און לייד שרעקלעכע יסורים.

דער טעמפא פון מארש ווערט פארשטארקט.מיר מארשירן איצט אויך ביינאכט די מענטשן באוועגן זיך ווי שיכורע,קרים וואס זיי האלטן זיך אויף די פיס.די עס-עס יאגט כסדר און לאזט נישט אויף א מינוט נאך דעם טעמפא.די וועלכע שטייען אפ, בלייבן ליגן ווערן גלייך דערשאסן און צוגעדעקט מיט א ביסל ערד.ביי מיר קלעפן זיך די אויגן און איך שלאף גייענדיק.איך וויל אויפרייסן די אויגן און קאן נישט,זיי זיינען ווי פארקלעפט.איך פיל,אז איך בין אין א געפאר,איך קאן יעדע מינוט אומפאלן און באצאלן דערפאר מיטן לעבן.אונטער די פיס דערפיל איך פייכטקייט.מיר גייען אין א קאלוזשע וואסער.איך בויג זיך אראפ,שעפ אן אין די הענט וואסער פון דער קאלוזשע און רייב איין די אויגן.איך רייס ~~אויף די אויגן~~ און זע ווי אן עס-עס אנסערווירט מיר,ווארשיינלעך בין איך שוין געווען ביי אים א קאנדידאט צו שיקן אויף יענער וועלט.

מיר מארשירן פארביי דייטשישע שטעטלאך און ישובים.אלע פענצטער זיינען העל באלויכטן מיט עלעקטרישע ליכט.פון ווו נישט ווו הערן זיך קלאנגען פון מוזיק. די דייטשן זיצן ~~איצט~~ בעמיטלעך אין זייערע הייזער,עסן זייער נארמאלן אווגט-ברויט פארברענגען און גייען דערנאך שלאפן אין די ריינע און באקוועמע געלעגערס.צי ווייסן זיי פאר וועלכן פרייז זיי האבן דאס דאזיקע בעמיטלעכקייט און באקוועמלעכקייט?צי ווייסן זיי,אז דאס אלץ איז פארן פרייז פון מענטשלעך בלוט,פון יידיש בלוט,וואס האט זיך געגאסן און גיסט זיך נאך אלץ שטראמענווייז?!

צוועלפטער אפריל

מיר מארשירן פארביי ~~א נישט גרויסע שטעטל~~.ס'איז אונדז שווער צו קוקן און זיך

באנעמען  דער געמיטלעכער רויקייט,וואס הערשט דא.מיר קוקן מיט באוואונדערונג

אויף די אויסגעריימטע גאסן,~~פארשיידנקאליריקע~~ [פארפאלנע] הייזלעך,מיט גערטלעך ארום,אויף

די געשעפטן מיט די ארויסגעשטעלטע סחורות אין די שויפענצטער,אזוי ווי א גאנצע

אייביקייט וואלט אונדז אפגעטיילט דערפון.ס'איז ~~אונדז~~ שווער צו גלויבן,אז סך

הכל מיט א פאר יאר צוריק האבן מיר נאך אויך געהאט היימער און היימען,משפחות

און פריינד,סאיז אונדז שווער צו פארבינדן די איצטיקע ווירקלעכקייט מיט דער

פארגאנגענהייט,מיר ווייסן נישט צי דאס איז וואר צי האלוצינאציעס.

נישט געאיילט שפאצירן די דייטשן מיט די פייקעס אין מויל.אין דער פרי גייען

זיי צו זייערע געוויינלעכע באשעפטיקונגען:די קרעמער – אין זייערע געוועלבער,

די באלמעלאכעס – אין די ווארשטאטן,די לערער – אין די שולן.די דייטשישע באלע-

באטעס צעשפרייטן אין דער פרי ברייט די פענצטער,לייגן ארויס דאס בעטגעוואנט

צום לופטערן און שרייען אריבער צו די שכנטעס קעגנאיבער וועגן שיינעם וועטער.

בייטאג גייען די יונגע דייטשן אין ביר-האליע טרינקען זייער קופל ביר און דער-

נאך אהיים זיך צולייגן אויפן מיטאג-שלאף.אין אוונט צעזעצן זיי זיך אויף די

וועראנדעס און פארברענגען געמיטלעך אונטער

די קלאנגען פון ראדיא און גראמאפאן מוזיק.זיי רוימען אויף די גערטנדלעך,פאר-

זעצן בלומען,קוויקן זיך מיט דער מילדער פרישקייט פון די ערשטע פרילינג-טעג.

מיר מארשירן דורך דייטשישע שטעט און ישובים.פאראיבער דער אבערשטורעמפירער,

ביי די זייטן עס-עס מיט טשאטעס הינט און אין דער מיט הונדערטער יידישע  העפט-

לינגען.עס איז שווער אויף אונדז צו דערקאנען דעם צלם אלהים:נאקעט,באוועס,

אויסגעדארטע דעקלעך ביינער,סקעלעטן.די דייטשן ווארפן אויף אונדז גלייכגילטיקע

בליקן,און קערן זיך באלד אום צו זייער באשעפטיקונג.קיין סימן פון פאראינטערעסי-

רונג,קיין סימן פון מיטלייד מיט אונדז.א שטויננדיקע גלייכגילטיקייט...

אדורכגייענדיק א געסל פליט פארביי אונדז [פארביי] א קאץ.מיין לאנדסמאן זלמן

און זיין זון וועלוול גיבן איר שנעל א כאפ.אין איין אויגנבליק האט זלמן

צעריסן די קאץ אויף צוויי העלפטן און באלד איז

די פארשוואונדן  אין טארבע וואס ער האט געטראגן מיט זיך.מיטאג-צייט,ווען מיר

האבן זיך פארהאלטן אויף א האלב שעה האט זלמן געמאכט א פייער און אפגעבראטן די

קאץ.דער זון איז געשטאנען די גאנצע צייט אויף דער וואך און אכטונג געגעבן,אז

די עס-עס זאל זאש נישט באמערקן,ווייל דאס האט געדראט מיט א קויל אין קאפ. נאך האבן טאטע און זון געגעסן דעם קאצן-בראטן און ~~זלמן האט צו מיר~~ בעשמייכלט, אז שוין לאנג האבן זיי אזא ~~בעשמאקן מיטאג נישט בעהאט.~~

## דרייצעטער אפריל

נאך דעם מיטאג פון די דריי רויע קארטאפל,וואס מיר באקומען,גייען מיר ווייטער אין מארש.נישט אלע קאנען זיך אויפהויבן און זיך שטעלן אויף די פיס.א טייל ~~פון דיי~~ הויבן זיך אויף אונטער די קלעפ פון די עס-עס און א טייל בלייבט דא שוין אי-בער אויף אייביק.

מארשירנדיק באמערקן מיר אויפן פעלד ליגן א געפגרטן פערד.הונדערטער העפטלינגע גען קוקן נישט אויף קיין שום געפאר און גיבן זיך א יאג צום פערד.באלד ווערט ער צעריסן אויף שטיקער.אויך איך ליג אויפן פערד און רייס ארויס א שטיק לעבער.זיך אויפהויבן צוריק קאן איך נישט,אויף מיר ליגן צענדליקער מענטשן,וועלכע צעקוועטשן מיר ממש.די עס-עס גיט זיך א לאז אויף אונדז און שלאגט מיטן מאשין-געווער.מענטשן בלייבן ליגן צעבלוטיקטע און די נאציס ענדיקן זיי ארויס.לעם דעם געפגרטן פערד וואקסט אויס א קבר פון א צענדליק יידישע העפטלינגען.

פון מיין שמוציקער טארבע נעם איך ארויס די לעבער און עס דאס רויערהייד.אין א נארמאלער צייט וואלט איך מעגלעך פון דאזיקן פלייש קראנק געווארן,זיך פארסמט, איצט רעאגירט נישט דער מאגן אויף אזעלכע זאכן,ער נעמט אויף ~~אלע הדיריגען~~,אבי מיט עפעס אים אנצופילן.

## זיבעצעטער אפריל

נישט ווייט פון אונדז,אין א פארקערטער ריכטונג,האט היינט אדורכמארשירט א גרויסער טראנספארט פון יידישע פרויען-העפטלינגען.זייער אויסזען האט אונדז גע-שניטן ביי די הערצער,אויך מיר זיינען דאך געווען אין דער זעלבער מערכה און אזוי אויסגעזען אבער די פרויען-קאלאנע האט אונדז אויפגעשוידערט און גערירט.נאקעט,באר-פוס,אויסגעדארטע סקעלעטן.פון צווישן די צעריסענע שמאטעס האבן זיך ארויסגעזען די נאקעטע לייבער.אין זייער צניעות האבן זיי מיט די הענט פארשטעלט די געשלעכטס-ארגאנען.זיי שרייען אריבער צו אונדז אין יידיש.די עס-עס גיט זיך א ווארף אויף זיי שלאגן.אויך אונדזער וואך שטעלט אן די ביקסן צום שיסן.אין ביידע קאלאנעס ברעכט אויס א מאסן-געוויין:די פרויען וויינען קוקנדיק אויף אונדז און מיר וויי

נעען קוקנדיק אויף זיי.העלפן אייבער דעם אנדערן קאנען מיר נישט,אפילו זיך אויס-טרישן מיט א טרייסט ווארט.פון דער ווייטנס קוקן מיר אויף אונ-דזערע יידישע פריינט,וואס פון זיי איז געווארן,וויפל צרות און ליידן זיי האבן אריבערגעטראגן און וויפל צרות און פיין זיי גייען איצט אדורך.קיינער ווייסט נישט וווהיין מען פירט אונדז און וואס פאר א לעצטן חשבון די דייטשן ווילן מאכן מיט אונדז, מיט יעדן טאג ווערט זייער אכזריות אלץ שטארקער און אונדזערע רייען אלץ שיטערער.

די פריינט-קאלאנע מארשירט פארביי און פארשווינדט.צי וועלן מיר זיך נאך באגעגענען?!

## ניינצענטער אפריל

די וועלכע קאנען נישט גיין ווערן גלייך דערשאסן.פון אונדזער קאלאנע איז שוין געבליבן נישט מער ווי איין דריטל.

נעבן מיר מארשירט מיין לאנדסמאן פון סקארזשיסק,פריילך,א שניידער,און זיין זון.א געוויסן מאמענט לאזט זיך פריילך אראפ אויף דער ערד און בלייבט ליגן. דער זון לויפט צו צום טאטן,כאפט אים אן ביי די הענט,שלעפט אים און שרייט מיט א געוויין: טאטע,שטעל זיך אויף,מען וועט דיך דערשיסן!דער פאטער מאכט א פארצווייפלטן פרוּוו זיך אויפצוהויבן,ער קאן דאס נישט באווייזן און ציט זיך ווידער אויס אויף דער ערד.דער זון וויל נישט אפטרעטן פון זיין פאטער,ער בעט זיך און וויינט ער זאל אויפשטיין.א נאציסטישע קויל האט אדורכגעלעכערט דעם מוח פון פאטער פאר די אויגן פון זיין זון.

א פאר טעג שפעטער איז אויך דער זון געבליבן ליגן אויף דער ערד און האט מער נישט געקאנט גיין.ער האט געטיילט דעם זעלבן גורל וואס זיין פאטער.

## צוואנציקסטער אפריל

דער טויטן-מארש האלט אן.אונדזערע רייען ווערן אלץ שיטערער.עס ברעכט אויס א שלאקס-רעגן.די שמאטעס קלעפן זיך צו צו די לייבער,דער וועג ווערט בלאטיק און ס'איז שווער זיך צו באוועגן.די עס-עס ווערט צעווילדעוועט,גיט זיך א יאג אויף אונדז און שלאגט מיטן מאשין-געווער.באלד נעמען זיי אוועק אריבער 200 העפטלינגען און אין געציילטע מינוטן ווערן זיי אויסגעקאסעט מיט אן האגל פון קוילן.

מען דעקט זיי צו מיט ערד און מיר מארשירן ווייטער.

## אײן און צוואנציקסטער אפריל

אן חעפטלינג פון אונגארן,א יינגל פון א יאר 16,בלייבט ליגן אויף דער ערד און קאן מער נישט גיין.די שיך זיינען ביי אים איינגאנצן צעריסן און פון די וווּנדן אויף די פיס רינט בלוט.אן אונגארישער עס-עס דערנענטערט זיך צו אים און הייסט אים אויפשטיין,ווען נישט שיסט ער.דאס יינגל וויינט,אז ער קאן מער נישט גיין. דער עס-עס באפעלט אים:אויפשטיין און לויפן!דאס יינגל שלעפט זיך צו אויפן בויך צום אונגארישן עס-עס,כאפט אים ארום ביי די פיס און קושט אים:דו ביסט דאך פון מיין לאנד,מיינס א ברודער,קוק ווי איך זע אויס,איך קאן שוין מער נישט גיין, לאז מיך לעבן!דריי קוילן אין קאפ און דאס אונגארישע יינגל איז געבליבן ליגן ביי די פיס פון זיין אונגארישן "ברודער".

אן אונגארישער עס-עס שלאגט מיר מיטן מאשין-געווער איבערן קאפ.דער קאפ איז נאך ביי מיר נישט איינגאנצן פארהיילט פון די וווּנדן נעכן אויפרייס אין שלי-גן און איך בלוטיק שטארק.דער עס-עס נעמט מיך ארויס פון מיין ריי און שטעלט מיך פון היבטן.זיין כוונה איז פאר מיר א קלאר-צוקומענדיק צום נאנטסטן וועלדל וועט ער מיר דערשיסן.איך כאפּ אויס א מאמענט און רוק זיך איבער אין די ווייטער-דיקע רייען.קיינער וויל מיר אבער נישט ארייננלאזן.איך שריי:מערדערס,לאזט מיך אריין,מען גייט מיך דערשיסן!קוים איז מיר געלונגען זיך ארייננצושטופן אין די רייען. דעק איך צו דעם קאפ מיט א זאק,ער זאל מיר נישט דערקענען.איז מיר געלונגען זיך ארויסצודרייען פון זיינע הענט.

איך פיל,אז די כוחות גייען מיר אויס,אז באלד וועל איך בלייבן ליגן. מיין שכן, א זוואליבער ,וואלמאן,באמערקט עס ער נעמט מיר אונטערן האנט און פירט מיך ווי א קינד.אין דעם מאמענט באקומט וואלמאן אויך געשלאגן פון אן עס-עס מאן.ער איז איינגאנצן צעבלוטיקט און די קאפ איז אים אנגעשוואלן פון די קלעפ.

צען טעג שפעטער,אין טאג פון באפרייונג,האב איך וואלמאנען ארומגעוואשן דעם קאפ.זיינע האר זיינען נאך געווען צוזאמענגעקלעפט מיטן בלוט.זיך טרעפנדיק ~~איצט אין מאנטרעאל,ווו מיר ביידע וווינען~~,דערמאנען מיר ~~זיך איין~~ אט דער טראגישער סצענע,ווען אונדזער לעבן איז געהאנגען אויף אן האר.

## פיר און צוואנציקסטער אפריל

א שיינער, ליכטער פרילינגס-טאג. אלץ ארום אונדז איז באדעקט מיט ~~פרישע~~ גרינס, פון דער ערד רייסט זיך און שפראצט ארויס פריש לעבן. פייגעלעך יאגן זיך ארום אין דער לופט און צווישערן פריילעך. פויערים אקערן די פעלדער, פארזייען תבואה. אלץ ארום איז פרילינגדיק אויפגעלייגט, קוואלט מיט נייעם לעבן.

מיר זיינען שוין 3 וואכן אין טויטן-מארש. פון די 1650 העפטלינגען, וועלכע זיינען מיט 3 וואכן צוריק ארויס פון בוכענוואלד איז ~~פארבליבן~~ געבליבן א קליין הייפל. דער גאנצער וועג וועלכן מיר האבן אדורכגעמאכט איז פארזייט מיט קברים פון ~~ייִדישע~~ קאצעטניקעס. אויב איינציקער פון דער משפחה וועט על פי נס בלייבן לעבן וועט ער קיינמאל נישט וויסן, וווּ זיין נאנטער איז געפאלן און איז געקומען צו זיין אייביקער רו. אויף דער גאנצער לענג פון וועג ליגן צוגעדעקט מיט א ביסל ערד די נאמענלאזע קדושים, וועלכע די דייטשישע רוצחים האבן א מינוט פאר זייער אייגענער גסיסה אומגעבראכט.

די וועלכע געפינען זיך אין דער קאלאנע זיינען אויך נישט xxxxxxxxxxxxxxxxxx ענלעך צו קיין מענטשן, נאר/ווי משונהדיקע גייסטער פון אן אנדער פלאנעט. זיי ציילן שוין יעדן טריט, וואס זיי מאכן, יעדער טריט איז פאר זיי אן איבערמענטשלעכע אנשטרענגונג. וויפל קראפט דאס האט לעבן אין זיך, אז עס קאן נאך צווינגען די דאזיקע גייסטער זיך צו באוועגן. דער גאנג ווערט וואס אמאל שווערער, די ערד ציט ציט אלץ מער צו זיך. זעצט זיך אראפ בלויז אויף א ווייל אויף דער ליבער ערד, בלויז אויף א ווייל אפצוכאפן דעם אטעם און קענסט זיך שוין מער נישט אויפהייבן. די ערד האלט דיך געבונדן צו זיך און דו בלייבסט שוין ליגן אויף אייביק.

מיר בלייבן שטיין אויף א האלבער שעה מיטאג-איבעררייס. מיר באקומען די דריי xxx רויע קארטאפל - אונדזער שפייז אויף א גאנצן טאג - און מיר פאלן אוועק אויף דער ערד. נעבן מיר ~~פאלט אוועק אויף דער ערד~~ א יונגער, 20 יאריקער בחור פון וויערזשבניק הערשל רובינשטיין. ער ברענט אויס אין א געוויין. די שיך זיינען ביי אים איינגאנצן צעריסן, די פיס זיינען אין וווּנדן און בלוטיקן, ער וועט מער נישט קאנען גיין, מען וועט אים דערשיסן! דאס געוויין פון רובינשטיינען האט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון אונדזערן א שכן, אויך א יונגערמאן. ער איז צוגעקומען באוויקט דעם וויינענדיקן, מיט פאטערלעכער הארציקייט xxx צוגעטוליעט צו זיך און אים געזאגט, אז ער איז פון פראפעסיע א דאקטער מעדיצין און ער וועט אים העלפן. ער האט זיך געווענדן צו מיר,

צי איך קאן איסאxxxxx שאפן א שטיקל ליידרבט.איך האב אפגעריסן פון מיין העמד-
~~שטיקל ליידרבט~~ און ריזיקירנדיק מיטן לעבן בין איך צוגעקראכן צו א נאכטן וואסער
און עס איינגענעצט.דער דאקטער האט זארגפעליק ארומגעוואשן די שמוץ ארום די וווכדן
האט פון זיין אייגענער קאלדרע אראפגעריסן א גרויסע שטיק און מיט דעם ארומגעבונדן
רובינשטיינען די פיס עס זאל אים זיין ווייך צו גיין.ער האט דערנאך די גאנצע צייט
אכטונג געגעבן אויף אים און ארויסגעוויזן פאטערלעכע ליבע.אדאנק די טיפע מענטשלע-
כע זארג און האנדלונג פון יונגן דאקטער האט הערשל רובינשטיין אויסגעהאלטן דעם
ווייטערדיקן מארש און איז געווען פון די גליקלעכע וואס זיינען געבליבן לעבן.
איך האב אים שפעטער געטראפן אין צא די-פי לאגערן אין בערגען-בעלזען.איך האב
אים צxxxxxxxxx אויפן ערשטן מאמענט נישט דערקענט.ער איז איצט געווען א שיינער
פעסטער יונגערמאן,וועלכן מען האט בשום אופן נישט געקאנט פארגלייכן מיטן xxxxxx
ארויסגעדארטן סקעלעט אין טויטן-מארש.

מיטן דאקטער האב איך זיך באפריינדעט און ער האט זיך פאר מיר פארטרויט,אז ער
פלאנירט צו אנטלויפן.זיין חשבון איז געווען,אז די דייטשן וועלן אונדז ביזן לעצטן
אויסראטן אין מארש,איז נאך וואס ווארטן אויף דעם סוף.קיין סך ריזיקירט ער נישט,
סיידוי דערוואוט אים דער טויט,וועט ער פרווון זיך ראטעווען דורך אנטלויפן,אפשר
וועט אים געלינגען.א געווויסע נאכט איז דער דאקטער xxx פארשוווכדן.צי אים איז
געלונגען זיך צו ראטעווען איז מיר נישט באקאנט,זיין שיינע מענטשלעכע געשטאלט איז
מיר כיז היינט איינגעקריצט אין זכרון.

<u>פינף און צוואנציקסטער אפריל</u>

קיין סך פון אונדז זיינען שוין נישט געבליבן,מיר ווערן מיט יעדן טאג ווייני-
קער.די טויטן-קאמאנדע האלט אין איין גראבן פרישע קברים און פארשיטן די נייע קר-
בנות.חוץ דער טויטן-קאמאנדע איז נאך ביי אונדז אויך דא א וואגן-קאמאנדע.צום סוף
פון דער קאלאנע שלעפן זיך נאך די גאנצע צייט עטלעכע וועגענער אין וועלכע ס'זיי-
נען איינגעשפאנט מענטשן.אין די וועגענער פירט מען xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx
אונדזער אזויגערופענעם פראוויאנט - עטלעכע זעק קארטאפל.אויף די וועגענער xxxxx
פארן אויף די קראנקע און די וואס קאנען נישט גיין.צום אנהויב האבן מיר זיך געלא-
זן פארפירן פון דעם און אנגענומען,אז די נאציס וועלן זיך צו אונדז באציען אפילו
ווי צו מענטשן.באלד האט זיך ארויסגעוויזן אונדזער טעות.אויב אימיצער פון די העפט

ליגנען איז ארויסגעפאלן בעתן אדורכגיין א באווויגטן ישוב האט די עס-עס איס
ארויפגעזעצט אויפן וואגן.ארויספארנדיק פון ישוב און צוקומענדיק צו א וועלדל אדער
פרייען פעלד האט מען די דאזיקע אראפגענומען פון וואגן און זיי דערשאסן.איצט האבן
מיר שוין געוווסט,אז די וועלכע זיצן אויפן וואגן זיינען פארמשפטטע און אין גע-
ציילטע מינוטן אדער שעהען וועט די טויטן-קאמאנדע אויפשטעלן א פרישן קבר און מיר
וועלן אין דער שטיל זאגן קדיש נאך אונדזערע אומבאקאנטע אבער אזוי נאנטע ברידער.
טאג-טעגלעך זיינען פארגעקומען אזעלכע עקזעקוציעס.א געדיכטער האגל פון קוילן
האט יעדן טאג דורכגעלעכערט צענדליקער קעפ פון די יידישע העפטלינגען.די טויטן-
קאמאנדע האט אויף דער שנעל,אין געציילטע מינוטן,אויסגעגראבן פאר זיי א קבר און
אין די פארבלוטיקטע שמאטעס זיי אריינגעווארפן אין מאסן-קבר.די ערד
ארום איז געווען אדורכגעווייקט מיט בלוט.
היינט זיינען אויך געפאלן די 2 יידן,וואס האבן אונדז ~~די נאנצע צייט~~ ארויס-
געגעבן די קארטאפל.אויסגעקליבן האבן די דייטשן צו דער דאזיקער ארבעט די 2 שטארקס-
טע יידן פון צווישן אונדז,וואס האבן אפילו איצט נאך די אלע איבערלעבונגען און
מאטערנישן געשפראצט מיט גבורה.זיי זיינען ~~די גאנצע צייט~~ געווען די אויפזעער אי-
בער די קארטאפל;מיטאג צייט האבן זיי פארטיילט ~~די קארטאפל~~ און
די גאנצע צייט זיינען זיי געגאנגען פון ביידע זייטן וואגן און אכטונג געגעבן
אויף די זעק קארטאפל.היינט האבן זיי די עס-עס ארויסגעפירט אויפן זייט פון וועג
און ביידן דערשאסן.
נאכט.מיר גייען דורך א וועלדל.פלוצים הערן מיר דעם באקאנטן דייטשישן אויס-
געשריי:מענטש נאט דעם הונט!די באדייטונג פון די ווערטער איז פאר אונדז באקאנט.
מיטן נאמען מענטש רופן זיי די הינט און די יידישע העפטלינגען רופן זיי מיטן נאמע
הונט.באלד דערטראגט זיך פון וועלדל דער וואיען פון הינט או
און א יאמערלעך מענטשלעך געשריי.~~באלד~~ קערן זיך די הינט אום צוריק און לאזשטשען או
זיך צו זייערע באלעבאטים,דאס הייסט אז פיי האבן זייער שטיקל ארבעט אפגעטאן,זיי
האבן דעם העפטלינג,וואס האט פרובירט אנטלויפן,צעריסן.אזעלכע סצענעס חזרן זיך
לעצטנס איבער יעדע נאכט.איינצלנע אדער עטלעכע מענטשן פרווון אין זייער פארצווייפ
לונג זיך ~~צו~~ ראטעווען דורך אנטלויפן און זעלטן ווען געלינגט דאס אימיצן
פון זיי.די ספעציעל דרעסירטע דורך ~~די דייטשן~~ הינט ~~אויף צורייסן מענטשן~~ גיבן זיך

א לאז אויף זיי און ~~דער~~ ווערן לעבעדיקערהייט צעריסן אין שרעקלעכע יסורים. איך קלער אויך וועגן אנטלויפן,אבער קאן זיך בשום אופן נישט אנטשליסן אויף דעם. די מאורימדיקע קולות פון די אומגליקלעכע העפטלינגען פון וועלכע זי הינט רייסן שטיקער פלייש און בייסן זיי דערנאך איבער די גארגלען,וועלכע דערטראגן זיך צו אונדז יעדע נאכט,שעקן און האלטן מיך אפ דערפון.פון דער צווייטער זייט האלט מיך אפ זיער געשאנק ווהין צו לויפן.זאל מיר שוין אפילו געלינגען צו אנטלויפן פון די נאצים און די נאצישע הינט,איז ווו וועל איך זיך אהינטאן.מיר געפינען זיך דאך אויף דייטשישער טעריטאריע;צווישן דייטשן,צי דיינען זיי בעסער פון די וואס פירן אונדז. אדורכגייענדיק אזויפיל דייטשישע שטעט און דערפער האב איך זיך נישט אנגעטראפן אויף קיין מיטפילנדיקע בליקן פון די דייטשן,קיין שום ווילן אונדז מיט עפעס צו העלפן,צו פארלייכטערן.

<u>זיבן און צוואנציקסטער אפריל</u>

בעת דעם טויטן-מארש באמערקן מיר אפט איבער אונדזערע קעפ פליען עראפלאנען פון די אליאירטע ארמייען.ביי אונדזערע באגלייטערס,די עס-עס,רופט דאס ארויס א פאניק, ביי אונדז פארקערט - א פרייד.אפטמאל לאזן זיך די עראפלאנען אראפ נידעריק איבער אונדזערע קעפ.אאַ זיי שיסן נישט אויף אונדז,זינטער דערקאנען זיי,אז דאס איז א קא לאנע פון קאצעטניקעס.זיי זוכן ~~אויס~~ די עס-עס צו באשיסן זיי פון מאשין-געווער. די "העלדישע" דייטשישע און אוקראינישע עס-עס לויפט דעמלט אריין אין די רייען פון די קאצעטניקעס,זיך באהאלטן הינטער אונדזערע פלייצעס.מיר די יידישע קאצעטניקעס ווערן דעמלט פאר זיי א שוץ-וואנט הינטער וועלכער זיי זוכן צו ראטעווען זייער פעל.עס אנטשטייט ביי אונדז א געדאנק,אפשר אויסנוצן אזא סיטואציע,זיך ווארפן אויף די עס-עס און זיך אויף אזא אופן ראטעווען.אין דער צאל זייגען מיר נאך איצט א סך [illegible] מער פון זיי,מיר ציילן א פאר הונדערט מאן און זיי עטלעכע צענדליק,אבער ~~די עטלעכע~~ הונדערט קאצעטניקעס ~~שטעלן~~ מיט זיך פאר א קנאפן כוח.די גרעסטע טייל פון אונדז קאן האלט זיך קוים אויף די פיס,מיר זיינען אלע שוואך און אויסגעשעפט,זיי וועלן אונדז איך אזא פאל אלעמען אויסשיסן.

מיר קוקן אויף די עראפלאנען,ווי נאנט זיי זיינען פון אונדז,טיילמאל זעען מיר די פליער,זיי פליען איצט אן מורא און ארומגעשטערט איבער דער דייטשישער טעריטאריע און מיר זיינען נאך אלץ אזוי אנמעכטיק און אין פולן רשות פון די נאצים.שוין אויף

די אויגן פון די אליאירטע ארמייען שיסן זיי און xxxx שטעלן אונדז אויס.
דער געדאנק וועגן אן אויפשטאנד פארפאלגט אונדז כסדר. א סך פון ~~אונדז~~ זיינען צוגרייט אויף דעם. זיי האבן אבער נישט די צושטימונג פון xxx דער מערהייט. חוץ דער פיזישער אויסגעשעפטקייט זיינען מיר אויך גייסטיק אויסגעשעפט. ביי דער דאזיקער פסיכישער ~~אויסגעשעפטקייט~~ איז שווער פאר די קאצעטניקעס צו אננעמען א באשלוס וועגן ~~מאכן~~ אן אויפשטאנד. דאס פעלט אין א גרעסער מאס די איניציאטא-רן פון אזא שריט – זיי ווילן נישט נעמען אויף זיך די אחריות פארן לעבן פון דער גאנצער גרופע.

<u>ערשטער מאי</u>

אונדזער קאלאנע xxxx פון 1650 העפטלינגען, וועלכע איז מיט 4 וואכן צוריק ארויס פון בוכענוואלד ציילט איצט בלויז 162. xxxxxxxx

מיר גייען איבער דעם טייך דונאי. איינער פון אונדז שפרינגט אין מארש אראפ פון בריק אין טייך אריין. די עס-עס האט דאס נישט באמערקט, ~~איך ער שווימט אויפן וואסער~~. עטלעכע פון אונדז האבן זיך אראפגעבויגן צו זען ווי ער שווימט. דאס האט פארראטן די עס־עס באמערקט אים און עפענט א געדיכטע שיסעריי. ער טונקט זיך אראפ אונטער וואסער און פארשווינדט אויף א וויילע. די עס־עס שטייט מיט אנגעצילטע ביקסן און ווארט ביז ער שווימט צוריק ארויף אויף דער אויבערפלאך. אויפן וואסער באווייזט זיך א רויטע רישקעלע און דער קערפער פארשווינדט אין די כוואליעס פון דונאי.

מיר גייען פארביי א פארם. אין אונדזער קאלאנע זיינען דא 2 ברידער גינזבורג. ~~גייענדיק~~ אויף א בערגל פרווורט איינער פון די ברידער צו פארשווינדן. די עס-עס באמערקט xxxxxx דאס און דערשיסט אים.

גייענדיק דורך א שטעטל דערשיינט פלוצים פאר אונדז א דייטשישער גענעראל. ער גיט א באפעל: אכטונג, שטייןבלייבן! מיר בלייבן שטיין. דער אבערשטורעמפירער און זיינע באגלייטער סאלוטירן. ~~ער~~ ווענדט זיך צום אבערשטורעמפירער און פרעגט אים וויפל יידן זיינען געווען אין דער קאלאנע?

– 1650, הער גענעראל – ציט זיך אויס דער אבערשטורעמפירער אין דער גאנצער לענג – 160 זיינען געבליבן, די איבעריקע זיינען אומגעקומען.

– פירט זיי גלייך xxxx אפ אין גאנצן לאגער אין לעבנאו! – באפעלט דער גענעראל – די אמעריקאנער זיינען שוין דא.

– צום באפעל, הער גענעראל – ענטפערט אים דער אבערשטורעמפירער.

ווען דער גענעראל גייט ארועק רופט זיך אפ צו אונדז דער אבערשטורעמפירער. איר האט גליק.ווען דער גענעראל קומט אא נישט אן אין דעם מאמענט בין איך xxx געווען גרייט אייך ארויספירן צום נאכסטן וועלדל און אלע אויסשיסן,עס זאל נישט בלייבן קיין זכר פון אייך.

מיר קומען אריין קיין לעבענאו.דער אבערשטורעמפירער גייט אראפ פון פערד. אונדז הייסט ער בלייבן שטיין און ער גייט אין לאגער אויסגעפינען צי איז דארטן פאראן ארט פאר אונדז.אין א 15 מינוט ארום xxxxxx קומט ער צו גיין און פירט אריין 80 העפטלינגען אין לאגער.80 העפטלינגען,און איך צווישן זיי,בלייבן שטיין אין שרעק.xxxxxxxx אויב דארטן איז מער קיין פלאץ נישטא קאן מען אונדז ארויס- פירן אונטערן שטאט און אויסשיסן.

דער שטורעמפירער קומט באלד צוריק און פירט אונדז אלע אריין אין לאגער.

די דייטשישע און אונגארישע עס-עס,xxxxxxxxxxxxxxxxxxxx פארשווינדט.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxx ביים אריינגאנג אין לאגער שטייט אן אלטער דייטש פון דער ווערמאכט.מיר פרעגן אים,צי מיר בלייבן שוין דא איבער.זיין ענטפער איז: יא,איר פארבלייבט שוין דא.

מיר פאלן איינער דעם אנדערן אין די ארעמס.קושן זיך און וויינען.וויינען פון פרייד און פון ביטערניש.די יתומים פון אויסגעהרגעטן יידישן פאלק וועלן שוין קיינמאל נישט געניסן פון פולער פרייד.דאס ביסעלע פרייד,וואס זיי וועלן נאך האבן אין לעבן וועט שטענדיק זיין געמישט מיט ביטערניש,וואס זיי האבן ~~ארע~~ ~~שטענדיק~~ אריינגעזאפט אין זיך אין די נאצישע לאגערן.

דאס איז געווען דעם ערשטן מאי,12 אזייגער בייטאג.

דער אלטער דייטשישער וואכמאן ברענגט אונדז אריין ברויט און שווארצע קאווע. שוין א חודש,אז מיר האבן דאס נישט געזען פאר אונדזערע אויגן.

7 אזייגער אין אוונט קומט צו אונדז אין לאגער דער קאצעטלער אבי ראזענוויין, א געוועזענער איר טשענסטאכאווער און גיט אונדז איבער די פריידיקע בשורה,,אז די אמעריקאנער ארמיי איז שוין אין לעבענאו און מיר זיינען ב א פ ר י י ט!!!

## 26 נאכן חורבן

### מיר זיינען פריי

מיר זיינען פריי,פרייע מענטשן.עס שטייט נישט איבער אונדז די געסטאפא, עס-עס,נאציס,היטלעריסטן,דייטשן.אין ערשטן מאמענט באנעמען מיר עס נישט,ס'דארף נעמען צייט ביז אונדזער מוח,אונדזער געדאנק וועט זיך צוגעוווינען, אנהויבן צו פארשטיין די באדייטונג דערפון.נאכן ערשטן פריידיק איבערברוך,דערהערנדיק די ידיעה,אז מיר זיינען באפרייט,ציען מיר זיך ווידער צוריק,אזוי ווי מיר וואלטן געטאן עפעס אזוינס פארוואס די נאציס קאנען זיך באלד כאפן אויפן ווייזן און אנהויבן טיילן קלעפ.6 יאר אונטער די נאציס,אין די געטאס און לאגערן,האט אין גאנצן געענדערט אונדזער ארט דענקען,מענטאליטעט,רגילותן.מיר זיינען ווי מענטשן וועלכע זיינען אין משך פון יארן געזעסן אין א פינצטערן קעלער און מיטאמאל האט מען זיי ארויסגעפירט אויף דער טאג-ליכט.זייערע ~~דייטשער~~ די אויגן און קאנען זיך נישט קיין עצה געבן מיט ן ליכט-שטראם,וואס פארבלענדט זיי .אויך מיר זשמורען די אויגן און ווייסן נישט ווי אזוי אויפצונעמען די פריי-הייט.

אויך אין פיזישן זין קאנען מיר נישט אויפנעמען די פרייהייט.מיר זיינען אלע געוואלדיק אויסגעשעפט און קוים וואס מיר האלטן זיך אויף די פיס.אין טאג פון דער באפרייונג האב איך געוווגן 75 פונט, מיינע ליידנס ברידער אויך אן ערך אזויפיל.איצט איז דאס פאר אונדז א רעטעניש,ווי אזוי די דאזיקע עצמות היבשות,די אויסגעטריקנטע ביינער,האבן נאך מיט עטלעכע שעה צוריק געקאנט מאר-שירן אין אזא מערדערישן טעמפא,וואס די דייטשן האבן פארלאנגט.

מיר זיינען פריי,פרייע מענטשן.איצט ליגן די נאציס,אונדזערע פייניקער, פארשטעקט אין די לעכער,און מיר מעגן שוין ארויסגיין אויף דער ליכטיקער טאג-שיין.עס וואקסט אויף אין אונדז א שטארקע פרייד,וואס מיר האבן דערלעבט דאס צו זען.אונדזער פרייד איז אבער געמישט מיט ביטערניש און טרערן נאך אונדזערע טאטעס,מאמעס,פרויען,קינדער,נאכן פארשניטענעם יידישן פאלק.

## עס פאלן נאך קרבנות

מיר ליגן אויסגעצויגן אויף די גראָעס,אויף דער פאדלאגע און רוען.א מאדנער געפיל באהערשט מיר:איך קען איצט ליגן אזוי פיל איך וויל,קיינער וועט נישט קומען שרייען: אפעל,ראוס,ראוס!די נאצים וועלן מער נישט קומען אהער אין באראק אויף אינספעקציעס,קאנטראלירן די "ריינקייט" טיילן קלעפ אויף רעכטס און לינקס און אנווייזן אויף וועמען,אז ער באקומט 20 שמיץ פאר...נישט אפהיטן די ריינקייט...

מיר זיינען אלע ~~געפעלער~~ פארלויזיקט,עס קריכן אויף אונדז ~~א...~~ ווערים,וועל-כע עסן אונדז אויף לעבעדיקערהייד.מיר דארפן וואס שנעלער זיך ארומוואשן און אנטאן אנדערע בגדים,אויב נישט וועלן די ~~אלע~~ אומפלייט פארענדיקן דאס וואס די דייטשן האבן נישט באוויזן.

10 אזייגער אין אוונט פארפארן צו אונדזער באראק מיליטערישע אויטאס,$$$ ~~וועלכע האבן געבראכט פעקלעך פון רויטן קרייץ~~.מיר באקומען איין פעקל אויף 2 פערזאן,אין ~~די פעקלעך~~ זיינען פאראן קאנסערווירטע פליישן און פיש,מארמעלאד, קאווע,ביסקוויטס,שאקאלאד,פאפיראסן און אנדערע גוטע זאכן,וועלכע מיר האבן שוין נישט געזען אין משך פון יארן,~~חוץ די וועלכע האבן באקומען איין איינציקן מאל נישט לאנג צוריק אין בוכענוואלד~~.איך באקום מיין צוטיילונג,קאך אויף עטלעכע טעפלעך קאווע און מער ריר איך זיך צו דעם אלעמען נישט צו.איך פיל זייער נישט גוט מיטן מאגן און חוץ דעם זאגט מיר דער שכל הישר אונטער,אז איך זאל זיך פון די אלע גוטע זאכן נישט ~~צורירן~~,ווייל איך קאן דערפאר טייער באצאלן.

א גרויסער טייל קאצעטניקעס כאפט זיך צו xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx xxxxx צום עסן און קאן זיך שוין דערפון נישט אפרייסן ביז צום לעצט.עס גע-דויערט נישט לאנג ווי די דאזיקע העפטלינגען הויבן אן קרעכצן און זיך קורטשען פון ווייטאגן.דער בויך ווערט זיי צעזעצט און זיי קאנען נישט האבן דעם מאגן. מען ביט וועגן דעם צווויסן דער אמעריקאנער מיליטער-מאכט.באלד קומען צופארן 3 גרויסע מיליטערישע אויטאס און 30 מענטשן ווערן אוויסגענומען אויף טראג-בעטלעך, און מען פירט זיי אפ אין שפיטאל קיין לאפין.

צומארגנס אין דער פרי איז צו אונדז אין באראק געקומען א בעלגישער יידישער דאקטער און האט xxx איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה,אז אלע 30 העפטלינגען זיינען ביינאכט געשטארבן.דער דאקטער האט אונדז xxxxxx דערציילט,אז ער און פיל אנדערע דאקטוירים האבן געטאן אלץ זיי צו ראטעווען,אבער ~~סהאט זיך ארויסגע~~

ס'איז געווען אוממעגלעך,די קישקעס האבן זיך ביי זיי איבערגעדרייט און די טוירים האבן גארנישט געקאנט העלפן.

די ידיעה טרייסלט אונדז אויף און מיר פילן זיך ווידער ווי אבלים.מיר זיינען געבליבן אזוי ווייניק,די 30 זיינען דאך מעגלעך די איינציק-לעבנגעבליבענע פון זייערע שטעט און קהילות און שוין נאך דער באפרייונג זיינען זיי פארשניטן געווארן.

דער דאקטער ווענדעט זיך צו אונדז,אז מיר זאלן אויף ווייטער זיין זייער פארזיכטיק מיטן עסן.די מאגנס זיינען ביי אונדז איינגעשרומפן און אטראפירט.מיר דארפן די ערשטע פאר חדשים זיך דערנערן ווי קליינע קינדער,און ער וועט אנווייזונג געבן אויף אונדזער דיעטע.מיר דאקטער,אז מיר זיינען שטארק פארלייזיקט און דארפן האבן א באד און אנדערע אנטועכץ.ער זאגט צו דעם ענין וואס שנעלער צו דערלייזיקן.און פאקטיש נישט לאנג ווארטנדיק ברענגט מען אונדז נייע בעטלעך,בעטגעוואנט,אאא בגדים,און מען פירט אונדז אין באד.לאנג,לאנג בין איך געשטאנען אונטערן פרישנייץ און האב זיך נישט געקאנט אפרייסן פון דערפרישנדן וואסער.נאך דער באד טוען מיר אן די נייע זאכן און מען פירט אונדז אריבער אין אנדערע באראקן.איך לייג זיך אוועק אויפן ריינעם בעט מיט די פרישע בעטגעוואנט און איך פיל זיך ווי א ניי-געבוירענער. ערשט איצט האב איך דעם טעם פון פרייהייט.

<u>נקמה פון די דייטשן</u>

עס איז א שיינער פרילינגס-טאג.מיר ליגן אלע אויסגעצויגן אויפן גראז און וואַרעמען זיך אויף דער זון.נעכטן אין דער צייט האבן מיר נאך מארשירט אונטער דער קאמאנדע פון די עס"עס און זייערע הינט,וואס זיינען געווען גרייט יעדע מינוט זיך צו ווארפן אויף אונדז און איבערבייסן די גארגלען.היינט זיינען מיר פרייע מענטשן און קאנען ליגן ווי לאנג מיר ווילן און געניסן פון דער פרילינגדיקער מילדקייט און שיינקייט. אויפן לאגער פלאץ באווייזט זיך א מיליטער־מאן פון דער אמעריקאנער ארמיי.ער דערנענטערט זיך צו אונדז און הויבט אן רעדן פויליש.עס דערציילט,אז ער איז א פוילישער און דינט אין דער אמעריקאנער ארמיי.היינט האבן זיי באקומען א טאג אורלויב פון זייער מיליטער־טייל קאנען באזוכן די שטאט און זען די מפלה פון די דייטשן.ער ווענדט זיך צו מיר און די ארום ליגנדיקע מיר זאלן מיט אים מיטגיין.ער ווייזט אונדז

אויף ביידע הענט עטלעכע גאלדענע זייגערלעך,וועלכע ער האט צוגענומען ביי · באציס און זאגט,אז מיר האבן נישט וואס מורא צו האבן ער וועט גיין מיט אונדז און מיר וועלן קאנען טאן וואס אונדז וועט געפעלן.

דער פוילישער מיליטערמאן גיט אונדז איבער,אז ער טראגט א געפערלעכע שנאה צו די דייטשן.ער האט זיך דערוווסט,אז זיין גאנצע משפחה איז אויף א טראגישן און אכזריותדיקן אופן אומגעבראכט געווארן דורך די היטלעריסטן און ער וויל נקמה נעמען אין זיי.ער נעמט ארויס עטלעכע רעוואלווערן און וויל זיי פארטיילן צווישן אונדז.

נישט איך און נישט מיינע פריינד האבן געקאנט דערפילן דעם פאליאקס פארלאנג צוליב דער פשוטער סיבה,וואס קיינער פון אונדז האט זיך נישט געקאנט האלטן אויף די פיס.איך האב געזאגט דעם פוילישן מיליטערמאן,ער זאל א קוק טאן אויף אונדזערע אויסגעדארטע סקעלעטן וועט ער זען סארא נקמה-נעמער מיר קאנען זיין אין דער מינוט.ער האט דאס פארשטאנען.ער האט ארויסגענומען זיין פאטא-אפאראט און גענומען בילדער פון אונדז.איין בילדל פון א גרופע העפטלינגען האט זיך ביי מיר איינגעהיט ביז היינט.

ביים געזעגענען האט דער פוילישער זעלנער פארטיילט צווישן אונדז אן היבשע צאל פעקלעך אמעריקאנער פאפיראסן און געווונטשן מיר זאלן זיך וואס שנע-לער דערהאלן און קומען צו די כוחות.

<u>ארויס מוזעלמענער – צוריק מענטשן</u>

די גוטע דערנערונג און באהאנדלונג באווייזן וווּנדער.די טרוקענע ביינער באדעקן זיך צוביסלעך צוריק מיט פלייש.מיר נעמען צו וואג, הייבן זיך אן ווידער צו פילן ווי מענטשן.

6 מאל א טאג נעמען די געוועזענע העפטלינגען פון פרויען-לאגער אריין עסן,לויט דער ספעציעלער דיעטע,וואס די דאקטוירים האבן באשטימט פאר אונדז.די מיליטערישע דאקטוירים און אמעריקאנער אפיצירן באזוכן אונדז אפט און גיבן אכטונג,אז מיר זאלן האבן די בעסטע באדינגונגען פון דאס בעסטע און שענסטע.

א געוויסן פרייטיק-צונאכטס פארנעמט דער טשאפליין פון דער אמעריקאנער ארמיי אלע העפטלינגען אויף א קידוש.ביי געדעקטע טישן פון כל טוב האבן זיך פארזאמלט אן ערך 100 געוועזענע קאצעטניקעס און אין א געמיטלעכער אטמאספער פארבראכט

עטלעכע שעה.ביים געזעגענען זיך האט דער טשאפליין אונדז געזאגט,אז ער און אמעריקאנער מיליטער-מאכט,וועלכע געפינט זיך דא,וועלן אלץ טאן פאר אונדז און אויב מיר האבן וועלכע ס'איז פראבלעמען און בקשות זאלן מיר זיך נישט געשטערט ווענדן צו אים און ער וועט זיך באמיען ווי צום בעטן זיי דערפילן. ער פארזי- כערט,אז די אמעריקאנער רעגירונג אויך אויף לחכא וועט אלץ טאן פאר אונדז און מיט דער צייט וועלן מיר קאנען אימיגרירן אין די פאראייניקטע שטאטן און לעבן אין א דעמאקראטישער מלוכה.

מיר דריקן אויס ~~אונדזער~~ דאנקבארקייט דעם טשאפליין פאר זיינע ווארעמע ווערטער און פאר דעם שיינעם אורנט וואס מיר האבן פארבראכט.זיך אנטרעפנדיק אויף דער דאזיקער ווארעמקייט האבן מיר נישט בלויז אונדזערע גופים באקומען צוריק זייער נארמאלן אויסזען,נאר אויך אונדזערע פארווונדעטע נשמות האבן זיך אנגעהויבן צו היילן און געפינען אן אנהאלט אין לעבן.

## מיר ברענגען צו קבר ישראל אונדזערע געפאלענע ברידער

האבנדיק דעם צוזאג פון מיליטערישן רב,אז ער וועט אלץ טאן פאר אונדז,בין איך און עטלעכע פריינד די צווייטע וואך אים באזוכט און איבערגעגעבן אונדזער בקשה.די בקשה איז באשטאנען אין דעם,וואס גייענדיק אין טויטן מארש פון בוכענ- וואלד ביז אהער זיינען ארום 1.500 העפטלינגען געפאלן אין וועג און זיינען דארטן פארשאטן געווארן.מיר ווילן ער זאל אונדז העלפן זיי ארויסזאמלען און ברענ- גען צו קבר ישראל.דער טשאפליין האט גלייך געגעבן זיין צושטימונג צו אונדזער פלאן.ער האט זיך פארשטענדיקט מיט דער מיליטערישער מאכט,וועלכע האט אויך ארויס געוויזן פארשטענדעניש פאר דעם ,האט גלייך צוגעטיילט אויטאס און גענומען אויף זיך די צוגרייטונג און אדורכפירונג פון עקסהומירן און אריבערפירן די קרב- נות אין זייער אייביקער רו.

אין לעבנאו ווערט צוגעגרייט א מאסן-קבר פר באערדיקן די אומגעקומענע.אין דער לוויה-צערעמאניע נעמט אנטייל דער גענעראל פון אמעריקאנעם מיליטער-טייל, און הויכע אפיצירן.א מיליטערישער ארקעסטער שפילט טרויער-מארשן און א מיליטער- איינהייט סאלוטירט דאס געווער.איין קאסטן נאך דעם אנדערן ווערן אראפגעלאזן אין מאסן-קבר.דאס מיליטער גיט אפ כבוד די געפאלענע דורך עטלעכע סאלוטן פון ביקסן.אלע פארזאמלטע:דער גענעראל,אפיצירן,זעלנער,דאס רעשטל לעבנגעבליבענע

ברעכן אויס אין א געוויין זעענדיק וויפל יונגס מיט אומשולדיקע קרבנות ווערן אראפגעלאזן אין קבר.

דער גענעראל האלט א קורצע רעדע.ער קאן נישט רעדן;די טרערן שטיקן אים און די ווערטער בלייבן שטעקן אין האלדז.אויך דער טשאפליין ברעכט אויס אין א געוויין ווען ער איז מספיד די קדושים.מיר זאגן אלע אויף א קול קדיש און געזע- גענען זיך מיט אונדזערע ברידער,מיט וועלכע מיר האבן צוזאמען אין משך פון יארן געטיילט דעם ביטערן כוס פון ליידן און וועלכע זיינען געציילטע טעג פאר דער באפרייונג געפאלן פון די נאצישע קוילן און נישט זוכה געווען ווי מיר זען זייער שענדלעכע מפלה.

אזעלכע לוויות פון הונדערטער קרבנות זיינען אויך פארגעקומען אין רעגענסבורג און אין אנדערע שטעט און שטעטלעך .

<u>דארט וווּ ס'האבן פריער געוווינט דייטשישע אפיצירן</u>

א פאר חדשים נאך אונדזער באפרייונג ווערן מיר פון לעבנאו אריבערגעפירט קיין איידלשטעטין.דא ווערן מיר איינקווארטירט אין הילצערנע באראקן.די אמעריקא- נער אפיצירן,וועלכע באזוכן אונדז אפט,פארזיכערן,אז מיר וועלן דא לאנג נישט זיין און מען וועט אונדז איינארדענען אין בעסערע וווינונגס-באדינגונגען.און פאקטיש זיינען אינגיכן געקומען מיליטערישע אויטאס און אונדז אריבערגעפירט קיין אייכוריגב. ווערן איינקווארטירט אין 2 גרויסע בנין- נים מיט אלע באקוועמלעכקייטן.דא זיינען פאראן באקוועמע וואש-צימערן,א טאנץ- זאל,ביבליאטעק,א מאדערן איינגעארדנטע קיך.ביז נישט לאנג צוריק האבן דא געוווינ אפיצירן פון דייטשישן לופט-פלאט - די באצישע עליטע. נישט ווייט פון דאנען, אין בערכטעסגאדען,פלעגט דער "פירער" ארויספארן אויף זומער-וווינונג.איצט וווי- נען דא די געוועזענע קאצעטניקעס פון די דייטשישע טויט-לאגערן.

די לעבנגעבליבענע פון בוכענוואלדער טויטן-מארש לעבן זיך צוזאמען ווי איין משפחה.מיר זיינען דאך אלע פאריתומט,אן משפחה,טוליען מיר זיך איינער צום צווייטן ווי מיר וואלטן געווען נאנטע פריינד שוין מכמה יארן.די אפיצירן פון דער אמעריקאנער ארמיי באזוכן אונדז אפט,ברענגען פילמען, ספארט און אנדערע פארוויילונגען.זיי ווילן אונדז מיט דעם צוריק אריינציען אין

נארמאלן לעבן,מיר זאלן,אויף ווייפל דאס לאזט זיך,פארגעסן אונדזערע טראגישע א. בערלעבונגען.ביי די יינגערע איז דאס לייכטער צו דערגרייכן,זיי ווערן שנעלער מיטגעריסן מיטן לעבנס-שטראם.אויסערלעך איז שוין אויף א סך פון זיי שווער צו דערקאנען, וואס זיי זיינען אדורכגעגאנגען אין די לעצטע יארן און נאר אפט לאזן זיי זיך ארויס אין א טאנץ ,אדער אין אן אנדער פארווייילונג,אויסצולאדן א ביסל יוגנט- זייער ~~ענערגיע~~,וועלכע איז אין משך פון יארן געשלאפן.מיט די עלטערע איז דער ענין ארממעגלעך אנדערש:סיי פיזיש און סיי פסיכיש איז זיי~~xxxxx~~ צו פארגעסן דעם שווערן באלאסט פון די נאצי-יארן וועלכער הענגט אויף זיי.

## א חתונה אין דיפי.

זלמן און זיין זון,וועלכע xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx האבן צוזאמען מיט מיר אדורכגעמאכט דעם טויטן-מארש פון בוכענוואלד,האבן אויך דערלעבט צו זען די מפלה פון די נאצים.זייענדיק אין ~~אייראפע~~ האט זיך זלמן צו זיין גרויסער פרייד דערוווסט,אז ~~אויך~~ זיינע א טאכטער איז געבליבן לעבן און געפינט זיך אין עסטרייך. ~~זייער פרייד איז נאך מער פארגרעסערט געווארן ווען~~ זייער טאכטער ~~טאטע~~ אריבער קיין אייראנג און זיי לעבן אלע צוזאמען.מיט דער צייט באקענט זיך זלמנס טאכטער מיט xxxxx א יונגן בחור פון ~~אונדזערע בוכענוואלדער~~ און זיי באשטימען חתונה צו האבן.

זלמן ~~שיקט אוועק א בריוו~~ צו זיינעם א ברודער אין די פאראייניקטע שטאטן וועגן xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx דער טאפלטער שמחה,וואס xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx זיין טאכטער איז געבליבן לעבן און אין גיכן וועט ער איר פירן אונטער דער חופה. אין א קורצער צייט ארום איז זלמנס ברודער פון אמעריקע געקומען קיין אייראנג. די פרייד פון דער באגעגענישאיז נישט מעגלעך איבערצוגעבן.אויך מיר ~~אלע~~ זיינען שטארק גערירט.

אויף דער חתונה זיינען ~~געווען~~ געלאדן אלע געוועזענע קאצעטניקעס.און ווי אנדערש האט דאס געקאנט זיין,מיר האבן זיך בעפילט ווי די הויפט-מחותנים,ווי דאס וואלטן געווען אונדזערע קינדער.2 קינדער פון יידישן פאלק,וועלכע זיינען געווען באשטימט פארברענט צו ווערן אין די היטלעריסטישע קאלך-אויוונס,האבן חתונה.נאך דער באפרייונג איז דאס געווען אונדזער גרעסטע שמחה,אונדזער גרעסטע פרייד.א גאנצע נאכט האבן מיר זיך משמח געווען,געטאנצט און געזונגען.און זלמן האט יעדעס מאל געהויבן א טאסט און אן אויפהער געמורמלט;טאנצט קינדערלעך,

זיבנט קינדערלעך! אז מיר האבן דאס דערלעבט דארף מען זיך פרייען און משמח זיין.

## <u>אין באפרייטן פוילן גיסט זיך נאך אלץ יידיש בלוט</u>

פון צייט צו צייט דערגייען צו אונדז ידיעות און גרוסן פון לעבן אין באפרייטן פוילן. די גרוסן פון דער קליינער שארית הפליטה (וואס איז געבליבן) פון די 3 מיליאן אויסגעהרגעטע פוילישע יידן, זיינען בישט גאר קיין פריילעכע. די נייע פוילישע רעגירונג, וואס אן אמת, באציט זיך פריינדלעך און מיט אפענער סימפאטיע צו די לעבנגעבליבענע יידן דערבאר אבער איז ביי א גרויסן טייל פון פוילישן פאלק געבליבן די אלטע שנאה צו די יידן און אין משך פון די אקופאציע יארן איז זי נאך מער פארשארפט געווארן דורך דעם היטלעריסטישן סם. פארשידענע xxxxxx ארגאניזירטע באנדעס ווי "נארא" און אנדערע, וועלכע באקעמפן דער פוילישער רעגירונג טוען עס ~~ווי~~ אונטערן אלטן לאזונג (פון) "זשידא-קאמונא" און זיי פירן ממש אן אויסראטונגס קאמף קעגן די יידן, וועלכע האבן זיך געראטעוועט פון היטלערישן גיהנום און זיך באזעצט אין פוילן.

א צווייטער מאטיוו פון מארדן די יידן איז געווען אזוי צו זאגן א ריין מאטעריעלער. א סך פאליאקן האבן בעת דער אקופאציע געראבעוועט און זיך צונעמען יידיש גוטס, xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx ווי הייזער, געשעפטן, ארבעטס-אונטערנעמונגען ~~און אנדערע ווערטפולע זאכן~~. געווען אויך אזעלכע וועמען די יידן האבן אין צייט פון געטא און גירוש אנפארטרויט xxxx זייער פארמעגן, מיט דעם, אז נאכן קריג וועלן זיי דאס באקומען צוריק. דxxxxxxx די דאזיקע רויבער און אויך א טייל פון דער צווייטער גרופע, וועמען ס'איז אנפאר-טרויט געווארן יידיש פארמעגן, האבן געציטערט פאר די איינצלנע יידן, וועלכע האבן זיך באוויזן אין זייער היים-שטעטלעך, אז זיי וועלן (צוריק) מאנען זייער פארמעגן. כדי xx ~~דעם~~ בישט דערלאזן בערצו האבן זיי זיך פאר גארנישט אפגעשטעלט, ביז צום דערמארדן די ערוענטועלע מאנער און יורשים. אזעלכע קרבנות זיינען אויך געווען אין xxxxxx סקארזשיסק.

עטלעכע מיינע לאנדסלייט: איטשע ווארשאאר, שמואל מילער, זעליק בעקערס זון, איידיק בלאכאזש זון, די לעצטע צוויי זיינען געווען יונגע בחורים אריבער 20 יאר אלט, און א פרוי, לעוויט, וועלכע איז פארן קריג געקומען פון ווארשע און זיך באזעצט אין סקארזשיסק, האבן איבערגעלעבט אלע היטלערישע גיהנומס און געבליבן לעבן. אין

יאר 1945 זיינען זיי פון דייטשלאנד ארויסגעפארן קיין פוילן און זיך באזעצט אין סקארזשיסק. געוווינט האבן אלע ביי איטשע ווארשאווא אין הויז, אויף דער דריטע מאי גאס. איטשע ווארשאווער האט פארן קריג געהאט איינס פון די גרעסטע געשעפטן פון מעבל און פרויען-קאנפעקציע און איז געווען פארעכנט פאר א רייכן מענטש. בעת די נאצי-יארן האט ער א טייל פון זיין פארמעגן איבערגעגעבן צום באהאלטן זייער א באקאנטער פוילישער פרוי, גזימקא, מיט וועלכער ער איז געשטאנען אין האנדלס באציונגען.

צוליב דעם ווארשיינלעך, צו איינמאנען באטש א טייל פון זיין פארמעגן האט ער זיך אומגעקערט קיין פוילן, און באצאלט דערפאר מיטן לעבן. שפעט ביינאכט, ווען מאיר ווארשאר און די איבעריקע זיינען שוין געשלאפן האט זיי אויפגעוועקט א קלאפן אין טיר. אויף זייער פראגע ווער דאס איז האט זיך אפגערופן די פרוי גזימקא, אז דאס איז זי און האט ארומצורעדן מיט זיי א וויכטיקן ענין. ווען מען האט געעפנט די טיר זיינען צוזאמען מיט דער גזימקא אריין עטלעכע מאסקירטע פאליציאנטן און האבן גלייך אפגעפייערט אן האגל מיט קוילן. אלע 5 יידן זיינען געבליבן ליגן אין א קאלודשע בלוט. דורך א גליקלעכן צופאל האט זיך געראטעוועט מייגער א קוזין חיים שיפמאן, וועלכער האט אויך געוווינט אין ווארשאווערס הויז. דעם זעלבן טאג, ווען ס'איז פארגעקומען דער טראגישער מארד, איז ער ארויסגעפארן קיין לאדזש און אויף אזא אופן ארויסגעמיטן דעם טויט.

אין דער פרי האבן די פוילישע שכנים פון מאיר ווארשאוור געמאלדן קיין קעלץ וועגן דעם שוידערלעכן מארד. אין בעצייילטע שעהען ארום איז פון דארט בעקומען דער יידישער קאמענדאנט פון דער פוילישער פאליציי און רוסישע ענקאווער לויט די באקומענע אינפארמאציעס זיינען זיי גלייך אוועקגעפארן צו דער פרוי גזימקא און איר ארעסטירט. בעת דער אויספארשונג האט זי ארויסגעגעבן די פאליציאנטן, וועלכע האבן אנטיילגענומען אין מארד. זיי זיינען אלע געשטעלט געווארן פאר א שטאנד-געריכט. גזימקא איז פארמשפט געווארן צו אייביקער תפיסה און די פאליציאנטן צו טויט-שטראף. זיי האבן אפעלירט צום פוילישן מלוכה-פרעזידענט, ביערוט, וועגן באגנעדיקונג. זייער בקשה איז אפגעווארפן געווארן און

דער טויט-אורטייל איז אויסגעפירט געווארן.

אין סקארזשיסק האבן צו יענער צייט געוווינט נאך עטלעכע יידן, וועלכע האבן איבערגעלעבט די אקציע. אויף צומארגנס אין דער פרי, נאכן טראגישן מארד, זיינען זיי אלע ארויסגעפארן קיין לאדזש און סקארזשיסק איז צום צווייטן מאל געבליבן יודנריין.

## דער ווייטערדיקער גורל פון מיינע ליידנס-ברידער אין שליבן

דאס הארטע לעבן אין די נאצי-לאגערן האט אין א געוויסער מאס אפגעשטעמפט ביי די העפטלינגען זייערע נארמאלע מענטשלעכע געפילן. יעדער איינער איז געווען אויף אזויפיל אנגעלאדן מיט פיין און צרות, אז ער איז נישט געווען ביכולת צו זען און מיטפילן זיין חברס ליידן. אבער דאס איז בלויז געווען א צייטווייליקע און אויבנאויפיקע דערשיינונג.

אונטער דעם הארטן אייז-צודעק האבן געשטראמט טיפע מענטשלעכע געפילן, וועלכע האבן אפילו אין די שווערסטע צייטן געפונען זייער ארויסדרוק. אין מאמענט ווען דער נאצי-דרוק איז אראפגענומען געווארן פון אונדז האבן די דאזיקע מענטשלעכע געפילן צוריק באקומען זייער היקף. אין לעבנאר און איירינג האבן די געראטע-ווענע העפטלינגען בעלעבט ווי איין משפחה און איינער העם צווייטן האט ארויסגעוויזן די גרעסטע אויפמערקזאמקייט. די געמיינזאמע איבערלעבונגען און ליידן וועלכע מיר זיינען אדורך האבן אונדז דערנענטערט און געבונדן מיט די נאנטסטע משפחה פעדים.

ווען מען האט מיר א שווער-פארוווונדעטן צוגענומען פון שליבן קיין בוכענוואלד, האט מיר כסדר אינטערעסירט דער גורל פון מיינע ליידנס-ברידער וועלכע זיינען געבליבן אין לאגער. דערוווסט ווען דעם האב איך זיך, ערשט נאך דער באפרייונג, פון באקאנטע און פריינד מיט וועלכע איך האב זיך געטראפן.

עטלעכע טעג נאך דעם אויפרייס איז קיין שליבן אנגעקומען א גרויסע צאל היטלער-יוגנט, אין עלטער פון 15 - 20 יאר. זיי זיינען געקומען ראטעווען די אונטערגייענדיקע נאצישע שיף. אין זייער אבזקיות צו די יידישע העפט-לינגען האבן זיי פילפאכיק אריבערגעשטיגן די עלטערע דייטשן. די לעבנגעבליבענע קאצעטניקעס האבן נישט איינמאל מקנא געווען די וועלכע זיינען אומגעקומען בעתן

אויפרייס און די שווער-פארוווּנדעטע,וואס זיינען אריבערגעפירט געווארן קיין בוכענוואלד.

4 וואכן האט געדויערט דאס אפרייניקן די חורבות פון אויפרייס. 4 וואכן פון שווערע מאטערנישן פאר די העפטלינגען. נאכן באזייטיקן די צעשטערונגען פון דער עקספלאזיע איז די היטלער-יוגנט אוועקגעפארן און די יידישע קאצעטניקעס האבן פרייער אפגעעטעמט. די שטענדיקע לייטונג פון לאגער, וועלכע איז באשטאנען פון ספעציאליסטן צו פייניקן זייערע אונטערטאנען, האט זיך נישט געקאנט גלייכן אין איר אכזריות צו דער היטלער-יוגנט.

די פאבריק איז געווארן צוריק אויפגעשטעלט און די קריגס-פראדוקציע איז ווייטער אנגעגאנגען. די לאגע פון די קאצעטניקעס איז מיט יעדן טאג געווארן שווערער. א לענגערע צייט איז אפגעשטעלט געווארן דאס ארויסגעבן די ברויט-פארציעס און מען האט געלעבט בלויז אויף די וואסערדיקע זופקעס. פיל העפטלינגען זיינען טאג-טעגלעך אויסגעגאנגען פון הונגער.

פון שליבן גייט אפ א טראנספארט קיין שלאסבערג. אין דעם טראנספארט געפינען זיך אויך מיינע צוויי לאנדסלייט פיניע עליאשעוויטש און מאיר אייזענבערג. זייענדיק אין שליבן בין איך געווען מיט זיי אין איין באראק און זיך זייער גוט צוזאמענגעלעבט. ~~מיט דער~~. מיר האבן איינער דעם אנדערן שטענדיק געטרייסט און אונטערגעהאלטן אין גייסט, אז מיר וועלן נאך דערלעבן צו זען די נאצישע מפלה. ליידער האבן זיי דאס נישט דערלעבט. אין שלאסבערג זיינען זיי פארפייניקט און דערשאסן געווארן דורך די עס-עס.

דעם ערשטן און 15 אפריל,1945, זיינען די העפטלינגען אין 2 טראנספארטן ארויסגעפירט געווארן פון שליבן. איינגעפרעסט אין די וואגאנען ווי הערינג אין א פעסל האט מען זיי וואכנלאנג געפירט אן עסן און טרינקען. ~~אין די וואגאנען~~ זיינען אויסגעבראכן פארשידענע קראנקהייטן און עפידעמיעס. אין די וואגאנען זיינען געווען א סך געשטארבענע, וועלכע זיינען נישט צוגענומען געווארן.

אין דרעזענשטאט, טשעכאסלאוואקיע, זיינען זיי די ערשטע טעג מאי באפרייט געווארן דורך דער רויטער ארמיי. נישט קיין סך פון זיי זיינען געבליבן ביים לעבן.

יצחק דייטשלאנד

אין מאמענט ווען מיר הויבן זיך אן פילן צוריק ווי מענטשן, ווען מיר באקומען

אאאאקאאאאקאאאאקאאאאלאאאאלאאאאלאאאאן אונדזערע טרוקענע בײנער באדעקן זיך ~~מיט~~
מיט א ביסל פלײש,הויבן מיר אן טראכטן וועגן אונדזער ווײטערדיקן גורל,וועגן
פארלאזן די פארשאלטענע דײטשלענדישע ערד.פאר דעם גרעסטן טײל פון אונדז איז דאס
נישט קײן לײכטער פראבלעם.די טויערן פון א סך לענדער,צווישן זײ אויך פון די
פאראײניקטע שטאטן און קאנאדע זײנען געשלאסן פאר אונדז,און זײ ווילן נישט
אויפנעמען און ארײנלאזן די רעשטלעך פון אויסגעהרגעטן אײראפעישן ײדנטום.
און דווקא די דאזיקע לענדער האבן פאר אונדז די גרעסטע צוציונג.דארטן זײנען
פאראן גרעסערע ײדישע ישובים,דער גרעסטער טײל פון אונדז האט אין די לענדער
נאנטערע אדער ווײטערע קרובים,באקאנטע,לאנדסלײט,דארט רעכענען מיר וועט אונדז
זײן אמלײכטסטן זיך צוריק אײנגלידערן אין נארמאלן לעבן.די לענדער אבער האַ־
בן שטרענגע אימיגראציע־פארשריפטן און אײלן זיך נישט צו מאכן פאר אונדז וועל־
כע ס'איז פארלײכטערונגען.

אויך מיר געבערט דער געדאנק ווי אזוי ארויס פון דײטשלאנד און ווו אײנאר־
דענען מײן נײע הײם.געהאלפן לעזן דעם שווערן פראבלעם האט מיר מײנע א קוזי־
נע רחל בערנשטײן פון קאנאדע.זי האט זיך דערוווסט וועגן מײן עקזיסטענץ און
אנגעקנופט א קאנטאקט מיט מיר.שפעטער האט זי פאראינטערעסירט מיט מײן מעדזאן
אירע א באקאנטע מאנטרעאלער מײדל,ברײנע שערמאן,וועלכע האט קריגס־צײט גע־
דינט אלס פרײוויליקע אין דער קאנאדער ארמײ.מײן נײע באקאנטע שיקט מיר א
אויספאדערונגס־פאפירן און טוט אלץ וואס זי איז ביכולת איך זאל קאנען קומען
קײן קאנאדע.נאך לאנגע שלעפענישן און פארמאליטעטן פארלאז איך ענדלעך אין יאר
1948 די דײטשישע ערד און קום אן קײן קאנאדע.xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx
אינגיכן נאך מײן אנקומען קײן קאנאדע האב איך חתונה מיט ~~פערסאן~~ און מיר
לעבן גליקלעך און צופרידן.